STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03261

# BARNI DER MELAMED

Leon Bassein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# באַרני דער מלמד

## זיין תורה און זיין מלחמה מיט די קונדסים פון קאָלומבוס'עס מדינה

פון

**לעאָן עלבע**

(ל. באַסיין)

פערלאַג „הומאָר“, ניו יאָרק.

.1914

446 פינסקי־מזל פרעסס, אינק., 84 בויערי, נ. י.

Copyright, 1914,
by Leon Bassein.

הויפט פערקויף ביי
M. Gurewitch, Book Store,
202 East Broadway, New York, N. Y.

# אינהאלטס פערצייכניס:


| | |
|---|---|
| | זייט |
| בעניו הקדמה | 5 |
| דער ערשטער „סעמפעל" פון בארני'ס תורה | 7 |
| תורה, „באל" און „קרעפס" | 10 |
| בארני טוט נאך זיין בארבער | 13 |
| בארני האט שוין אן „אפאזישען" | 16 |
| זיין קאנקורענט רעדט אויס דאס הארץ | 19 |
| חברה טוט „ביזנעס" | 22 |
| בארני'ס מיינונג וועגען עברית בעברית | 25 |
| מלמדים זיינען „אל ראיט" אין אמעריקא | 28 |
| א יוניאן פון מלמדים | 31 |
| ער לערענט מיט די קינדער „לאא" | 34 |
| א בעזוך פון די מוהלים | 37 |
| א צווייטער בעזוך פון די מוהלים | 41 |
| בארני'ס מגילה אין גראמען | 44 |
| מען ווארפט איהם צו א בייבי | 48 |
| ער קריגט אן איירישען תלמיד צו דער הגדה | 52 |
| לערענט מיט די בנים די קשיות און מיט די טאטעס דעם תירוץ | 54 |
| דער „ביג" שבת | 57 |
| א הגדה פאר מלמדים | 59 |
| שיר השירים נאך קאלומבוס'עס נוסח | 62 |
| שיר השירים אין גראמען | 66 |
| ער ווערט אויך א פריהלינג-פאעט | 70 |
| בעריל פאנפאטער וויל איהם האבען פאר א פארטנער | 73 |
| זיין ל"ג בעומר פיקניק | 77 |
| ווי ער פערטייטשט פרק | 80 |
| אקדמות לשבועות | 82 |
| ווי א פריידענקער מאכט „המוציא" | 84 |
| טשאלי'ס בר-מצוה-„ספיטש" | 86 |
| ער לערענט בלק אין די קעטסקילס | 88 |

זייט


ער בונטעוועט די „קאָונטרי"־ווייבער ........ 91
די רעוואָלוציע וואַקסט ........ 93
ער „מופט" פון די קעטסקילס ........ 96
דער תשעה־באב פּיקניק אויף דער „סעמעטערי" ........ 99
מען מאַכט איהם אַ באַנקעט ........ 101
זיין חדר „מופט" ........ 104
אַ מעשה מיט אַ גלגול ........ 107
וואָס מיט זיין קאַנטשיק האָט געטראָפען ........ 111
זיינע תלמידים סטרייקען ........ 114
ער „עקספּליינט" זיינע תלמידים, וואָס ראש־השנה איז ........ 117
ער לערענט זיי „פּאַיטען" כפּרות ........ 120
„סעמפּעלס" פון קהלת ........ 123
משה רבינו קומט איהם צו חלום ........ 126
אַ גאַנצע „לעקטשור" אין „פּליין" אידיש וועגען ימים ........ 129
אַ סדרה פּאָליטיקס ........ 132
„וואַטסי מערע מיט חנוכה?" ........ 135
אַ „קידנעפּינג" בלבול ........ 139
געכאַפּט מיט די „גודס" ........ 142
אַ סטאַטיסטיקער בעזוכט איהם ........ 145
אַ „ספּליט" אין דער סאָסייעטי „אנשי קובעבע ולאַקריץ" ........ 149
אַ צווייטע קוני לעמעל געשיכטע ........ 152
ער קריעגט אַן אַסיסטענט ........ 156
„דאַט'ס אָל" באַרני מלמד! ........ 158

# כעין הקדמה.

בארני דער מלמד, אָדער בארני דער היברו טיטשער, ווי ער אליין גלייכט מען זאָל איהם רופען, איז צוערשט נתגלה געוואָרען אין 1910 אין דער „ווארהייט“ על־ידי בן־הבת.

דער דאָזיגער בן־הבת, וואָס ער איז ניט מעהר ווי איינער פון מיינע שרייבערשע גלגולים (פסעוודאָנים בלע״ז), האָט זיך כלומרשט פערשטעלט פאַר א רעפּאָרטער פון א צייטונג, און דורך דעם האָט ער זיך ביי בארני׳ן איינגעקויפט אין לאַסקע און איז געוואָרען זיין „פּרעס איידזשענט“, צו בעוויזען דער וועלט וואָס פאַר א טייערען ערציהער אין אידישקייט און פּעדאַגאָג דער יונגער אידישער דור אין אמעריקא האָט.

וואָך־איין וואָך־אויס האָט בן־הבת בעזוכט בארני דעם מלמד׳ס „היברו סקול“, די אמעריקאנער פעקטאָרי פון אידישקייט, און אזוי ארום האָט זיך געצויגען א לאַנגע געשיכטע, ביז בארני האָט פערקויפט זיין חדר צו אַן אַנדער בארני, וועלכער האָט אָנגעהויבען די געשיכטע פון אָנהויב און חזר׳ט זי איבער נאָך עד היום הזה.

די דאָזיגע געשיכטע האָב איך איצט ארויסגעגעבען אין א בעזונדער בוך מיט הוספות און תיקונים, אָדער ווי בארני אליין וואָלט עס פערטייטשט: צוגעפיקסט און צוגעטרימט.

און לראיה באתי על החתום און שרייב זיך אונטער מיט מיין אמת׳ען נאָמען:

ל. באַסיין, המכונה לעאָן עלבע,
המכונה לייבע דער רויטער, וכו׳.

פה ניו־יאָרק הבירה, „ויהי שם לגוי מלמד“ לפ״ק,
און נאָכ׳ן אמעריקאנער חשבון: דזשוליי, 1914.

# דער ערשטער סעמפּעל פון באַרני'ס תורה.

„איהר ווילט זעהן, מיסטער רעפּאָרטער, ווי מען קנעלט מיט אַמעריקאַנער לויפערס? מיט פּלעזשור! סיט דאון, פּליעז, און שרייבט אריין וואָרט פאר וואָרט אין אייער פּייפּער. זאָל טאַקי די וועלט וויסען, אַז בארני דער היברו טיטשער, וועלכער האָט אין דער היים געהייסען ברוך דער מלמד, נעהמט ניט חלילה קיין אומזיסט געלד און קען לערנען חומש אויפ'ן אמעריקאַנער סטייל אויך."

מיט דיעזע ווערטער האָט מיך מקבל פּנים געווען בארני דער מלמד, ווען איך ביז אריין אין זיין „היברו סקול", חדר הייסט עס, אין א ווינקעל פון דער שוהל פון דער קאָנגרעגיישאָן „אנשי כאבק פורח".

„איהר וועט זעהן, מיסטער רעפּאָרטער, וואָס אַמעריקאַנער לויפערס זיינען", האָט בארני ווייטער געזאָגט, „און ווי בארני דער היברו טיטשער מענעדזשט מיט זיי און עקספּליינט זיי אַלע טייטשען פון חומש אין פּליין אידיש."

„ווער איז נעקסט, לויפערס?" האָט ער באַלד א קאָמאַנדעווע געטאָן צו זיין סטאַדע, א חברה פון אכט אינגלעך, וועלכע האָבען מיט אונגעדולד געקוקט אויף דער טיר וואָס פיהרט צו דער פרייער גאַס.

„איך, רבי!" האָט די גאַנצע סטאַדע אויסגעשריען אין איין קול.

„בעני! דו ביזט נעקסט!" האָט בארני זיך אָנגערופען צו איין אינגעל מיט א באַל אין האַנט, און אָפּעפּענענדיג א חומש, האָט ער זיך גענומען צו דער ארבייט, האַלטענדיג דערביי א טייטעל, אום דער תלמיד, וועלכער האָט דעם באַל געהאַט מעהר אין זינען, ווי דעם חומש, זאָל ניט פערליערען וואו ער האַלט.

„היינטיגע סדרה, בעני'לע, איז „וישב", זאָלסטו געדענקען! גו, זאָג: וישב יעקב, האָט דזשייקאָב גענומען א סיט, באַרץ, אין

קאָונטרי, מגורי, פון די רומס, אביו, פון זיין פּאַפּאַ, בארץ, אין דער קאָונטרי, כנען. אלה תולדות, דאָס איז די בוירטדי, יעקב, פון דזשייקאָב׳ען. יוסף, דזשאָו, בן, אַ באָי, שבע עשרה שנה, פון 17 יאָהר. והוא, און ער, נער, אַ באָי, את בני, מיט די טשילדערן, בלהה, פון בלהה, ואת בני, און מיט די טשילדערן, זלפה, פון זלפה, נשי, די לײדיעס, אביו, פון זיין פּאַפּאַ. ויבא יוסף דבתם רעה, און דזשאָו האָט אויף זיי געסקווילט, אל אביהם, פאַר זייער פּאַפּאַ.״

בעני האָט די לעצטע ווערטער שוין דערזאָגט אויף יענער זייט טיש, רוקענדיג זיך אַלץ נעהענטער צו דער טיר.

„דהאַט׳ס אינאַף, רבי!״ האָט ער אויסגעשריען, און איז אין איין אויגענבליק געווען אויף יענער זייט טיר.

„איהר זעהט?״ האָט באַרני זיך געווענדעט צו מיר, „ס׳אַרא לויפערס דאָס זיינען! ער האָט זיך שוין איינגעמאַטערט. היינט געה מאַך פון אזא באָנטש שטיקלעך אידען!״

אין דעם אויגענבליק איז אַריינגעלאָפען אַ אינגעל מיט קולות:

„רבי! גיוו מי עַ שאָו! דאָרט באָיעס ווארטען מיט׳ן גיים. האָריאָפּ!״

די איבעריגע אינגלעך האָבען אפילו פּראָטעסטירט, אָבער דער רבי האָט בעשלאָסען צו געבען דיעזען אינגעל אַ „שאָו״ און אָפּלער־נען מיט איהם פאַר זיין „נעקסט״.

„אָלע־ראַיט, דזשייק״, האָט דער רבי געזאָגט. איך וועל דיר געבען אַ שאָו, אָבער דו זאָלסט זיין דערפאַר אַ גוט באָי. סיט דאַון.״

דזשייק אָבער האָט זיך ענטזאָגט צו זעצען זיך.

„דאָנ׳ט מאַינד איט, רבי״, האָט ער געזאָגט, „איי׳ל מייק איט קוויק. איי עם אין דהי האָררי.״

„נו, זאָג שוין, לויפער!״ האָט דער רבי זיך ווידער גענומען צו דער טייטעל, „וישראל, און איזראעל, אהב, האָט געגליכען, את יוסף, דזשאָו׳ען, מכל בניו, פון אַלע זיינע באָיעס, כי, ביקאָס, בן זקונים, אַ סמאַרט באָי, הוא, ער, לו, ביי איהם. ועשה לו, און ער האָט איהם געמאַכט, כתנת פסים, אַ סילקענעם דזשאָמפּער.״

„דהאַט׳ס אָל״, האָט דזשייק אויסגעשריען, און גלייך פער־שוואונדען געוואָרען.

„רבי, איי׳ל בי סון בעק״, האָט זיך אָפּגערופען אַ אינגעל, „איך וועל קומען צו מיין פסוק״. — און איידער דער רבי האָט נאָך בעווי־

זען צו געבען איהם די ערלויבניס, איז ער שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

„וועלל", האָט דער רבי געזאָגט, „קום שוין דו, סעמי, אהער. נו, זאָג! וואו האָט ער געלאָזען? מען קען דען געדענקען? נו, זאָג שוין דאָ. ויאמר, און ער האָט געזאָגט, אליהם, צו זיי, שמעו, ליסן, נאָ, פליעז..."

„נאָו איז מאַי נעקסט", האָט אן אנדער אינגעל, היימי, ארויס־געריסען ביי סעמי'ן דעם חומש, און גענומען גלייך זאָגען. דער רבי האָט גאָרנישט געקענט מאַכען, און האָט זיך גענומען צו איהם.

„ויאמרו, און זיי האָבען געזאָגט, לו, צו איהם, אחיו, זיינע ברידער, המלך תמלך עלינו, אפשר ווילסטו זיין אַ פרעזידענט איבער אונז? אם משול תמשל בנו, אָדער דו ווילסט באַסעווען איבער אונז?"

דאָ האָט זיך בארני אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און האָט אַ קוק געגעבען אויף מיר, צו זעהן, וואָס פאַר אַן איינדרוק זיין אָריגי־נעלער טייטש על פי נוסח אמעריקא האָט געמאַכט אויף מיר.

„איהר פערשטעהט מיך", האָט ער מיר געגעבען ערקלערען, „מען איז דאָך עפּעס אין אמעריקא, אין אַ פרייער מדינה, וואו קיין קיסר איז ניטאָ, נאָר פרעזידענטען און באָסעס, פּאַסט זיך דעריבער ניט צו טייטשען „המלך תמלך", צי דו וועסט קיניגען. און אַזוי אויך „משול תמשול"."

דער תלמיד האָט קיין צייט ניט געהאַט צו וואַרטען, ביז דער רבי וועט מיר ערקלערען זיין „ערפינדונג", און ער איז נעלם געוואָ־רען. אָבער גלייך איז אויף זיין אָרט געזעסען אַן אַנדערער, אייבי.

„נו, זאָג ווייטער, היימי", האָט בארני געזאָגט, מיינענדיג, אַז היימי זיצט נאָך און וואַרט. אָבער באַלד האָט ער דערזעהן זיין טעות.

„אַט אַזוי ווי איהר זעהט", האָט ער זיך פאַר מיר פּערענט־פערט. „מען קען גאַר קיין וואָרט מיט אַ זייטיגען מענשען ניט אויס־רעדען. מען דאַרף זיי היטען, ווי די גנבים. די אויגען טאָר מען פון זיי ניט אַראָפּנעהמען. און מען קלאָגט נאָך, וואָס די אידישקייט פאַלט דאָ! נו, זאָג שוין דו, אייבי: ויקנאו בו, און זיי זיינען געווען דזשעלעס אויף איהם, אחיו, זיינע ברידער, ואביו, און זיין פּאַפּאַ, שמר, האָט געוואָטשט, את הדבר, די זאַך. וילכו, און עס האָבען

אוועקגעוואָקט. אחיו, זיינע ברידער... נו, געה שוין שפּיעלען זיך, אייבי! איך זעה דאָך, אז דו קענסט מעהר ניט איינזיצען."

אייבי האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען, און איז גלייך נעלם געוואָרען. אין חדר זיינען שוין מעהר קיין קינדער ניט געווען. איך האָב זיך אויפגעהויבען, אום אוועקצוגעהן. באַרני האָט מיך גענומען טרייסטען.

„עס דאַרף באַלד קומען נאָך א באַנטש!" האָט ער מיר געזאָגט. „וואַרט נאָך אויף נאָך אַביסעל."

איך האָב זיך פאַר איהם ענטשולדיגט, ערקלערענדיג, אז איך וועל איהם בעזוכען אַן אנדערש מאָל.

---

## תורה, באָל און קרעפּס.

„איהר זייט דאָ, מיסטער רעפּאָרטער?" האָט זיך באַרני דער מלמד א כאַפּ געטאָן צו מיר מיט פריידע, „אָלראַיט! דענק יו, וואָס איהר האָט מיך, באַרני, דעם היברו טיטשער, ארויסגעפּיהרט פאַר דער וועלט. זאָל טאַקי די וועלט וויסען, אז באַרני קען ניט פּערפּאַלען ווערען אפילו אין אמעריקא, וואו די תלמידים זיינען אנדערע און דער לשון איז אַן אנדערער. סיט דאַון, פּליעז, מיסטער רעפּאָרטער!"

און גלייך האָט ער זיך גענומען צו זיין טייטשעל.

„לויפערס!" האָט ער א קאָמאַנדעווע געטאָן צו זיין חברה, „היינטיגע סדרה איז „מקץ"! נו, זאָג דו אייבי — דיין נעקסט. ויהי, און עס איז געווען, מקץ, אז עס האָט זיך געפינדעשט, שנתים ימים, צוויי יאָהר, ופרעה חולם, און פרעה'ן האָט זיך גע'חלום'ט, והנה, און נון, עומד, ער שטעהט, על היאור, ביים ריווער. והנה, און נון, מן היאור, פון ריווער, עולות, וואַקען ארויס, שבע פרות, זיבען קיה, דזשאַסט ווי אין קאַונטרי, יפות מראה, מיט נייס פּייסעס, ובריאות בשר, און פעט ווי די אָלרייטניצעס."

„היימי! איצט איז דיין נעקסט", האָט באַרני צוגערופען א צווייטען אינגעל, „נו, זאָג, לויפער: והנה, און נון, שבע פרות, זיבען

קיה, אחרות, אנדערע, עולות, וואַקען אַרויס, אחריהן, נאָך זיי, מן היאור, פון ריווער, רעות מראה, מיט בעד פייסעס...״

אין דעם אויגענבליק איז אַ באָל, מיט וועלכען צוויי אינגלעך האָבען זיך געשפּיעלט אין צווייטען ווינקעל פון דער שוהל, אַ פליה געטאָן צום טיש, און שיער ניט געטראָפען באַרני׳ן. באַרני האָט זיך נעכאַפּט גלייך צום קאַנטשיק, און זיך אַ לאָז געטאָן צו די באָל־שפּיעלער, אָבער יענע זיינען שוין געווען אויף יענער זייט טיר, און היימי האָט אין טומעל געראַטעוועט דעם באָל, און איז אַרויסגע־לאָפען צו זיינע חברים. באַרני האָט זיך אַ פערסאָפּעטער צוריק־געקעהרט צום טיש.

„קען מען לעבען?״ האָט ער גע׳טענה׳ט צו מיר, „אַזעלכע לויפערס! וואו איז היימי? ניטאָ שוין! נו, זאָג שוין דו, דזשייק: ותאכלנה, און זיי האָבען אויפגעגעסען, הפּרות, די קיה, רעות המראה, מיט די בעד פייסעס, ודקות הבשר, און די מאָגערע, את שבע הפּרות, די זיבען קיה, יפות המראה, מיט די נאַיס פייסעס, והבריאות, און די פעטע אָלרייטניצעס...״

„אַ, דזשי!״ האָט זיך דזשייק פערוואונדערט.

די טיר האָט זיך געעפענט, און אַ פרוי איז אריין, פיהרענדיג אַ אינגעל פאַר דער האַנט.

„האַלאָ, מרס. דזשייקאָבס!״ האָט זיך באַרני אַ כאַפּ געטאָן און פערנייגט זיך העפליך, מעשה דזשענטעלמאַן, „וואָטסי מערע?״

„פּליעז״, האָט די פרוי געזאָגט, „לערנט אָפּ גלייך מיט מיין בעני׳ן, ביקאָס איך דאַרף מיט איהם צופאָהרען אין אַ פּליים.״

„מיט פּלעזשור, מרס. דזשייקאָבס, סיט דאַון״, האָט באַרני געזאָגט, און איינגעלאַדען זי זיצען. „קאַם היר, בעני, איך וועל דאָס מאַכען האַריאָפּ. נו, זאָג, בעניל׳ע: וידבר, האָט געספּיטשט, שר, דער פּרעזידענט, המשקים, פון די סאַלון־קיפּערס, את פּרעה, צו פּרעה׳ן, לאמר, אַזוי צו זאָגען. את חטאי אני מזכיר היום, איך בין געווען אַ בעד באָי, פּרעה, פּרעה, קצף, איז געוואָרען מעד, ויתן, און ער האָט אריינגעגעבען, אותי, מיך, במשמר, אין פּריזאָן, בית, אין הויז, שר, פון דעם פּרעזידענט, הטבחים, פון די בוטשאַרעס, אותי, מיך, ואת שר, און דעם פּרעזידענט, הטבחים, האופים, פון די בעקער. דהאָט׳ס אָלל, בעניל׳ע, מאָרגען וועלען מיר לערנען מעהר.״

בעני האָט ניט שטאַרק פּעראיבעל גנהאַט אויפ'ן רבי'ן, און ער איז מיט שמחה צוגעשפּרונגען צו דער מאַמען.

„גוד באַי", האָט מרס. דזשייקאָבס געזאָגט, און איז אַוועק מיט איהר תכשיט.

„סעמי, דיין נעקסט!" האָט באַרני צוגערופען אַ אינגעל, וועל־כער איז געווען פערטאָן אין שפּיעלען „קרעפּס" מיט אַ צווייטען אינגעל.

סעמי האָט ניט אַזוי גיך דערהערט דעם רבי'נס קול, און דער רבי האָט זיך צו איהם געמוזט מטריח זיין מיט'ן קאַנטשיק. סעמי האָט זיך פלינק אַ קעהר געטאָן צום טיש, נאָך איידער דעם רבי'נס קאַנטשיק האָט איהם געטראָפען.

„און וואו איז דיין היטעל, סעמי?" האָט זיך דער רבי אַ כאַפּ געטאָן, „אָהן אַ היטעל ווילסטו לערנען, גוי איינער?"

סעמי האָט קיין צייט ניט געהאַט צו געהן זוכען זיין אייגען היטעל, און ער האָט אַרונטערגעכאַפּט ביי אַן אַנדער אינגעל פון קאָפּ.

„נו, זאָג שוין, לויפער", האָט דער רבי געזאָגט, „אותי, מיך, השיב, האָט ער צוריקגעקעהרט, על כני, אויף מיין דזשאָב, ואותו תלה, און איהם האָט ער אויפגעהאַנגען. וישלח פרעה, און פּרעה האָט געשיקט, ויקרא את יוסף, און ער האָט גערופען דזשאָו'ען, ויריצוהו, און מען האָט איהם אַרויסגעפּושט, מן הבור, פון פּריזאָן, ויגלח, און ער האָט זיך אַרומגעשייווט, ויחלף, און ער האָט איבער־געטשענדזשעט, שמלותיו, זיינע דרעסעס."

„דאַט'ס אָל", האָט באַרני אויסגעשריען. „וואַרט, סעמי. קומט אַלע אַהער, לויפערס, און איך וועל אייך אָפּטייטשען אַ ביסעל די היינטיגע הפטורה. עס איז דאָך עפּעס חנוכה, אַ יום־טוב'דיגע הפטורה. נו, סיט דאַון!"

די אינגלעך האָבען זיך אַביסעל געפּוילט, אָבער זעהענדיג דעם רבי'נס קאַנטשיק, פלאַטערנדיג אין דער לופטען, האָבען זיי זיך אונ־טערגעגעבען און זיך צוזעצט ביים טיש.

„אָל טוגעדהער, רבי!" האָבען די אינגלעך פאַרגעשלאָגען, וועלענדיג דאָס מאַכען שפּאַרעוודיגער.

„אָלראַיט", האָט דער רבי געזאָגט, „כאַפּט אייך דער דעוויל, לויפערס! זאָגט שוין, אָל טוגעדהער!"

עס איז געוואָרען א שרעקליכער טומעל. נאָר באַרני האָט אויפגעהויבען זיין שטימע העכער פון דער חברה'ס. באַרני האָט געזאָגט פּאַראוים, אזוי הויך, ווי דער סופליאָר אין אידישען טעאַטער, און די קינדער האָבען זיך געשלעפּט נאָך איהם, ווי די אידישע אקטיאָרען.

„רני, זינג א סאָנג — האָט געקלונגען יום-טוב'דיג באַרני'ס שטימע — ושמחי און אינדזשאָע זיך, בת ציון, די טאָכטער פון ציון, כי הנני בא, ביקאָס איך וועל קומען, ושכנתי, און איך וועל נעהמען א רעסט, בתוכך, צווישען דיר, נאום ה', אזוי ספּיטשט גאָט. ונחל, און ער וועט אַרבען, ה', גאָט, את יהודה, יהודה'ן, חלקו, זיין פּאַרט, על אדמת קדש, אויף דער הייליגער קאָונטרי, ובחר, און ער וועט עלעקטען, עוד, נאָך, בירושלים, אין ירושלים. הס כל בשר, שאַראַפּ עוורי באָדי, וישימו, און מען האָט אָנגעדרעסט, הצניף הטהור, א קלינע העט, על ראשו, אויף זיין קאָפּ, וילבישוהו, און מען האָט איהם אָנגעדרעסט, בגדים, אין דרעסעס."

די קינדער זיינען שוין ניט געזעסען. זיי האָבען זיך אַלע אויפגעשטעלט, און האָבען געשפּרונגען פון איין פוס אויפ'ן צווייטען, וואָרפענדיג אויגלעך צו דער טיר. באַרני האָט אויף זיי ענדליך רחמנות געקראָגען און בעפרייט זיי.

## באַרני טוט נאָך זיין באַרבער.

„היינטיגע סדרה, לויפערס, איז ויגש!" האָט אויסגעשריען באַרני דער מלמד צו זיינע צאן קדשים, נעהמענדיג דאָס טייטעל אין האַנט. „נו, ווער איז נעקסט?"

די אינגלעך האָבען גענומען שאַרען אין די קעשענעס און אין די בוזימס. באַרני האָט דערווייל מיר ערקלערט וועגען זיין וויכטיגע רעפאָרם, וואָס ער האָט איינגעפיהרט אין זיין „היברו סקול".

„פערשטעהט איהר מיך, מיסטער רעפּאָרטער", האָט ער צו מיר געזאָגט, „איהר האָט דאָך געזעהן, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ מיט די נעקסטס? דאָס זיינען דען קינדער, ווי אין דער היים. וואָס פּאַלגען א רבי'ן, האָבען מורא פאר א רבי'ן? דאָס זיינען דאָך שדים,

טייוואַלים, לויפערס. ווער דאַרף דאָס מיט זיי שלאָגן זיך? נו, האָב איך איינגעפיהרט מיט טיקעטס און נאָמבערס, אַזוי ווי מיין באַרבער טוט אין ביזי מיט זיינע קאַסטימער. אַט איהר וועט זעהן..."

אין חדר האָט זיך אויפגעהויבען אַ טומעל צווישען די קינדער, און צוויי אינגלעך זיינען שוין געשטאַנען אויסגעטאָן די קאַפּאָט־קעלעך מיט די היטלען, און אַזוי ווי די העהנער זיינען זיי געווען מוכן ומזומן צו אַ פּאַיט. די איבעריגע קינדער האָבען געמאַכט אַ רינג אַרום זיי.

„וואַטסי מערע?" האָט באַרני אויסגעשריען און האָט זיך אויפגעהויבען מיט'ן קאַנטשיק אין האַנט. „גאַר פּאַיטען זיך? וואָס איז דאָ?"

באַרני האָט בעוויזען צו מאַכען גלייך אָרדער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איין אינגעל האָט ביים צווייטען אַרויסגע־גנב'עט זיין „נעקסט" און האָט צו איהם אַריינגעלעגט אָנשטאָט דעם זיין טיקעט.

„מען קען זיך גאַר ניט אָפּקעהרען אויף אַ ווייל, צו רעדען מיט אַ מענשען!" האָט באַרני גע'טענה'ט, „קיין טיקעטס העלפט שוין גאַר אויך ניט! איך וועל זיי אָבער ווייזען, ווער עלטער איז! נו, ווער איז נעקסט?"

„איך בין נאָמבער וואַן!" האָט איין אינגעל אויסגעשריען, אָפּגעבענדיג דעם רבי'ן דעם טיקעט. דער רבי האָט אַ קוק געטאָן דעם טיקעט, אויב דער אינגעל בלאָפט איהם ניט, און דאַן, נעהמענ־דיג זיך צום טייטעל, האָט ער געזאָגט:

„נו, זאָג, היימי! ויגש, און ער האָט צוגעוואַקט, אליו, צו איהם, יהודה, יהודה, ויאמר, און ער האָט געזאָגט. בי, פּליעז, אדוני, מיסטער, ידבר, זאָל ספּיטשען, נאַ, פּליעז... ואל יחר אפך, און ווער ניט עקסייטעט, כי כמוך כפרעה, ווייל דו ביזט ביי מיר דזשאַסט די סעים ווי פּרעה. ונאמר, און מיר האָבען געזאָגט, אל אדוני, צו מיין מיסטער, יש לנו, עס איז פאַראַן ביי אונז, אב זקן, אַן אַלטער פּאַפּאַ, וילד זקונים קטן, און אַן אַלטער קליינער באָיטשיק..."

„נאָמבער טו!" האָט באַרני אויסגעשריען, און אַ צווייטער אינגעל איז צוגעגאַנגען.

„נו, זאָג זשע, אייבי: ויאמר, און ער האָט געזאָגט, עבדך, דיין קנעכט, אבי, מיין פּאַפּאַ, אלינו, צו אונז, אתם ידעתם, יו נאָו,

כי, אז, שנים, צוויי, ילדה, האָט געבאָרען, לי, מיר, אשתי, מיין מיסים. ולקחתם, און איהר וועט צונעהמען, גם, אויך, את זה, דעם דאָזיגען, מעם פּני, פון מיין פּעים, וקרהו, און עס וועט איהם טרעפען, אסון, אַן עקסידענט, והורדתם, און איהר וועט מאַכען נידערן, את שיבתי, מיין עלטער, ברעה, אין שלעכטס, שאולה, אויפ׳ן סעמעטערי."

עס איז געקומען דער „נעקסט" פון „נאָמבער טהרי". אָבער ער איז געשטאַנען מיט אַן אנדער אינגעל און געהאַט מיט איהם אַ לאַנגען ויכוח. עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז ער האָט געוואָלט פערהאַנדלען זיין „נעקסט" צו יענעם אינגעל, וועלכער האָט געהאַט אַ ווייטערדיגען „נעקסט". דער „נאָמבער טהרי" האָט געוואָלט דריי פּיקטשורס פון סיגאַרעט־באָקסלעך פאַר זיין נעקסט, און יענער אינגעל האָט געוואָלט געבען נאָר צוויי. בארני האָט זיי צושטערט דעם גאַנצען מסחר, און דער „נאָמבער טהרי" איז געבליבען ביי זיין נעקסט.

„נו, זאָג זשע דזשייקי", האָט בארני זיך ווידער גענומען צום טייטעל, „וכלכלתי, און איך וועל סופּאָרטען, אותך, דיך, שם, דאָרטען, כי ביקאָס, עוד, נאָך, חמש שנים, פינף יאָהר, רעב, אַ הונגער, פּן, טאָמער, תורש, ועסט ווערען אַ געבראָכענער מעמבער, אתה, דו, וביתך, און דיין פעמילי, וכל אשר לך, און דיין גאַנצער באָנטש. ואתה צויתה, און דיר האָט מען געאָרדערט, זאת, דאָס, עשו, טוט, קחו, נעהמט, לכם, צו אייך, מארץ, פון דער קאָונטרי, מצרים, מצרים, עגלות, קערידזשעס, לטפּכם, פאַר אייערע בייבים, ולנשיכם און פאַר אייערע ליידיעס.,"

„נאָמבער פאָר" איז געוועזען סעמי.

„נו זאָג זשע, סעמילע: ותתום, און עס האָט זיך געפינדעשט, השנה ההיא, יענער יאָהר, ויבואו, און זיי זיינען געקומען, אליו, צו איהם, בשנה השנית, אין דעם נעקסטען יאָהר, ויאמרו, און זיי האָבען געזאָגט, לו, צו איהם: לא נכחד, מיר וועלען ניט בלאָפען, מאדוני, פאַר׳ן מיסטער."

דאָ איז אַריינגעקומען אַ מיידעל, און האָט געבעטען באַרני׳ן ער זאָל איהר אָנשרייבען אַ אידישען בריעף צו איהרע עלטערן קיין רוסלאַנד. ער האָט די חברה ארויסגעלאָזען אין סטריט, און זיך גענומען שרייבען דעם בריעף.

„מען דאַרף מאַכען אַ פּאָר סענט“, האָט ער זיך פאַר מיר פערענטפערט. „וואָס דען מיינט איהר? פון די מלמדות אַליין קען מען דאָ מאַכען אַ לעבען? אָט, מען שרייבט בריעף, מען רעדט אַ שידוך, מען איז מסדר קדושין, מען פּראָוועט פאַר איינעם יאָהר־צייט, און מיין ווייב האָט עטליכע באָרדערס, איז אַרום און אַרום מאַכט מען שוין ווי עס איז אַ לעבען.“

---

## באַרני האָט שוין אַן „אָפּאָזישען“.

קומענדיג צו באַרני מלמד אין חדר, וואָס פערנעהמט איין ווינקעל אין דער שוהל פון דער חברה „אנשי כאבק פורח“, האָב איך דערזעהן, אַז ער האָט שוין אַ קאָנקורענט, אַן אָפּאָזישען, ווי מען רופט עס אויף ביזנעס־לשון.

אין אַ צווייטען ווינקעל פון דער זעלבער שוהל איז געזעסען נאָך אַ מלמד, אַ בלאַסער און דערשראָקענער אידעל און האָט געקנעלט מיט אַן אַנדער „באַנטש“ קינדער. באַרני האָט מיר דאָס באַלד ערקלערט.

„דאָס האָט די חברה פערגעבען נאָך אַ ווינקעל צו אַ מלמד“, האָט ער מיר געזאָגט שטיל, „עס איז זיי אַלץ וועניג די חברות. זיי וואָלטען וועלען פון די שוהלען ארויסנעהמען צעהן מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל עס קאָסט זיי אַליין. מיינע אַנדערהאַלבען דאָלאַר אַ וואָך רענט איז זיי וועניג, ווילען זיי נאָך. זיי רייסען פשוט פון טויטע און פון לעבעדיגע, פון עליות, פון טיקעטס און פון אַלעס, וואָס זיי קענען, אבי געלד. איי, אמעריקאַ!“

„קען אייך עפּעס דער אַנדער מלמד שאַדען?“ האָב איך איהם מיט מיטלייד געפרעגט.

„מיר שאַדען?“ האָט זיך באַרני אַזוי ווי בעליידיגט. „מיר, באַרני דעם היברו טיטשער, וועט ער שאַדען? ער איז דאָך אַ מלמד, אַ גרינהאָרן, מיט זיינע היימישע טייטשען נאָך, וועלכע די היגע קינדער פערשטעהען גאָרניט. איהר האָט דאָך געהערט ווי איך טייטש דעם חומש? וואָס ווייסט ער, דער גרינהאָרן, פון אמעריקאַנער טייטשען? „כד“ איז ביי איהם אַ קרוג, ניט קיין פּיטשער. ער מיינט, ער איז נאָך ביי זיך אין דער היים, אין בולבעשאָק! כד

— א קרוג! ניטאַ וווּ עס זאָל לאַכען! וואָס קרוג? ווען קרוג? קרוג היינט און קרוג מאָרגען — פרעגט זיי די קינדער בחרם, וואָס דאָס איז אזוינס, אַז זיי ווייסען גאָר פון אַ פּיטשער און ניט פון קיין קרוג.״

אין שוהלכבעל איז געווען גאַנץ טומעלדיג פון די צוויי „באַנ־טשעס״ קינדער. בארני האָט אָפּגעקליבען זיין „באַנטש״ און צוזעצט זיי ארום זיין טיש.

„לויפערס, איהר זאָלט מיר ניט ארומלויפען״, האָט ער זיי אָנגעזאָגט, „איהר זאָלט מיר ניט קריכען צו יענע לויפערס, איהר הערט? ווארט, איך וועל אקאָרשט זעהן, אויב אַלע זיינען דאָ.״

ער האָט גענומען צעהלען, אָנרופענדיג יעדען מיט זיין נאָמען. איינער האָט געפעהלט. ער האָט גענומען נאָך אַמאָל צעהלען, רעכע־נענדיג אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, אָבער עס האָט אַלץ געפעהלט איינער. ער האָט דאַן אַ וואָרף געטאָן די אויגען צו יענעם טיש, וואו דער אַנדער מלמד איז געזעסען, און ער האָט דעם חברה־מאַן מאַקי דערזעהן, זיצענדיג ביי יענעם טיש.

„אזוי גאָר, מיסטער טשארלי״, האָט זיך בארני אָנגערופען צו יענעם מלמד, „איהר קידנעפּט גאָר מיינע קינדער?״

„וואָס הייסט, איך קידנעפּע אייער׳ע קינדער?״ האָט זיך יענער מלמד בעליידיגט, „קנאַפּ איז מיר מיין באַנטש, ווי איהר רופט עס אליין? וואָס רעדט איהר עס, מיסטער בארני?״

„איי, מיסטער טשארלי״, האָט בארני געזאָגט מיט שטאָלץ, „איהר פערשטעהט גאָר קיין דזשאָוק ניט. איהר זייט נאָך גאָר אַ גרינער!״

בא־ני האָט אָנגענומען זיין פערבלאָנדזשעט שעפעלע פאַר די אויערען און צוריקגעקעהרט עס צו זיין סטאַדע. עס האָט זיך ארויס־געוויזען, אַז דער אינגעל האָט חלילה ניט פערלאָזען בארני׳ן, נאָר ער האָט פּשוט געהאַט אַ „געים״ מיט אַ תלמיד פון יענעם מלמד.

„נו, לויפערס״, האָט בארני אויסגעשריען, „איצט וועלען מיר לערנען. היינטיגע סדרה איז „ויחי״. ווער איז נעקסט? נאַמבער וואַן!״

דער „נאַמבער וואַן״ האָט דערלאַנגט זיין טיקעט, און בארני האָט אַ קוק געטאָן גוט דעם טיקעט, אויב דער חברה־מאַן בלאָפט איהם ניט.

„נו, זאָג, סעמי: ויקרבו, און זיי זיינען געוואָרען האַרי־אַפּ, ימי, די טעג, ישראל, פון איזראַעל, למות, צו שטאַרבען, ויקרא, און ער האָט גערופען, לבנו יוסף, זיין זוהן דזשאָו, ויאמר לו, און ער האָט איהם געזאָגט: אם, אויב, נאָ, פּליעז, מצאתי חן בעיניך, איך האָב אַ שאָו ביי דיר, שים, טו, נאָ, פּליעז, ידך, דיין האַנט, תחת ירכי, אונטער מיין דיך, ועשית, און דו זאָלסט טאָן, עמדי, מיט מיר, חסד, אַ פעיוואָר, ואמת, און אמת, אל נא תקברני, פליעז, לעג מיך ניט אויף דער סעמעטערי, במצרים, אין מצרים."

„נאָמבער טו!" האָט בארני אויסגעשריען, אָפּלאָזענדיג דעם „נאָמבער וואָן". „דו, אייבי? אָלראַיט! נו, זאָג: האלהים, גאָט, אשר התהלכו אבותי, וואָס מיינע פּאַפּאַס האָבען געוואָקט, לפניו, פאַר איהם, אברהם, אייבי, ויצחק, און אייק, האלהים, גאָט, הרועה, וואָס סופּאָרטעט, אותי, מיך, מעודי, עני טאַים, עד היום הזה, ביז צו היינטיגען טאָג. המלאך, דער מלאך, הגואל, וואָס ער האָט אַרויסגעהאָלפען אותי, מיך, מכל רע, פון אַלע טראָבעל, יברך, ער זאָל בענטשען, את הנערים, די באָיעס, ויקרא, און עס זאָל גערופען ווערען, בהם, אין זיי, שמי, מיין נאָמען, ושם, און דער נאָמען, אבותי, פון מיינע פּאַפּאַס, אברהם, אייבי, ויצחק, און אייק, וידגו, און זיי זאָלען זיך מעהרען, לרוב, אַ האָללאָט, בקרב, ביטווין, הארץ, די קאָונטרי."

דער „נאָמבער טו", זעהענדיג, אַז בארני לאָזט איהם אַזוי גיך ניט אָפּ, האָט ער אַליין אַ פּאַטש געטאָן איבער'ן חומש און אַ געשריי געטאָן:

„דאַט'ס אינאַף, רבי!" און איז אַרויסגעשפּרונגען פון טיש.

„כאַפּט דיך דער טייוועל!" האָט בארני אויסגעשריען. „מען קען דען עפּעס מאַכען מיט אַזוינע לויפערס? נאָמבער טרי!"

דער „נאָמבער טרי" איז צוגעגאַנגען מיט אַ שטיקעל „טשואינג גאָם" אין מויל.

„נעהם אַרויס, היימי, פון מויל דיינע חזיר'שע טשונגאָם!" האָט אויף איהם בארני אַ געשריי געטאָן. דער אינגעל האָט אַרויסגענומען די „טשואינג גאָם" און אָנגעקלעפּט עס אויפ'ן ברעג פון חומש.

„נו, זאָג: פּחז, ווייל דו ביזט געווען האַרי־אַפּ, כמים, דזשאָסט ווי וואַסער, אל תותר, זאָלסטו דערפאַר קיין סוקסעס ניט מאַכען.

שמעון ולוי, סיימאָן און לואי, אחים, זיינע ברידער, כלי די דישעס, חמס, פון גענגסטערס, מכרותיהם, זייערע ביזנעס. באפּס, אין זייער עקסייטמענט, הרגו, האָבען זיי גע'הרג'עט, איש, אַ מאַן, וברצונם, און אין זייער ווילען, עקרו, האָבען זיי אַרויסגערייסען, שור, אַן אָקס."

„אַ, דזשי!" האָט היימי אויסגעשריען, „הי קען ביט דזשאָהנסאָן!"

אַז די קינדער האָבען דערהערט דעם נאָמען „דזשאָהנסאָן", איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט דורכגעגאַנגען זייערע אַלע־מענס לייבער.

„הו קען ביט דזשאָהנסאָן?" האָבען זיי אַלע געפרעגט, ניט הערענדיג וועגען וועמען דאָ האַנדעלט זיך.

„איי דאָנ'ט נאָו", האָט היימי געענטפערט, „באָט היער אין חומש, עסק דהי רבי!"

„הו איז איט, רבי?" האָבען אַלע קינדער פאַר איין מאָל אַ פרעג געטאָן בארני'ן.

„שאַראַפּ!" האָט בארני אויף זיי אָנגעשריען, „פערטויבט קאָן מען גאָר ווערען! אהאַ, זיי האָבען דערהערט אַ פּרייז־פאַיטער, האָבען זיי גאָר אָפּגעלעבט! נו, פרעג איך אייך, זיינען דאָס קינדער? רעגעלע לויפערס זיינען דאָס! מען לערנט זיי און מען לערנט זיי, און עס קומט צו עפּעס, ווייסען זיי ניט! איי, אַמעריקאַ!"

---

# זיין קאָנקורענט רעדט אויס דאָס האַרץ.

אָפּשטאַטענדיג מיין וויזיט ביי בארני'ן אין חדר, האָב איך מיין בעל־דבר, דאָס הייסט, בארני'ן אַליין ניט געטראָפען. דער „באָנטש" זיינער איז אויך ניט געווען, אחוץ צוויי, וועלכע זיינען געוועזן פערטיעפּט אין שפּיעלען „קראַפּס".

איך האָב אַ קוק געטאָן אין צווייטען ווינקעל, וואו עס האָט זיך געפונען דער חדר פון בארני'ס נייעם קאָנקורענט. יענער איז געזעסען און האָט געקנעלט מיט זיין „באָנטש".

„איהר ווארט אויף בארני'ן, מיסטער?" האָט ער געפרעגט מיך, „ער איז מסתמא אוועק פאַר ביזנעס."

„וואָס פאַר אַ ביזנעס?" האָב איך פערוואונדערט געפרעגט.

„איי, ווייסט איהר דאָך גאָרניט! איהר זייט דאָך במחילה נאָך גאָר אַ גרינער", האָט ער געזאָגט, ברייט און נאַריש לאַכענדיג. „איהר מיינט, אין דער אמת'ן, באַרני דאַרף האָבען די מלמדות? נאָר אַ אידען איז וועניג די וועלט, וויל ער אַלעס אריינכאַפּען, אבי יענעם זאָל ניט בלייבען. אַט אַזוי איז שוין ביי אידען."

„וואָס אַן ערך פאַר אַ ביזנעס טוט ער?" האָב איך געפרעגט.

„וואָס הייסט? איהר ווייסט גאָר ניט? זייט איהר דאָך טאַקי אַ גרינער, כאָטש איהר שרייבט אין די פּייפּערס! איהר מיינט אין דער אמת'ן, אז איהר האָט אַ מצוה פערדיענט אָן איהם, וואָס איהר האָט איהם געגעבען אַן אדווערטייזמענט אין די פּייפּערס און אַלע רעדען פון איהם? מעהר מצוה וואָלט געווען, אז איהר זאָלט געבען אַן אדוועטייזמענט אַט אַזאַ אידען, ווי איך, וועלכער האָט ניט מעהר, ווי טרוקענע מלמדות. עס איז אפילו גאָרנישט מיט גאָרנישט די גאַנצע אדוועטייזמענט, וואָרים וואָס זיינען די פּייפּערס? הוילע בלאָפס! אַט האָבען די פּייפּערס געשריבען, אז אייער און נאָך דאַרטען עסענוואַרג ווערען ביליגער, ממש בזיל-הזול. געהט מיין ווייב קויפען אין אַ גאַווינע אַ פּאָר אייער פאַר די קינדער, האָט די סטאָר-קיפּערקע געדרעבענט פאַר די פּאָר אייער אַ מטמון מיט געלד. פרעגט דאָך מיין אידענע: „סטייטש, די פּייפּערס שרייבען דאָך, אז אייער זיינען שוין ביליגער?" ענטפערט די סטאָר-קיפּערקע: „די פּייפּערס שרייבען! ווייסט איהר ניט, אז די פּייפּערס בלאָפען?" נו, אַט דאָס טענה איך דאָך אויך: די פּייפּערס בלאָפען. נאָר מילא, מען קריגט אַן אומזיסטען אדוועטייזמענט, שאַדט ניט. זאָל מען דערווייל רעדען. אמאָל פאַלט עפּעס צו פון דעם. איהר האָט באַרני'ן זיכער דערמיט קיין רעה ניט געטאָן. עס קומען איהם צו קינדער, און ער בראַקירט שוין מיט די פּרייזען. אין אַמעריקאַ דאַרף מען נאָר אדוועטייזען, לויפען שוין אַלע אויפ'ן בייזען וואונדער."

ער האָט מיר הפּנים נאָך זיין גאַנץ האַרץ ניט אויסגעגאָסען און ער וואָלט נאָך געדעדט און געדעדט. נאָר דאָ איז באַרני שוין אָנגעקומען, און איהם האָט אַזוי ווי אָפּגענומען דער לשון. קענטיג, אז ער האָט פאַר באַרני'ן מורא. באַרני האָט געכאַפּט אַ קוק אויף איהם און אויף מיר, און קענטיג, ער האָט פערשטאַנען, אז צווישען

אונז איז געווען א געשפרעך, וואָס דאָס איז איהם ניט געווען שטארק לרצון.

„איהר האָט זיך דערווייל איינגעזשאַיעט מיט'ן גרינהאָרן", האָט בארני צו מיר זיך אָפּגערופען, „אַ פּלעזשור מיט איהם צו רעדען. איהר ווארט שוין דאָ לאַנג?"

„ניין, ניט זעהר לאַנג", האָב איך געענטפערט.

„איך בין געווען פאר ביזנעס", האָט ער מיר מיט עטוואָס שטאָלץ געענטפערט, „איך רעד דאָ מיינעם אַ לאַנדסמאַן אַ שידוך. וואָס־זשע, איהר מיינט פון די צרה'דיגע מלמדות קען מען אַ לעבען מאַכען? נו, איצט ווע־לען מיר לערנען! וואו איז מיין באָנטש? היימי, געה רוף אַלעמען אריין, און דו, אייבי, קום צום טיש."

היימי איז אַוועק זוכען די קינדער, און בארני האָט גענומען דערווייל לערנען מיט אייבי'ן.

„זאָג זשע, לויפער: ואלה, און דאָס זיינען, שמות, די נעמען, בני, פון די טשילדרען, ישראל, פון איזראַעל הבאים, וואָס זיינען געקומען, מצרימה, קיין מצרים. את יעקב, מיט דזשייק'ען..."

„דהאָט'ס אָל, רבי!" האָט אייבי אַ פּאַטש געטאָן איבער'ן חומש, און געוואָלט ארויסלויפען פון טיש.

„נאָ, ועסט ניט אַוועקגעהן", האָט בארני געזאָגט, „איין מאָל באָטש מוז איך אויספיהרען!"

און אום צו זיין זיכערער מיט איהם, ער זאָל פון מיטען לערנען ניט אַנטלויפען, האָט איהם בארני אריינגענומען צווישען די פיס. אייבי האָט זיך דערווייל בענוצט מיט דער געלעגענהייט, וואָס דער רבי זעהט איהם ניט און ער האָט געמאַכט „פייסעס".

„נו זאָג: הבה נתחכמה לו, לאָמיר מאַכען מיט איהם אַ טריק, פּן, טאָמער, ירבה, ער וועט ווערען אַ האָלאַט, והיה, און עס וועט זיין, כי תקראנה, אז עס וועט טרעפען, מלחמה, אַ פאַיט, ונוסף גם הוא, און ער וועט אויך ווערען אַ מעמבער, על שונאינו, ביי אונזערע פיינד, ונלחם בנו, און ער וועט זיך פאַיטען מיט אונז, ועלה, און ער וועט אַרויסוואַקען, מן הארץ, פון דער קאַונטרי".

היימי האָט זיך דערווייל צוריקגעקעהרט נאָר מיט צוויי אינג־לעך. מעהר, זאָגט ער, האָט ער ניט געפונען. בארני האָט אפילו שטארק פעראיבעל געהאַט און ער האָט גענומען שילטען קאָלומ־

בוס'ען פאר וואס די קינדער זיינען אזוינע לויפערס א. אז. וו. אבער ער איז באלד אפגעגאנגען פון כעס, און ער האט גענומען לערנען מיט'ן נעקסטען אינגעל:

ותרא, און זי האט דערזעהן, את התבה, די באקס, ותפתח און זי האט אויפגעעפענט, ותראהו, און זי האט איהם דערזעהען, את הילד, די בייבי, והנה, און נון, נער, א באיטשיק, בוכה, וויינט".

נעקסט איז געווען דזשייק.

„ותאמר לה בת פרעה, און פרעה'ס טאכטער האט צו איהר געזאגט, היליכי את הילד הזה, נאדיר די בייבי, והיניקהו לי, און סאק מיר איהם אן, ואני אתן שכרך, און איך וועל דיר געבען וויידזשעס. ויגדל הילד, און די בייבי איז א ביג באי געווארען, ותביאהו לבת פרעה, און זי האט איהם געבראכט צו פרעה'ס טאכטער, ויהי לה לבן, און זי האט איהם געמאכט פאר איהר באי, ותקרא שמו, און זי האט גערופען זיין נאמען משה..."

בארני האט גענומען טראכטען, ווי אפצוטייטשען משה אויף ענגליש, און סעמי, דערהערענדיג „משה", האט ער זיך דערמאנט אן א טעאטער ליעדעל און גענומען זינגען:

„האט אימיצער געזעהן דא משה?"

„איך בין משה!"

בארני'ס קאנטשיק האט געמאכט באלד א סוף צו סעמי'ס קינסטלערישע קאריערע.

---

## חברה טוט ביזנעס.

„קאם-אן! ווער איז נעקסט? נאמבער וואן!"

דער „נאמבער וואן" איז צוגעשפרונגען און האט אפגעגעבען בארני'ן דעם טיקעט.

„נו, זאג בעני: וידבר אלהים, און גאט האט געספיטשט, אל משה, צו... יא, מיסטער רעפארטער, איהר זייט דאך עפעס אן ענגילשמאן, האב איך ביי אייך געוואלט עפעס פרעגען. איך בין אפילו אויך ניט קיין גרינער, דאך זייט איהר עפּיס מעהר ענגילש-מאן פאר מיר".

בעני, דערזעהענדיג, אז דער רבי געהט אריין מיט מיר אין א געשפרעך, האט בעשלאסען אויסצונוצען דערוויילע די צייט. ער האט זיך ארויסגעכאפט פון טיש און גענומען דערענדיגען די „גיים", וועלכע ער האט פריהער אנגעהויבען מיט נאך א אינגעל.

„פערשטעהט איהר מיך, מיסטער רעפארטער", האט בארני צו מיר געזאגט, „איך קען זיך מיר אליין קיין עצה ניט געבען, וואס איך זאל טאן מיט משה'ן? זאגען פראסט: משה — משה, אט ווי יענער גרינהארן, וואס זיצט ביי יענעם טיש און טייטשט „כד" א קרוג, קען איך ניט. ערשטענס, בין איך דאך ניט קיין גרינהארן, און צווייטענס, איז משה פארט ניט קיין משה, וועלכער ליעגט דא אין אמעריקא ביי אלעמען אויף דער צונג. זאל איך אפטייטשען משה — מאררים, קען איך וויטער ביי זיך ניט פועל'ן: ער איז דאך עפיס פארט ניט קיין אפרייטאר, אדער דארטען אבי ווער, אז מען זאל איהם רופען „מאררים". איהר דארפט דאך עפיס פערשטעהן: משה רבינו, דער ערשטער דזשוּאיש ראביי, דער ערשטער היברו טיטשער! נו, איז ווי זאגט איהר?"

„איהר קענט איהם רופען „מאזעס", האב איך געענטפערט.

„דאט'ס ראיט: מאזעס!" האט זיך בארני א כאפ געטאן מיט שמחה. „דאס איז מיר טאקי געלעגען אויף דער צונג, נאר איך האב פון דעסטוועגען געוואלט פרעגען ביי א מעהר ענגילשמאן, ווי איך. דאט'ס ראיט: מאזעס. משה רבינו איז ראבי מאזעס! איהר הערט, לויפערס? נו, זאג ווייטער, בעני.... וואו ביסטו? אבער שוין האט ער זיך ארויסגעדרעהט פון די הענט. ס'ארא לויפערס!"

„היער, רבי!" האט בעני אויסגעשריען, און איז אין דעם אויגענבליק שוין געזעסען ביים טיש.

„נו, זאג שוין, לויפער", האט בארני זיך צוריקגענומען צום טייטשל, „וגם, און אויך, הקימותי, איך האב אויפגעשטעלט, את בריתי, מיין זיכערהייט, עקסקיוז מי, איך האב א מיסטייק — מיין סעקיוריטי, אתם, מיט זיי, לתת, צו געבען, להם, צו זיי, את ארץ, די קאונטרי, כנען, כנען, את ארץ, די קאונטרי, מגוריהם, פון זייערע רומס, אשר גרו בה, וואו זיי האבען געוואוינט".

„נאמבער טו!" האט בארני אויסגעשריען.

א צווייטער אינגעל איז צוגעגאנגען.

„נו, זאָג זשע, אייבי:

„וידבר משה, ענד מאָזעס האָט געספּיטשט, לפני ה׳, פאַר גאָט, לאמר, אַזוי צו זאָגען: הן בני ישראל, אַז די באָיעס פון איזראַעל, לא שמעו, האָבען ניט געליסענט, אלי, צו מיר, ואיך ישמעני, און ווי אַזוי וועט מיר ליסענען, פּרעה, פרעה, ואני ערל שפתים, און איך בין אַ שלעכטער ספּיטשער".

„נאָמבער טרי! נו זאָג, היימי: ויאמר ה׳, און גאָט האָט געזאָגט, אל משה, צו מאָזעס׳ען, ראה, זעה, נתתיך, איך האָב דיך אַפּאָינטעט, אלהים, פאַר אַ באָס, לפרעה, איבער פרעה׳ן. הנה, נון, אנכי מכה, איך וועל פאַיטען, במטה, מיט׳ן ביג סטיק, אשר בידי, וואָס אין מיין האַנד, על המים, אויף די וואַסער, אשר ביאור, וואָס אין ריווער, ונהפכו, און זיי וועלען זיך פערטשענזשען, לדם, אויף בלוט".

„נאָמבער פאָר! ווידער דו, בעני? דו האָסט דאָך שוין געלערנט".

„נאָ, רבי," האָט בעני געזאָגט, „איך ניט געלערנט".

„דו בלאָפסט נאָך?" האָט זיך בארני אַ כאַפּ געטאָן, „דו ביסט דאָך געווען נאָמבער וואָן, ווען וויסלטו דאָס בלאָפען, האַ?"

„נאָ, איך ניט בלאָף!" האָט בעני געזאָגט.

„וואָס טוט זיך דאָס דאָ?" האָט בארני אַ געשריי געטאָן.

„וואַרט אַקאָרשט. איך וועל באַלד דערגעהן. איך וועל אַקאָרשט מאַכען אַן אינוועסטיגיישאָן".

באַרני׳ן האָט לאַנג ניט גענומען צו דערגעהן, וואָס דאָ איז: איין אינגעל, וועלכער האָט געהאַט אַ כעס אויף בעני׳ן, האָט אויס־געזאָגט פון חדר, און דערצעהלט, אַז דזשייק האָט געגעבען בעני׳ן דריי באַטאָן־פּיקטשורס ער זאָל לערנען פאַר איהם. באַרני האָט געמאַכט אוים מסחר, און דזשייקי האָט געמוזט געהן צום טיש.

„ נו,זאָג, לויפּער: וישרץ, און עס וועט ווערען אַ האָלאָט, היאור, אין ריווער, צפרדעים, זשאַבעס, ועלו, און זיי וועלען אַרויס־וואָקען, ובאו, און זיי וועלען אַריינמופען, בביתך, אין דיין הויז, ובחדר־משכבך, און אין דיין בעד־רום. ויעשו, און זיי האָבען געטאָן, כן, אַזוי, החרטומים, די טריקמייקערס, בלטיהם, מיט זייערע טריקס, ויעלו את הצפרדעים, און זיי האָבען אויך געמאַנופעקטשורט

זשאבעס, על ארץ, אין דער קאָונטרי, מצרים, פון מצרים. ויצברו, און זיי האָבען צונויפגעקאָלעקטעט, אותם, זיי, חמרים חמרים, גאנצע באָנטשעס".

„מיסטער בארני, מיסטער בארני!" האָט זיך אָבגערופען דער צווייטער מלמד פון דעם אנדער ווינקעל, „אייערע חברה שלאָגען זיך!"

בארני האָט זיך אָפּגעקעהרט פון חומש און דערזעהען, אז בעני האָט א פּאַיט מיט יענעם אינגעל, וואָס האָט אויסגעזאָגט פון חדר, און דערפאר טאַקי האָט ער מיט איהם געהאַט דעם פּאַיט. ביידע אינגלעך זיינען שוין געווען מיט אונטערגעשלאָגענע אויגען, אָבער זיי האָבען נאָך ניט געהאַט אין זינען צו ענדיגען. בארני האָט מיט דער הילף פון זיין קאַנטשיק זיי פארנאנדערגענומען. די אינגלעך האָבען קיין אנדער ברירה ניט געהאַט און זיינען זיך פארנאנדער-געגאנגען, מיט דעם פערשפּרעכען, אז אין סטריט וועלען זיי עס שוין ענדיגען.

## בארנים מיינונג וועגען „עברית בעברית".

קומענדיג צו בארני'ן אין חדר, האָב איך דערזעהן, אז דער מלמד, וועלכער האָט פערנומען דעם צווייטען ווינקעל, איז שוין ניטאָ, און אויף זיין פּלאַץ זיצט שוין אן אנדער מלמד מיט אן אנדער „באָנטש" קינדער. בארני האָט עס מיר באלד ערקלעהרט.

„יענער גרינהאָרן", האָט ער מיר געזאָגט, „וועלכער פלעגט טייטשען כד — א קרוג, און ניט כד א פּיטשער, אזוי ווי איך, איז שוין ניטאָ. ער האָט געקראָגען א דזשאָב פאר א שמש אין א שוהל. און דיעזער יונגער מאַן, וועלכער פערנעהמט זיין פּלאַץ, איז אַן „עברית בעברית'ניק, יו נאָו..."

„איהר מיינט, ער לערנט נאָך דער מעטאָדע „עברית בעברית?" האָב איך איהם געפרעגט.

„יא, יא", האָט ער געזאָגט, „דאָס איז די נייע מעטאָדע, צו לערנען העברעאיש אין העברעאיש: אשה, אן אשה, כי תזריע, אז זי וועט מזריע זיין, וילדה, און זי וועט מוליד זיין, זכר, א זכר,

וטמאה, און זי וועט טמא זיין.... און אזוי כסדר. גארנישט: א גרינג לעבען, מען מאטערט זיך ניט אויף א טייטש, ווי א נאש בראט. ילד, א ילד, זאגט מען, און ניט ילד א בייבי, ווי איך פערטייטש אין פליין מאמע־לשון. נו, איך פרעג אייך: האט עס א טעם? וואס פאר א טעם האט א ווארט אהן א טייטש? גארנישט. עס איז ווי איך זאג: מען וויל זיך האבען א גרינג לעבען, האט מען אויסגעטראכט א מעטאדע עברית בעברית!"

איך האב פרובירט פערטיידיגען די מעטאדע פון „עברית בעברית", ברענגענדיג א ראיה פון די נאיט־סקוהלס, וואו מען לערנט גרינע ענגליש אין ענגליש. ער האט אבער ניט געוואלט נאכגעבען.

„וואס פאר א פערגלייך?" האט ער זיך צולאכט, „יענער טיטשער פון נאיט־סקוהל איז דאך אן ענגילשמאן, היינט ווי זאל ער פערטייטשען די ענגליש אין אידיש? מיר וואונדערט אויף אייך, מיסטער רעפארטער, אז איהר זאלט אזוי רעדען! מילא, זאל ער לערנען עברית בעברית, און איך וועל לערנען עברית באמעריקא־ניש. קאם־אן, לויפערס!"

בארני האט געעפענט דעם חומש און זיך גענומען צום טייטעל.

„נאמבער וואן!" האט בארני אויסגערופען, „זאג, אייבי: ויאמר ה' און גאט האט געזאגט, אל משה, צו מאזעס'ען, בא, קאם־אין, אל פרעה, צו פרעה'ן, כי, ביקאס, אני הכבדתי, איך האב העווי געמאכט, את לבו, זיין הארץ. ומלאו, און זיי וועלען געקראודעט ווערען, בתיך, דיינע הייזער, ובתי, און די הייזער, כל עבדיך, פון אלע דיינע קנעכט. בנערינו, מיט אונזערע באיעס, ובזקנינו, און מיט אונזערע אלד מען, נלך, וועלען מיר וואקען, כי, ביקאס חג, א האלידעי, ה', פון גאט, לנו, צו אונז".

„נאמבער טו! זאג, היימי: שא נא חטאתי, עקסקיוז מיר, ויאמר לו פרעה, און פרעה האט צו איהם געזאגט, לך מעלי, געראוי היר, השמר לך, זאלסט זיך וואטשען, אל תוסף ראות, זאלסט נעווער זעהן, פני, מיין פעיס. מבכור, פון דעם פוירסט געבארענעם, פרעה, פון פרעה, היושב, וואס ער האט גענומען א סיט, על כסאו, אויף זיין טשער".

„נאמבער טרי! זאג, בעני: אל תאכלו, איהר זאלט ניט עסען, ממנו, פון איהם, נא, האלב געפראיט, ובשל מבשל, און גע־קאכט, במים, אין וואסער, כי אם, באט, צלי, געפראיט, אש, אויף'ן

פייער, ראשו זיין קאָפּ, על כרעיו, מיט זיינע פיס, ועל קרבו, און מיט זיין אינסאיד. וככה, און אזוי, תאכלו, זאָלט איהר עסען, אותו, איהם, מתניכם... וואַרט א סעקאָנד... איך וועל זיך באַלד דערמאָנען... יעס! מתניכם, אייערע היפּס, חגורים, פערגאַרטעלט מיט אַ בעלט, נעליכם, אייערע שוז, ברגליכם, אויף אייערע פיס, ומקלכם, און אייער סטיק, בידכם, אין אייערע הענט, ואכלתם, און איהר זאָלט עסען, אותו, בחפזון, האַרי־אָפּ. וראיתי, און איך וועל זעהן, את הדם, דאָס בלוט, ופסחתי, און איך וועל איבערדזשאָמפּען, עליכם, אויף אייך".

„נאָמבער פאָר! זאָג, דזשייקי: כל אוכל, דער וואָס וועט עסען, מחמצת, זויערטייג, ונכרתה, און עס זאָל פערשניטען ווערען, הנפש ההיא, יענע זעעלע, מעדת, פון דער קאָנגרעגיישאָן, ישראל, פון איזראַעל, בגר, סאַי אַ גרינהאָרן, ובאזרח, און סאַי אַ ציטיזענער, הארץ, פון קאָנטרי. בכל מושבותיכם, אויף אַלע אייערע סיטס, תאכלו, זאָלט איהר עסען, מצות, איסטער־קעיקס. ויסעו, און זיי האָבען געטרעוועלט, בני ישראל, די דזשוס, מרעמסס, פון רעמסס, סכתה, אין סכות".

„נאָמבער פאַיוו! זאָג, סעמי: ויאפו, און זיי האָבען געבאַקט, עגות, קעיקס, מצות, איסטער־קעיקס, כי, ביקאָס, לא חמץ, עס האָט ניט איינגעזויערט, כי, ביקאָס, גורשו, מען האָט זיי געגעבען די סעק, ממצרים פון מצרים, ולא יכלו, און זיי האָבען ניט געקענט, להתמהמה, זיין סלאָו. זאת, דאָס, חקת, די לאָא, הפסח, פון איסטער, כל בן נכר, יעדער פאָריינער, לא יאכל זאָל ניט עסען, בו, פון איהם. היום, היינט, אתם יוצאים, וואָקט איהר אַרויס, בחדש, אין דעם מאָנאַט, האביב, פון ספּרינג".

פאַרטיג ווערענדיג מיט אַלע קינדער, האָט מיר בארני דערצעהלט אַביסעל פון זיינע צרות, וואָס ער שטעהט אויס פון זיינע ברידער־מלמדים, וועלכע פערגינען איהם ניט זיין „סוקסעס".

„עס פערדריסט זיי", האָט ער מיר געזאָגט, „וואָס פון מיר שרייבט מען אין פּייפּער און פון זיי ניט. פרעג איך אייך: ווער איז שולדיג, אַז זיי זיינען שלימעזאַלניקעס און האַלטען זיך נאָך ביי די היימישע טייטשען? איך האָב זיי געזאָגט טאַקי: דזשענטלמען! דאָ איז אמעריקא, אַ קאָנטרי, וואָס איז פול מיט פּייפּערס, און מען זוכט נייעס. געהט אַרויס אַ נייער סטאַיל, אַזוי

שרייבט מען פון איהם! איך בין אויך ארוים מיט א נייעם סטאיל, שרייבט מען פון מיר אויך. מאכט אויך א נייעם סטאיל, וועט מען פון אייך אויך שרייבען. וואס בין איך שולדיג? וואס האט איהר צום אָרימען בארני? נו, פרעג איך אייך: בין איך אפשר ניט גערעכט? שור, בין איך גערעכט!"

---

## מלמדים זיינען אָל־ראַיט אין אַמעריקא.

„קאם־אן, לויפערס!" האט בארני דער מלמד א קאמאנדעווע געטהאן צו זיינע צאן קדשים, „סטעפּ ליוולי! עס איז אמעריקא: האַרי־אַפּ! היינטיגע סדרה איז „בשלח". וועט איהר גערענקען? יא, גערענקען וועלען זיי! אַט, באָל, קרעפּס, און דאָרטען אנדערע זאכען וועלען זיי גערענקען, אבי ניט די סדרה. קאם־אן! נאָמבער וואַן! ווער איז נעקסט?"

דער „נעקסט" איז צוגעגאנגען מיט זיין טיקעט.

„נו, זאָג, סעמי", האט זיך בארני גענומען צום טייטעל „ויהי, און עס איז געווען, בשלח, אז ער האט געמאכט צו מופען, פּרעה, פּרעה.... נו, סעמי, ווער האט געמאכט צו מופען?"

„דער לענדלאָרד", האט סעמי געענטפערט.

„נאט אייך, אמעריקאנער לויפערס", האט בארני זיך גע־ווענדעט צו מיר. „לערענט און לערענט, און גאָרנישט! ווער האט געמאכט צו מופען, סעמי?"

„דער דזשאָדזש!" האט סעמי שטאָלץ געענטפערט.

„אז ניט דער לענדלאָרד, איז דער דזשאָדזש", האט בארני געזאָגט, „פּרעה האט געמאכט צו מופען די אידען פון מצרים.... גאָט האט אזוי געהייסען. פערשטעהסטו שוין? נו, זאָג ווייטער: את העם, די פּיפּל, ולא נחם אלהים, און גאָט האט זיי ניט גע־פיהרט, דרך, מיט'ן וועג, ארץ, די קאָנטרי, פּלשתים, פון די פּלשתים, כי, ביקאָז, קרוב הוא, עס איז אַקראָס די סטריט, כי, ביקאָז, אמר אלהים, גאָט האט געזאָגט, פּן ינחם העם, טאָמער וועט די פּיפּל טשענדזשען זייער מאַין, בראותם מלחמה, אז זיי וועלען

זעהן א פייט, ושבו, און זיי וועלן אויסבעקען מצרימה, אין מצרים“.

„נאָמבער טו ! נו, זאָג, אייבי: ויהפך לבב פרעה, און עס האָט זיך איבערגעטשיינדזשט דאָס הארץ פון פרעה, ועבדיו, און זיינע קנעכט, ויאמרו, און זיי האָבען געזאָגט, מה זאת עשינו, וואָס האָבען מיר דאָס געטאָן, גאָדעמעט, כי שלחנו, אז מיר האָבען געסעקט, את ישראל, די דזשוס, מעבדנו, פון צו דיענען אונז. וירדפו מצרים, און די מצריים האָבען זיך געיאָגט, אחריהם, נאָך זיי, וישיגו, און זיי האָבען געקעטשט, אותם, זיי, חונים, זיי נעה־מען א רעסט, על הים, ביים אָשען, ווי אין קוני איילענד, כל סוס רכב פרעה, אלע פרעה'ס האָרסי באָגיס, ופרשיו און זיינע רייטערס, וחילו, און זיינע גענגס. ויאמרו, און זיי האָבען געזאָגט, אל משה, צו מאָזעס'ען, המבלי אין קברים במצרים, איז דען ניטאָ פלענטי סעמעטערים אין מצרים, לקחתנו, וואָס דו האָסט אונז גענומען, למות במדבר, צו שטאַרבען אין מדבר?“

„נאָמבער טרי! זאָג, בעני: ה' ילחם לכם, גאָט וועט זיך שוין פאַר אייך פאַיטען, ואתם תחרישון, און איהר — שאַראַפ! ויאמר ה' אל משה, און גאָט האָט געזאָגט צו מאָזעס'ען, מה תצעק אלי, וואָס שרייסטו צו מיר, דבר אל בני ישראל, ספּיטש צו די דזשוס, ויסעו, און זאָלען זיי מופען. ויאמרו אליהם בני ישראל, און די דזשוס האָבען צו זיי געזאָגט, מי יתן מותנו, אלבעטשע, עס איז בעסער, ווען מיר שטאַרבען, ביד ה', דורך גאָט'ס האַנט, בארץ, אין דער קאָנטרי, מצרים, פון מצרים, בשבתנו, ווען מיר האָבען געהאַט א סיט, על סיר הבשר, ביים טאָפּ פלייש, באכלנו, אז מיר האָבען געגעסען, לחם, ברויט, לשובע, פלענטי, כי הוצאתם אותנו, האָט איהר גענומען און אריינגעפושט אונז, אל המדבר הזה, אין דעם דאָזיגען מדבר, להמית, צו טויטען, את כל הקהל הזה, די גאַנצע דאָזיגע קאָנגרעגיישאָן, ברעב, אין הונגער“.

בארני האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט, און א זויערער שמייכעל האָט פערשיינט זיין פנים.

„יעס סער“, האָט ער זיך אָפּגערופען צו מיר, „אזוי איז דאָס, מיסטער רעפּאָרטער! און דאָ אין אמעריקא, מיינט איהר, האָבען מיר ניט קיין דור המדבר? אונזערע רוסישע אידעלעך בענקען

דאָ אויך נאָכ'ן טאָפּ פלייש, וואָס זיי האָבען געהאַט אין די אָלד קאָונטרי. אָט גאָרנישט, מען דאַרף שילטען קאָלאָמבוס'ען, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך זיי געשיקט! אמת, מען מאַכט דאָ ניט קיין גרויסע גליקען, מען ווערט אויסגעריסען אויפ'ן פּוד, ביז מען מאַכט אַ לעבען... ס'איז דאָ פּלענטי צרות... אָבער פרעג איך אייך: איז דען ביי פּאָניע'ן געווען בעסער? אָט נעהמט מיך, למשל. דאָ בין איך באַרני דער היברו טיטשער, און ביי פּאָניען בין איך געווען ברוך דער מלמד. נו, איז קנאַפּ צרות בין איך אויסגעשטאַנען פון פּאָניען? צאָהל איהם פאר אַ סווידעטעלסטוואָ, אַ לייסענס, ווי מען זאָגט עס דאָ, אז איך מעג לערנען מיט די קינדער חומש! פרעגט איהם, פּאָניע'ן, וואָס פאַר אַ ביזנעס האָט ער מיט'ן חומש, און וואָס אַרט איהם גלאַט, אויב אידישע קינדער לערנען יאָ חומש אָדער ניט? אָט גאָר נישט! מען דאַרף שטיקען דעם אידען... מילא, דאָ דאַרף אַ פּעדלער צאָהלען פאר לייסענס, איז עפּעס אַן אנדער זאַך: מען פערנעהמט פּאָרט די סטריט, אָבער אַ מלמד? חס וחלילה! עס איז ניט קאָלאָמבוס'עס ביזנעס: לערענט יאָ חומש, לערענט ניט חומש.... מיינט איהר אָבער, אז איך מאַך דאָ גליקען? אַ נעכטיגער טאָג! איך דאַרף דאָ זיין אי אַ מלמד, איז אַ שדכן, אַ בעל־תפלה ימים נוראים, און אמאָל אויך אַ שטיקעל קאָסטאָמער־פּעדלער, און דאַרטען נאָך פערשיידענע קליינע דזשאַבס מאַכען, פּראַווען פאר איינעם יאָהר־צייט, שרייבען בריעף מיט רוסישע דרעקשאָנס, זיין אמאָל אַ מסדר קדושין, און מיין ווייב, זאָל געזונד זיין, דאַרף נאָך טענדען באָרדערס אויך, און מיינער אַ באָי פּעדעלט נאָך מיט פּייפּערס אויך.... נאָר איך האָב קיין טענות ניט צו קאָלאָמבוסען: ער איז פון דעסטוועגען מעהר דזשענטלמאַן, ווי פּאָניע! יענער וועט דאָך גאָר ניט געבען קיין שאָו אַ אידען. דאָ דאַרף איך ניט ציטערען, אז מען וועט מיין באָי אָפּגעבען פאר אַ סאָלדאַט, אָדער אַ שיכור'ער גאָראָדאָוואָי זאָל מיך אָפּשטעלען אין מיטען סטריט און פרעגען אַ פּאַספּאָרט, אָדער גאָר שרעקען זיך פאר אַ פּאָגראָם. דאָ בין איך מיר פריי און קען זיך וואוינען, וואו איך וויל, אפילו אין וואשינגטאָן, לעבען דעם פּרעזידענט'ס פּאַלאַץ! אַ־נו, טרייט צו וואוינען אין פּעטערבורג לעבען דעם קייסער'ס פּאַלאַץ! אַי, אַ לויפער ווארפט דאָ אמאָל מיט אַ סנאָו־באָל, איז ערשטענס, קען דאָך דער לויפער

זיין אויך א אידישער באַי, און צווייטענס, גאָר ניט וויסען פון גלות — דאָס טאָר גיט קיין איד.“

און אין דער צייט, וואָס בארני האָט געהאַלטען זיין ספּיטש איבער דער אידען־פראַגע, האָט זיך דערווייל זיין גאַנצער „באַנטש“ קינדער ארויסגערוקט אין דרויסען.

„אָ, לויפערס!“ האָט ער מיט פערדרוס געזאָגט, „ניט גערעכט זאָלען זיי ווערען! פון די הענט ווערען זיי ניט!“

---

## אַ יוניאָן פון מלמדים.

„גוט וואָס איהר זייט געקומען, מיסטער רעפּאָרטער!“ האָט בארני דער מלמד זיך אָפּגערופען, ווען איך בין געקומען צו איהם אין חדר.

„וואָס איז דער מעהר?“ האָב איך געפרעגט.

„איך האָב אויף אייך געוואַרט, ווי אויף משיח'ן“, האָט ער געזאָגט ווייטער „עס איז ווי רש"י זאָגט: בקש בארני לישב בשלוה, בארני דער היברו טיטשער איז זיך געזעסען רוהיג און האָט געלערענט די אמעריקאַנער לויפערס תורת משה אויפ'ן אמעריקאַנער סטאַיל און האָט געמאַכט אַ לעבען — קומען זיי צוגעהן און זאָגען: יוניע! נו, פרעג איך אייך: אויף וואָס דאַרף איך די יוניע? וואָס בין איך עפּים, אַ שניידער, אַ קלאָוק־מייקער אָדער אַ קאַפּעטנער?“

„ווער זיינען דאָס זיי? וואָס פאַר אַ יוניאָן?“ האָב איך געפרעגט.

„איהר ווייסט גאָר נישט?„ האָט זיך בארני גע'חידוש'ט, „איהר זייט דאָך עפּים אַ רעפּאָרטער פון אַ פּייפּער, זאָלט איהר ניט וויסען! אַ וואונדער, בנאמנות! דאָ איז געוואָרען אַ יוניע פון יונייטעד היברו טיטשערס אָוו אמעריקאַ. אַזוי רופען זיי זיך. קומט צו געהן אַ קאָמיטע מיט אַ קרעדענשעל, און זאָגט: „ברור־דער בארני, אין יוניע אריין, און אויב ניט, זאָלט איהר וויסען, אַז איהר זייט אַ סקעב“. דערנאָך האַלטען זיי פאַר מיר אַ גאַנ־צען ספּיטש, ווי נויטיג עס איז צו זיין פעראייניגט, און אַז עס

איז שוין צייט, דאָס מיר מלמדים זאָלען זיך אראָפּנעהמען א מוסר פון די מגידים, מוהלים, בדחנים, וועלכע האָבען זיך שוין אָרגאַניזירט אין יוניעס און האָבען דאָרט גערעדט נאָך און נאָך, הכל באשר הכל, אזוי ווי מען רעדט צו שניידער אָדער צו קלאָוקמייקערס".

די אינגלעך האָבען גענומען קעהרען די וועלט, לויפענדיג איינע נאָך די אנדערע. בארני האָט זיך געמוזט אָפּקעהרען א ווײַלע, אום איינצושטילען זיי. ער האָט זיי צוזעצט ביים טיש, און דאַן האָט ער גענומען ווייטער רעדען:

„איך בין, פערשטעהט איהר מיך, א איד, וואָס אנטלויפט ניט פון א חברה, איך ווייס, אז א נאַש בראָט פון אונזערע כלי קדש, מוז בעלאַנגען צו א חברה, בפרט דאָ אין אמעריקא. עס בעצאָהלט זיך, אז מען איז אין א חברה. אָט ברידער פּאַטראָנייזען, מען לאָזט ניט פאלען אין אן עת צרה. מילא, טראַכט איך מיר, מען וויל מאַכען א חברה־מלמדים, אָלע ראַיט.... אמת, א חברה־מלמדים איז אזוי ווי א חברה קבצנים, וואָרום וואָס פאַר א יוז קען האָבען איין מלמד פון א צווייטען? נאָר מילא, זאָל זיין א חברה־מלמדים. זאָג איך צו דער קאָמיטע: „אָלע ראַיט, איך וועל אויך ווערען א מעמבער, וויבאַלד, אז דאָס איז א גזירה אויף אלעמען..." איי, זיי רופען דאָס יוניע? זאָל זיין יוניע! זיי ווילען מסתמא זיין סטאַיליש. הייסען זיי מיר קומען ביי נאַכט צום מיטינג..."

בארני האָט ווידער געמוזט מפסיק זיין, אום איינצושטילען צוויי אינגלעך, וועלכע האָבען געכאַפּט דערוויל א פּאַיט ביים טיש.

„קום איך צום מיטינג", האָט ער ווייטער דערצעהלט, „ערשט מען האלט ווייטער ספּיטשעס אויף וואָס די וועלט שטעהט, און דער ספּיטשער מאַכט פון אונז מלמדים כעפּרא דארעא, אז מיר זיינען ניט ווערטה, וואָס די ערד טראָגט אונז, אז מיר זיינען ערגער, ווי שניידער און קאַפּמעכערס. הכלל, מיר מוזען תשובה טאָן און ווערען א יוניע מיט לייט צוגלייך. קורץ, איך בין געוואָרען א מעמבער, צאָהל איין מיינע דיוס, און וויל נעהמען א מעמבער־קארד, פרעגט ביי מיר דער סעקרעטער, צו וועלכען ברענטש איך בעלאַנג? קוק איך איהם אָן: ווער ברענטש? וואָס ברענטש? פרעגט ער מיך, וואָסער מעטאָדע איך לערען:

עברית בעברית, עברית בזשארגאָן אָדער עברית באנגלית? זאָג איך צו איהם: איהר האָט נאָרניט געהערט פון בארני דעם מלמד, פון וועלכען מען שרייבט אין פּייפּער? אז ער גיט זיך דאָס א כאַפּ: „בארני דער מלמד! איהר פערקריפּעלט דאָך די קינדער מיט אייערע העסטער סטרייט טייטשען! איהר פּטר'ט דאָך בידים דעם צוקונפטיגען יונגען אידישען דור! מיר וועלען אייך ניט לאָזען אויף ווייטער לערנען אזוי!" ווער איך דאָך מסתמא אין כעס: מי שמך? וואָס הייסט ער וועט מיר ניט לאָזען? וואָס איז ער? א פּריסטאַוו אָדער אַן אוריאַדניק? „ניין", זאָג איך איהם, „ברודער סעקרעטער! דאָ איז אַמעריקא, א פרייע מדינה! איהר זאָגט יוניע? אָלע ראיט! וועדען א מעמבער? אָלע ראיט! אָבער זאָגען מיר א דעה אויף מיינע טייטשען? — נאָ סערי! איהר האַלט זיך ביי אייערע טייטשען, און איך וועל מיר טייטשען עם לבן גרתי — ביי לבנ'ען בין איך געוועזען א באָרדער, און אשה — א ליידי". ווי זאָגט איהר?"

„יא", זאָג איך, „אַמעריקא איז א פרייע מדינה".

„שור, א פרייע מדינה. איהר ווילט דאָך מסתמא וויסען דעם סוף? איך וועל דאָס מאַכען בקיצור, ווארים די לויפערס קענען זיך נאָך צולויפען, און עס וועט ניט זיין מיט וועמען צו לער־נען. הכלל, דערווייל איז געבליבען אזוי, נאָר מען וועט עס פערהאַנד־לען אויף א מיטינג, ווען מען וועט רעדען וועגען א פּראָגראַם פאַר אָלע מלמדים. איך וועל זיי עניווע ניט הערען, כאָטש ווערען א סקעב, אבי טייטשען ווי איך וויל. קאַם־אָן, לויפערס! מיר וועלען דאָס מאַכען היינט האַרי־אַפּ! די פוירסט דריי נאָמבערס".

עס זיינען צוגעגאַנגען דריי אינגלעך מיט זייערע טיקעטס, און בארני האָט מיט זיי גענומען לערנען די סדרה פון וואָך:

„וישמע יתרו, און יתרו האָט געליסענט, כהן מדין, דער רעוורענד פון מדין, חותן, דער שווער, משה, פון מאָזעס'ען... ווער איז געוועזען מאָזעס'עס שווער?"

„ראַביי יתרו!" האָט איינער פון די דריי אינגלעך אויס־געשריען.

„לויפער איינער!" האָט בארני א געשריי געטאָן. „יתרו איז ניט געוועזען קיין ראַביי. ער איז געוועזען א גוי'שער גלח".

„ראבי מאָזעס געהאַט אַ גוי'שע ווייב! אָ, דזשי!" האָט זיך דער אינגעל גע'חידוש'ט.

„לויפער! עס איז ניט דיינע ביזנעס!" האָט בארני אַ געשריי געטאָן. „לערנט ווייטער: „ויחד יתרו, און יתרו האָט זיך אינדזשאָיעט, על כל הטובה, פאר די אַלע פעיוואָרס, אשר עשה ה', וואָס גאָט האָט געטאָן, לישראל, צו די דזשוס... און רש"י מאכט: ויחד יתרו, און יתרו'ן האָט געשטאָכען דאָס לייב דזשאַסט ווי מיט נידעלס, ביקאָז עפטער אָל איז ער געווען אַ גוי, און דער בעסטער גוי האָט ניט ליעב צו הערען, ווי אידען מאכען סאַקסעס.... נו, ווייטער: ויראה חותן משה, און דער שווער פון מאָזעס'ען האָט דערזעהען, את כל אשר הוא עושה, אַלעס וואָס ער טוט, לעם, צום פיפל, ויאמר, און ער האָט געזאָגט: מה הדבר הזה אשר אתה עושה, וואַטסי מערע מיט יו? מדוע אתה יושב לבדך, פאַרוואָס האַסטו אַליין פערנומען דעם סיט, וכל העם, און דער גאַנצער קראוד, נצב עליך, שטעהט לעבען דיר?"

בארני האָט אָפגעלאָזען די דריי און גענומען אַנדערע דריי.

„נו, זאָגט, לויפערס: ואתה תחזה מכל העם, און דו זאָלסט עלעקטען פון גאַנצען קראוד, אנשי חיל, גוט באָיעס, אנשי אמת, ניט קיין בלאַפערס, שונאי בצע, ניט קיין גרעפטערס... ושפטו את העם, און זיי זאָלען זיין די דזשאַדזשעס איבער'ן פיפל, בכל עת, עני טאים. והיה, און עס וועט זיין, כל הדבר הגדול, אַ גרויסען טריימעל, יביאו אליך, זאָל מען ברענגען צו דיר, וכל הדבר הקטן, און אַ קליינעם טריימעל, ישפטו הם, זאָלען זיי טריילען. פער־שטעהט איהר, לויפערס? ראבי מאָזעס איז געווען דער סופרים קאָורט דזשאַדזש!"

„דאַט'ס אָלל!" האָט בארני געזאָגט, פערמאכענדיג דעם חומש, „יוניע! מעהר טאָר איך ניט לערנען! דער וואָקינג דעלע־גאַט וועט נאָך קומען און מיך פאינען!"

---

## ער לערנט מיט די קינדער „לאָ".

„היינט וועלען מיר אַקארשט סטאַדען אַ ביסעל לאָ", האָט געזאָגט בארני דער מלמד, נעהמענדיג זיך צו זיין טייטעל, „איהר וועט זעהן, מיסטער רעפאָרטער, וואָס פאר אַ גרויסער לאָיער,

דזשאָדזש און קאָנגרעסמאַן אונזער משה רבינו איז געווען! איי, משה! ווען ער לויפט פאַר פּרעזידענט, וואָלט ער פּאָזיטיוו עלעקטעט געוואָרען, און אַלע אידישע שונאים וואָלטען פון איהם געקראָגען אַזא מפלה, ווי פּרעה. איי, משה, זיינען מיר דאָס אויף צרות! די פּרעה׳ס נעהמען זיך גאָר ניט אויס, און דו מיט דיין ביג סטיק, מיט וועלכען דו האָסט דעם ים געשפּאָלטען און אַלע וואונדער אויפגעטאָן, ביסט נימאָ!"

בארני האָט אַ זיפץ געטאָן אויפ׳ן גלות.

„וועלל, לויפּערס," האָט ער געזאָגט, „לאָמיר לערנען. היינטיגע סדרה איז „משפּטים." קאָם-אָן! ווער איז נעקסט? אייבי? אַלע ראַיט! זאָג... לערען אָבער היינט מיט קאָפּ, לויפער דו איינער, וואָרים היינט איז אַ שווערע סדרה. מיר סטאַדען היינט לאָ, יו נאָ... נו, זאָג: ואלה המשפּטים, און דאָס זיינען די לאָס, אשר תשים לפניהם, וואָס דו זאָלסט זיי עקספּליינען. כי תקנה, אַז דו וועסט קויפען, עבד עברי, אַ דזשואיש קנעכט, שש שנים יעבוד, זאָל ער זעקס יאָהר דיענען, ובשביעית, און אויפ׳ן זיבעטען, יצא לחפשי, זאָל מען איהם דיסטשאַרדזשען, חנם, פאַר נאָטהינג. אם בגפּו יבוא, אויב ער קומט אַ סינגעלמאַן, בגפּו יצא, זאָל ער אַוועק אַ סינגעלמאַן, קיין ווייב זאָלסטו איהם ניט געבען. נעקסט!"

סעמי איז געווען נעקסט.

„נו, זאָג: ואם אמר יאמר העבד, און אויב דער קנעכט וועט זאָגען, אהבתי את אדוני, איך גלייך מיין באָס, את אשתי, מיין ווייב, ואת בני, און מיינע באָיעס, לא אצא חפשי, איך וויל ניט דיסטשאַרדזשט ווערען... וואָס-זשע טהוט מען מיט אַזאַ פערד? והגישו אדוניו, און זיין באָס זאָל איהם אַוועקשלעפּען אל האלהים, צום דזשאָדזש, והגישו אל הדלת, און ער זאָל איהם צופושען צום טיר, או אל המזוזה, אָדער צום אוסאַק, ורצע אדוניו את אזנו, און זיין באָס זאָל איהם דורכלעכערען דאָס אויער, במרצע, מיט אַ שוהמייקער נידעל, ועבדו לעולם, און ער זאָל איהם אייביג דיענען."

נעקסט איז בעני.

„זאָג, דו אַמעריקאַן לויפער: וכי ימכור איש, און אַז אַ מאַן וועט פערקויפען, את בתו, זיין טאָכטער, לאמה, פאַר אַ דיענסט, לא תצא כצאת העבדים, זאָל מען זי ניט דיסטשאַרדזשען ווי די קנעכט,

ווייל זי איז א ליידי, און כאָטש זי איז א דיענסט, איז אַלץ ליידים פויסט... ואם לבנו ייעדנה, און אויב דער באָס וועט זי אינגיידזשען פאר זיין זוהן, כמשפט הבנות יעשה לה, זאָל ער זי טריטען, ווי מען טריט אַלע ליידיס. אם אחרת יקח לו, אויב דעם באָס' זוהן וועט זיך נעהמען נאָך א ווייב, וואָרים וואָס פעהלט זיי די באָסעס און זייערע קינדער? שארה, איהר סופּאָרט, כסותה, איהרע דרעסעס, ועונתה, און איהר גוד טאַים, לא יגרע, זאָל ער ניט מינערען, דאָס הייסט, ער דאַרף קיין חזיר ניט זיין און טריטען זיין ערשטע ווייב, די געוועזענע דיענסט, עניוועג ווי א מענש, ווי די לאַ הייסט... נו, איהר זעהט שוין, וואָס פאר א דזשענטלמאן משה איז געוועזן? ביי איהם וואָלטען די סאָפּראַדזשעטקעס איינס און צוויי געקראַגען וואוטס... נו, נעקסט!"

טשאַלי איז געוועזן נעקסט.

„זאָג זשע: וגונב איש, און אויב עניבאָדי וועט קידנעפּען סאַמבאָדי, ומכרו, און ער וועט איהם פערקויפען, ונמצא בידו, און מען וועט איהם קעטשען, מות יומת, קומט איהם עלעקטריק טשער... פערשטעהט איהר? משה רבינו האָט פיינט געהאַט די מאָנקי־ביזנס. ער וואָלט מיט דער איטאַליעניששער בלעק־הענד געמאַכט איינס און צוויי... נו, זאָג ווייטער: וכי יריבון אנשים, און אז צוויי וועלען זיך צופאַיטען, והכה איש את רעהו, און איינער וועט דעם אנדערען א פּאָנטש טאָן, באבן או באגרוף, מיט א שטיין אָדער מיט'ן קולאַק, ולא ימות, און ער וועט ניט שטאַרבען, ונפל למשכב, נאָר ער וועט זיך לעגען צום בעט. אם יקום, אויב ער וועט אויפשטעהן, והתהלך בחוץ, און ער וועט וואָקען אין סטריט, על משענתו, אויף זיין שטעקען, ונקה המכה, זאָל דער פאַיטער דיסטשאַרדזשט ווערען, רק שבתו יתן, נאָר ער זאָל איהם בעצאָהלען די דעמעדזשעס, ורפא ירפא, און ער זאָל בעצאָהלען די דאָקטאָר־בילס. וכי ינצו אנשים, און אז צוויי וועלען זיך צופאַיטען, ונגפו אשה הרה, און זיי וועלען א פּוש טאָן א שוואַנגערע ליידי, ויצאו ילדיה, און עס וועלען נעדעמעדזשט ווערען איהרע בייבים, ולא יהיה אסון, נאָר קיין עקסידענט וועט ניט זיין, ענוש יענש, זאָל מען יענעם פאַינען."

נעקסט איז געוועזן דזשייקי.

„האַרי אָפּ, זאָג: וכי יתן איש אל רעהו, אז איינער וועט געבען

דעם אנדערען, כסף, זילבער, או כלים, אָדער דישעס, לשמור, צו וואַטשען, וגנב מבית האיש, און מען וועט עס ביי איהם אוועק׳גנב׳ע־נען, אם ימצא הגנב, אויב מען וועט קעטשען דעם גנב, ישלם שנים, זאָל ער בעצאָהלען דאָבעל. לא תטה משפט אביונך בריבו. זאָלסט ניט מאַכען קיין מאָנקי־ביזנעס ביים טרייעל פון אַן אָרימאַן. וגר לא תלחץ, און אַ גרינעם זאָלסטו ניט דריקען, ואתם ידעתם, יו נאָו, את נפש הגר, ווי אַ גרינעם איז אויפ׳ן הארצען, כי גרים הייתם בארץ מצרים, ביקאָז איהר זייט אַליין געווען גרינע אין דער קאָונטרי פון מצרים. איהר פערשטעהט? משה האָט געוואוסט, אז אַ געלער גלייכט צו נעהמען אדוואַנטעדזש פון אַ גרינעם, האָט ער אָנגעזאָגט בפירוש, אַז מען זאָל זיך דערמאָנען, ווי מען איז אַליין אויסגעריסען געוואָרען גרינער־הייד. איי, משה! איי, איז דאָס געווען אַ חכם! אַ מינים־טערסקען קאָפּ האָט ער אויף זיך געהאַט! וואו נעהמט מען דאָס איצט אַזאַ משה׳ן מיט זיין ביג סטיק, ער זאָל מאַכען אַ סוף צו די אַלע גרעפטערס און בלאָפערס?״

„רוזוועלט גאָט איט״, האָט זיך דזשייקי אָבגערופען.

„וואָס?״ האָט בארני געפרעגט.

„די ביג סטיק, וואָס דו זאָגט״, האָט דזשייקי געזאָגט.

„נו, ווי געפעלט אייך?״ האָט זיך בארני צו מיר געווענדעט, „אָט איז אייך אַמעריקאַנער קינדער! גאָה מאַך זיי פאַר אידען! איך זאָג איהם: משה, און איהם ליגט אין קאָפּ — רוזוועלט! אַ פערגלייכעניס! מילא... דאַט׳ס אָל, באָיעס! געהט שוין אין סטריט, איך זעה דאָך, אז איהר קענט ניט איינזיצען, איהר וועט קיין ראבאַיס נעווער ניט זיין.״

---

## אַ בעזוך פון די מוהלים.

„וועל לויפערס״, האָט זיך בארני דער מלמד אָפּגערופען צו זיינע צאָן קדשים, „תרומה״ איז היינטיגע סדרה. איהר וועט אקאָרשט זעהן, וואָס פאַר אַ טעמפּעל משה רבינו האָט אויפגעבויט! שוין איין מאָל אַ טעמפּעל, דער שעהנסטער אין גאַנץ יונייטעד סטייטס. איהר זאָלט מיר אָבער ניט זיין קיין קונדסים. דו, אייבי, וואָרף

ארוים דיין חזיר׳שע טשונגאַם פון מויל; און דו, דזשייקי, גיב מיר דעם באַל האַלטען ביז נאַכ׳ן לערנען... אָרדער! ווער איז נעקסט? נאָמבער וואַן!"

די קינדער האָבען זיך געלאָזט אין די פאַקעטס נאָך די טיקעטס. דזשייקי איז געווען „נאָמבער וואַן".

„קאַם אָן, דזשייקי", האָט בארני געזאָגט, נעהמענדיג זיך צום טייטעל, „זאָג: וידבר ה׳, און גאָט האָט געספּיטשט, אל משה, צו מאָזעס׳ן, לאמר, אזוי צו זאָגען: דבר אל בני ישראל, ספּיטש צו די דזשוס, ויקחו לי תרומה, און זיי זאָלען געבען פאַר מיר דאָניישענס אויף צו בויען א טעמפּעל. וזאת התרומה, און דאָס איז די דאָניישען, אשר תקחו מאתם, וואָס מען זאָל ביי זיי נעהמען: זהב וכסף ונחשת, גאָלד, זילבער און קופּער, עניטינג וואָס זיי האָבען. ותכלת, און בלויע וואָל, וארגמן, און פּורפּעל וואָל, ותולעת שני, און רויטע קאַטען, ושש, און לינען, ועזים, און פאָר פון ציגען... אַנו, טרעף, דזשייקי, וואו האָבען דאָס אַזעלכע קבצנים, ווי די אידען, געקענט קריגען אזוי פיעל גאָלד און זילבער און אנדערע זאכען, צו געבען פאַר׳ן טעמפּעל? זיי א סמארט באָי און זאָג."

„זיי האָבען געקויפט אין דעפּאַרטמענט סטאָר", האָט דזשייקי געענטפערט.

„נו", האָט זיך בארני צו מיר געווענדעט, „מען זאָגט: אמערי־קאַנער באָיעס זיינען זעהר סמארט... נאָט איך! ביי איהם איז רעכט, אז אין מדבר זאָל זיין א דעפּאַרטמענט סטאָר! פּויערשקע קאָפּ! (דאָס האָט ער געזאָגט שוין צו דזשייקי׳ן, ניט צו מיר.) דו האָסט זיך פערגעסען, אז גאָט האָט אָנגעשיקט אויף מצרים א פינס־טערנים אויף דריי טעג? נו, איז וואָס האָבען די אידען געטאָן?

„געבערענט געז", האָט דזשייקי געענטפערט.

„נאַר איינער", האָט בארני געזאָגט, „קאָלאָמבוס איז נאָך דאַן אויף דער וועלט ניט געווען און קיין געז־קאָמפּאַניע, וואָס זאָל רייסען א פעל פאַר דאָס ביסעל ליכטיגקייט, וואָס זיי גיבען, זיינען אויך ניט געווען. און ווידער איז געווען אזא פינסטערניס, אז קיין געז וואָלט אויך ניט געהאָלפען. און גאָט האָט דאָס מיט א כיון געמאַכט פינסטער, כדי די אידען זאָלען קענען באַרגען ביי די מצריים אַל־דאָס גוטס... פערשטעהסטו שוין איצט? נו, געה שוין. עס וועט זיין

געגוג פאַר דיר. קיין ראַביי וועסטו עניוועג ניט זיין. ווער איז נעקסט ? נאַמבער טו !"

היימי איז צוגעגאַנגען מיט זיין טיקעט.

„נו, זאָג, היימי: ועשו לי מקדש, און זיי זאָלען פאַר מיר מאַכען א טעמפעל... ככל אשר אני מראה אותך, אַט דזשאַסט ווי איך בעווייז דיר, את תבנית המשכן, דעם סעמפעל פון דעם טעמפעל, ואת תבנית כל כליו, און דעם סעמפעל פון אַלע זיינע פאַרניטשע, ועשו, און זיי זאָלען מאַכען, ארון, א קלאָזעט, אמתים וחצי, צוויי יאַרד און א האַלב, ארכו, זיין לענג, ואמה והצי, און אַנדערהאַלבען יאַרד, רחבו, זיין ברייט, ואמה וחצי, און אַנדערהאַלבען יאַרד, קומתו, זיין הויך. וצפית אותו זהב טהור, און זאָלסט איהם ארומקאָווערען מיט ריינעם גאָלד... קיין בלאָפס, אזוי ווי דאָ, זיינען דאַרט ניט אַנגעגאַנגען: גאָלד איז גאָלד... מבית ומחוץ תצפנו, זאָלסט איהם ארומקאָווערען אי פון אינסייד, אי פון אויטסייד, ועשית, און דו זאָלסט מאַכען, שלחן, א טייבעל... דאַט'ס אַל! נעקסט! נאַמבער טרי!"

„זאָג זשע, סעמקע ליפער: ועשית, און דו זאָלסט מאַכען, מנורת, א שענדעליר, זהב טהור, פון ריינעם גאָלד, ווידער ניט געבלאָפט, מקשה וואָן פיס, תעשה המנורה, זאָל געמאַכט ווערען דער שענדעליר: ירכה, איהר זייט, וקנה, און איהר סטיק, וגביעיה, איהרע בעכערס, כפתוריה, איהרע באַטענס, ופרחיה, און איהרע פלאָוערס, ממנה יהיו, זאָלען פון איהר זיין. ואת המשכן און דעם טעמפעל, תעשה, זאָלסטו מאַכען, עשר יריעות, פון צעהן קויטענס. קאַם אָן, נעקסט! נאַמבער פאָר!"

בעני איז צוגעגאַנגען.

„נו, בענילע, זאָג: וואָס פאַר א פייסעס מאַכסטו דאָס ? זאָג: ועשית, און דו זאָלסט מאַכען, מכסה, א קאָווער, לאהל, צום געצעלט, עורות, פון פאַר, אילים, פון באַראַנעס, מאדמים, אָפּגעפּעינטעט אויף רויט, ומכסה, און א קאָווער, עורות תחשים, פון תחשים־פאַר, מלמעלה, פון אַפּסטעז, ולירכתי, און ביי די זייטען, המשכן, פון טעמפעל, ימה, צו דער וועסטסאַיד, תעשה, זאָלסטו מאַכען, ששה קרשים, א האַלבען דאָזען ברעטער..."

דאָ זיינען אַריינגעקומען דריי שעהנע אידען מיט בערד און האָבען זיך פאַרגעשטעלט פאַר באַרני'ן בזה הלשון:

„מיר זיינען א קאָמיטע פון די יונייטעד מוהלים אָוו גרייטער ניו יאָרק..."

בארני האָט זיי אָנגעקוקט.

„א קאָמיטע פון מוהלים?" האָט ער געפרעגט, „וואָס זשע ווילט איהר פון מיר?"

„פון אייך, מיסטער בארני, ווילען מיר גאָרנישט", האָט איינער פון דער קאָמיטע געזאָגט, „איהר זיינט א כשר'ער איד, מסתמא, לכל הדעות, פון קאָפּ ביז די פיס, וואָרים איהר זייט דאָך פון יוראָפּ, און אויף די יוראָפּעשע מוהלים קען מען זיך פערלאָזען. די צרה איז דאָ מיט די קינדער, וואָס ווערען געבאָרען דאָ אין לאנד, און דאָ, ווייסט איהר דאָך, איז א הפקר־לאנד..."

„אודאי איז דאָ א הפקר־לאנד", האָט בארני צוגעגעבען, „און וואָס איז שייך די היגע קינדער, פרעגט מיך, בארני דעם היברו סקול טיטשער, וועלכער האָט שוין זיינע צייהן אויפגעגעסען אויף די היגע קינדער. איי, זיינען דאָס לויפּערס!"

„דאָס וואָס זיי זיינען לויפּערס, איז א בעזונדער זאַך", האָט דער איינער פון די דריי געזאָגט, „וואָס מיר ווילען, איז א גאַנץ אנדער זאַך. מיר זאָרגען נאָר פאר דעם יסוד פון דער יהדות. איהר האָט מסתמא געלעזען אין די פּייפּערס אונזער „קול קורא"? אונזער יוניאָן האָט זיך דערוואוסט, אז עס געפינען זיך אין ניו יאָרק טויזענטער און טויזענטער קינדער, וועלכע זיינען ניט גוט געאַי־דישט, צי מיט דער שולד פון מוהל, אָדער ניט מיט זיין שולד, און מען מוז אזעלכע קינדער אידישען נאָך א מאָל, אָדער עטוואָס פיקסען, דארום האָט אונזער יוניאָן בעשלאָסען ביי איהר לעצטען מיטינג, אז זי זאָל נעהמען אויף זיך די מיה און אונטערזוכען יעדעס קינד, און אויב דאָס קינד איז ניט גענוג געאַידישט, זאָל מען עס פיקסען כדת.*) על כן, זיינען מיר געקומען מקיים זיין די מצוה."

„מילא, אידען דארפען מאכען א לעבען", האָט בארני מלמד־זכות געווען, „אָלראַיט! די קינדער מיינע זיינען אין אייער רשות..."

די קינדער אָבער האָבען פערשטאַנען, וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך, און זיי האָבען געמאכט גלייך פּליטה.

---

*) מעשה שהיה בק"ק ניו יאָרק.

# אַ צווייטער בעזוך פון די מוהלים.

„האַרי אַפּ, לויפערס!" האָט באַרני מלמד אויסגעשריען צו זיינע תלמידים, „טאַים איז מאַני... יו נאָ... קאַם אָן! נעקסט! טשאַלי איז געווען „נאַמבער וואַן".

„היינטיגע סדרה, יו נאָ", האָט באַרני געזאָגט צו איהם, „איז: תצוה... וועיט אַ מאָמענט... העד זיך צו מיט קאָפּ, און היינטיגען שבת איז אויך פרשה „זכור"...

„הו איז דהאַט גאַי?" האָט טשאַלי אַ פרעג געטון.

„פוילערשע קאָפּ איינע!" האָט באַרני געזאָגט מיט אַ שמייכעל, פרשה „זכור" איז ניט קיין גאַי פון דיינע לויפערס. דער שבת, וואָס פאַר פורים, הייסט „זכור", דאָס הייסט, אידען דאַרפען געדענקען וואָס פאַר אַ גאָד־דעם עמלק איז געווען. ער איז געווען נאָך טויזענד מאָל ערגער, ווי די איירישע לויפערס. ער איז בעפאַלען די אידען, ווען זיי זיינען ארויס פון מצרים, און המן הרשע איז געווען זיינער אַן אייניקעל, און ער האָט אויך ניט געגליכען די דזשוס. אַט דער המן הרשע האָט געוואָלט מאַכען נאָך אַ קישינעוו אויף אידען, יו נאָ... דערפאַר שלאָגט מען איהם איצט אין שוהל, יו נאָ..."

„לעסט ייר האָב איך אויך געשלאָגען המן די ראַשען", האָט טשאַלי געזאָגט, „איך איהם געגעבען אַ ליקינג, המן דהי ראַשען, גאָד־דעם..."

„נו, זאָג שוין, למדן מיינער", האָט באַרני געזאָגט, „ואתה תצוה, און דו זאָלסט אָרדערן, את בני ישראל, די דזשוס, ויקחו אליך, און זיי זאָלען נעהמען פאַר דיר, שמן זית זך, פּיור אָליוו איל, כתית, צושטויסען, למאור, פאַר לאַיט, להעלות, אָנצוצינדען, נר תמיד, אַ סטעדי לאַיט..."

דאָ איז אָנגעקומען דיזעלבע קאָמיטע פון די דריי שעהנע אידען פון די יונייטעד מוהלים אָוו גרייטער ניו יאָרק, וואָס זיינען שוין איין מאָל געווען אין באַרני'ס חדר. די קינדער האָבען דערזעהן די דריי אידען, אַזוי האָבען זיי געוואָלט מאַכען פּליטה, פּונקט ווי לעצטען מאָל, אָבער איינער פון די אידען האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיר און ניט געלאָזט קיינעם ארויסגעהן. די צוויי אידען זיינען דאַן צוגעגאַנגען צום טיש, וואו באַרני איז געזעסען, און איינער פון זיי האָט זיך אָפּגערופען:

„וועל, מיסטער בארני, היינט מוזען מיר מאכען א סוף, און אייערע לויפערס וועלען שוין היינט פון אונזערע הענט זיך ניט ארויסדרעהען. איהר, אלס עהרליכער כשר'ער איד, א יוראפשער איד, מוזט אונז העלפען אין דער דבר מצוה. איהר ווייסט דאך, אז מיר קענען עס אזוי ניט לאזען, אז אידישע קינדער זאלען ניט זיין געאידישט כדת משה וישראל! מיר מוזען פיקסען די ארבייט, וואס פארטאטשעס האבען געמאכט, און איבעראידישען אלע קינדער, וועלכע זיינען ניט געאידישט כדת... מיר וועלען דערפאר גארנישט טשארדזשען, מיר טוען עס נאר פון מצות וועגען, און אויף להבא, אז א פאטער וועט דארפען א מוהל, וועט ער וויסען, אז נאר די מעמבערס פון די יונייטעד מוהלים און גרייטער ניו יארק קענען מאכען קינדער פאר רעכטע אידען, און די אלע איבריגע מוהלים זיינען פארטאטשעס און בעלי־עגלות. נו, מיסטער בארני, לאמיר זיך נעהמען צו דער דבר מצוה! הארי אפ!"

בארני האט געגעבען זיך א קראץ הינטערן אויער.

„יעס", האט ער געזאגט, „א דבר מצוה איז דאס, אבער... ווי טוט מען עס? זיי זיינען דאך עפעס גרויסע לויפערס, ניט קיין עופה'לעך פון אכט טעג, און זיי קענען נאך געבען מיט די פיס אין די צייהנער אויך! און הענט האבען זיי דאך עפעס אויך, און פייטען קענען זיי זיך אויך פא־אמעריקאנסקע..."

„מיסטער בארני", האבען זיך ביידע פאר איין מאל אפגערו־פען, „מיר מוזען זיך לאזען על קדוש השם! וועלען מיר קריגען א קלאפ אונטער די אויגען און א זעץ אין די צייהן... וואס קען מען העלפען? מען מוז ראטעווען דעם יסוד פון אידישקייט, און איין מאל פאר אלע מאל ארויסטרייבען די פארטאטשעס פון דעם מוהלים־טרייד... מיר וועלען איינפיהרען א רעגעלע יוניע, ווי אין אלע טריידס".

„יעס", האט בארני געזאגט, „קאם אן, לויפערס... וואו זיינען זיי? זיי זיינען דאך שוין כלה געווארען! מיט אמעריקאנער באיעס וועט איהר עפעס מאכען! געהט זוכט זיי איצט!"

„אונטער די בענטשעס האבען זיי זיך בעהאלטען", האט זיך דער איד וואס האט געוואטשט די טיר אבגערופען.

בארני און די צוויי אידען פון דער קאמיטע האבען זיך א לאז

געטאָן אונטער די בענק צו די קינדער. עס האָט זיך אָנגעהויבען א געיעג: די קינדער לויפען פאַראויס, און באַרני מיט די צוויי אידען נאָך זיי. די קינדער זיינען, נאַטירליך, געווען פלינקער, ווי די אידען מיט די בערד, די אידען האָבען זיך באַלד פערמאַטערט, יאָגענדיג זיך נאָך די קינדער, און זיי האָבען זיך געמוזט צוזעצען אביסעל אָפרוהען. באַרני האָט זיך אויך צוגעזעצט.

„וועלל, וואָס וועט זיין?" האָט באַרני געפרעגט די קאָמיטע.

„וועלל, מען דאַרף אפשר טרייען מיט זיי מיט גוטען", האָט איינער פון דער קאָמיטע געזאָגט. „איך וועל אַקאָרשט טרייען. קאַם היער, באַיעס!"

„נעווער אין יור לאַיף!" האָט דער גאַנצער באַנטש, שטעהענדיג ווי זיגער, געענטפערט אין איין קול.

„איך וועל אייך גאָרנישט טאָן", האָט דער קאָמיטע־מאַן ווייטער געזאָגט.

„טראַי דהי רבי פוירסט... ווי'ל סי", האָט איינער פון די באָיעס געענטפערט.

„די רבי איז אָלראַיט!" האָט דער קאָמיטע־מאַן געזאָגט, „קאַם היער, דזשאַסט טראַי... שאַ, איך האָב קענדי, קאַם היער..."

דער איד האָט גענומען זוכען אין די פּאַקעטס, און האָט ארויס־געשלעפּט א בעג מיט קענדי און א פּאָר שטיקלעך קייק.

„יו סי", האָט ער א טשמאָקע געטאָן מיט די ליפען, „קענדי! און קייק אויך! קאַם אָן!"

איינער פון די קינדער האָט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון, און איז צוגעגאַנגען צום אידען. די איבעריגע האָבען זיך געקווייג־קעלט.

„גוט באָי!" האָט דער איד זיך אָפּגערופען, נעהמענדיג איהם פאַר'ן האַנט, „ווי רופט מען דיך?"

„אייבי", האָט דער באָי געענטפערט.

„אייבי, ניים ניים", האָט דער איד געזאָגט, „איך וועל גאָר נישט טאָן... נאַ דיר קענדי..."

„אייבי, לוק אוט! לוק אוט! האָבען אַלע באָיעס א געשריי געטאָן צו זייער חבר, וועלכער איז שוין געווען ביים אידען אויפ'ן

שוים. אייבי האָט זיך גענומען רייסען פון דעם אידענ'ס הענט, אָבער דער איד האָט איהם געהאַלטען פעסט.

„וואָס שטעהט איהר, מיסטער פארפעלצימעס?" האָט דער געזאָגט צו זיין קאָלעגע, „נעהמט זיך צו דער דבר־מצוה, אָבער שנעל, וואָרים דער לויפער וועט זיך באַלד ארויסרייסען! שנעל, ראַטעוועט דאָס יודענטהום! מיסטער בארני, העלפט אויך!"

עס זיינען געקומען צו הילף ניט נאָר בארני און דער צווייטער איד פון דער קאָמיטע, נאָר אויך דער איד, וואָס ביי דער טיר. אייבי האָט אָבער באַלד בעוויזען, וואָס ער קאָן. זיינע חברים זיינען איהם אויך געקומען צו הילף. עס איז געוואָרען א שרעקליכע באַטאַליע, און געזיעגט האָבען די „לויפערס": אפילו בארני'ס קאַנטשיק האָט אויך ניט געהאָלפען.

די דריי קאָמיטע אידען, און בארני אויך מיט זיי, האָבען שרעקליך געסאָפּעט, און איינער פון זיי האָט ענדליך מיט א זיפץ געזאָגט:

„עשו'ס גבורה איז אין זיי! א חידוש, וואָס די אידישקייט ליעגט דאָ ניין קלאַפּטער אין דער ערד..."

---

# באַרני'ס מגילה אין גראַמען

דאָס איז די מגלת אסתר, וועלכע בארני דער מלמד האָט פער־פאַסט אין גראַמען לכבוד פורים:

אמאָל איז געוועזן א סטאָרי,
די סטאָרי פינדעשט זיך פרעהליך,
די סטאָרי הויבט זיך אָנ'עט
מיט א טפּש א מלך.
דער מלך האָט געמאַכט א פּאַרי,
האָט ער געוואָלט אז עווריבאַדי
זאָל זעהן זיין ווייב
מיט א נאַקעטען לייב.
באָט די ווייב האָט געהאַט
א פּימפּעל אויף איהר שטערן,

האָט זי ניט געוואָלט
צו שאַנדע ווערען.
איז דער טפּש דער מלך אין כעס געוואָרען
און האָט גערופען די מיניסטאָרען.
„אדוני מלך!“ האָבען זיי געזאָגט,
„הער אונזער עצה!
„טאָרסט איהר דערפאַר
„ניט גלעטען איבער'ן פּלייצע.
„אויב דו ווילסט ניט מאַכען
„צו שאַנד,
„דיין לאַנד
„און אז מיר, די מענער,
„זאָלען ניט ווערען געטראָטען
„אונטער דער פרוי'ס פּיס,
„נאָר והוא ימשל,
„ווי גאָט האָט געבאָטען,
„דאַן מוזטו זי טויטען, און זאָל זי וויסען,
„אז אַלע רעכטע מוזען מיר געניסען,
„און אַלע ווייבער פון גרויס ביז קליין
„וועלען זעהן ביים מאַן צו קריגען חן
„און פאָלגען איהם אויף שריט און טריט:
„ווען יאָ איז יאָ, און ווען ניט איז ניט.
„איי אַ מלכה? איז עס דאָ פּלענטע...
„ווען ניט חאַשע, איז רעכט אויף יענטע.“
איז דעם קעניג דעם טפּש געפעלען געוואָרען,
און האָט זיין מלכה פערקירצט די יאָהרען,
און אסתר די גרינע,
מרדכי'ס קוזינע,
אַ קווין איז געוואָרען.
ויהי בימי אחשורוש...
באָט וואו ויהי דאָרט איז אַ צרה,
טראָבעל הייסט עס אויף קאָלומבוס'עס לשון,
איז המן הרשע

ארוים פון זיין נאָרע,
און געוואָרען א שררה,
איז איהם געוואָרען קשה,
פאַרוואָס „מרדכי דער שיני״ וויל ניט קוקען
אויפ׳ן קעניג׳ס אָרדער, און וויל זיך ניט בוקען
פאַר איהם, פאַר המן בן המדתא!
האָט ער ביים קעניג גע׳פועל׳ט א בעפעהל
צו מאַכען פון אַלע אידען א תל.
מרדכי האָט ניט געפרעגט קיין קשיות.
„מען איז אין גלות!״ — און א זאַק מיט אַשעס
אויף זיין קאָפּ, און געשריי און געוויין...
און כל ישראל, פון גרוים ביז קליין
דאָס זעלבע טוען.
און מרדכי האָט אסתר׳ן געלאָזט וויסען,
אַז זי מוז אויך פון די צרות געניסען.
„געוועהר מאַין א קווין!״
האָט ער איהר געזאָגט,
„דו מוזט העלפען שלעפען
„דעם פעקעל
„מיט׳ן זעקעל.
„האָסט דאָך ביים קעניג דעם טפש א פּול,
„טו געה צו איהם און זאָג איהם, דעם פּול,
„אַז ער זאָל אונז רעטען פון רשע׳ס האַנט,
„מען זאָל ניט מאַכען קיין תל פון אונז אין לאַנד.״
געלאָזט בעטען האָט זיך די קווין,
אָבער עס העלפען קיין טענות, אהער אהין —
זי איז אוועק צום מלך.
א האַלבע מלוכה דער טפש האָט איהר געוואָלט געבען,
באָט זי האָט געזאָגט: „אדוני קעניג לעבען!
„איך וויל פון דיר —
„קום צו מיר
„אויפ׳ן באַל!
„זאָלסט מיך ניט פערשעהמען

„און מיט זיך אויף המנ'ען נעהמען!"
„דאט'ס אַל?" —
האָט דער טפש געפרעגט, — „אַלעראיט!
„איך וועל זיין שוין אין צייט!"
און די ערשטע מפּלה
פאַר המן־נאזאָלע:
פון קינג א בעפעהל —
צו נעהמען שנעל
מרדכי היהודי, און כבוד איהם געבען
פאַר רעטען אמאָל דעם קינג'ס לעבען.
איז מרדכי הצדיק ארויף אויפ'ן פערד
און המן הרשע געלעגען אין דר'ערד.
איהם געפיהרט איבער אַלע סטריטען
האָט המן אליין... און דאָ אין מיטען
האָט המנ'ס טאָכטער א מיסטייק געמאכט...
דער טאטע מסתמא, האָט זי געטראכט,
זיצט אויפ'ן פערד
און „מרדכי דער שיני"
איז אויף דר'ערד...
און גלייך א באָנדעל
מיט שמוץ פון דער ווינדע
איהם אויפ'ן קאָפּ,
איהר אייגענעם טאטען,
ווארפט זי אראָפּ
כמנהג העסטער....
און ביינאכט איז המן צום באָל געגאנגען,
און דאָ האָט אסתר
געזאָגט צום קעניג: „מיר זיינען געפאנגען,
„פערקויפט צו דער שחיטה!
„ראטעווע, ביטע,
„מיין פאָלק און מיך!"
און דער מלך האָט גיך
אַן אָרדער געגעבען,

אז די אידען זאָלען בלייבען לעבען
און המן געהאנגען זאָל ווערען.
און היות א פּאָגראָם מוז דאָך זיין:
דעם קעניג׳ס בעפעהל מקוים מוז ווערען!
טאָ זאָלען די אידען דעם פּאָגראָם מאכען...
איצט לויפערס, מעגט איהר לאכען!
מרדכי הצדיק רייט אויפ׳ן פערד
און המן הרשע ליעגט אין דר׳ערד.
טאָ נעהמט זשע לויפערס,
דעם המן־קלאפּער,
המן־פּאיטער,
און זאָגט זשע ווייטער:
אמאָל איז געווען א סטאָרי,
די סטאָרי פינדעשט זיך פרעהליך,
די סטאָרי לאָזט זיך אויס׳עט
מיט א טפש א מלך...

---

## מען וואַרפט איהם צו א בייבי

ווען איך בין געקומען אָפּשטאַטען מיין ועכענטליכען וויזיט צו בארני דעם מלמד, איז שוין דער לימוד געווען אין פולען גאנג, און בארני האָט מיר אויסגערעדט פאר מיין ניט־אַקוראַטנעקייט.

„איהר האָט זיך היינט פערשפּעטיגט, מיסטער רעפּאָרטער", האָט ער מיר געזאָגט. „מיר האַלטען דאָך שוין באַלד ביים מאכען דעם עגל! אָלעראַיט. איך עקסקיוז אייך."

און האָט זיך ווידער גענומען צום טייטעל:

„נו, זאָג, בעני: וירא העם, און די פּיפּעל האָבען געזעהן, כי בושש משה, אז מאָזעס איז געווען צו סלאָ, לרדת מן ההר, ארונטער־צואוואָקען פון מאַנטען, ויקהל העם על אהרן, איז געקומען א גאנצער קראוד צו אהרן׳ען, ויאמרו אליו, און זיי האָבען צו איהם געזאָגט, קום עשה לנו אלהים, מאַנופעקטשור אונז אַן אַנדער גאָט, אשר ילכו

לפנינו, וואָס זאָל וואַקען פאַר אונז, כי, ביקאָז, זה משה האיש, אָט דער מאָזעס דער מאַן, אשר העלנו מארץ מצרים, וואָס ער האָט אונז אַרויסגעצויגען פון קאַונטרי מצרים, לא ידענו, ווייסען מיר ניט, מה היה לו ,וואַטסע מערע מיט איהם. ויאמר אליהם אהרן, און אהרן האָט צו זיי געזאָגט, פרקו נזמי הזהב, טוט אויס די דזשולערי, אשר באזני, וואָס אין די אויערן, נשיכם, פון אייערע ליידים, בניכם, אייערע באָיעס, ובנותיכם, און אייערע טעכטער, והביאו אלי, און ברענגט עס צו מיר!"

נעקסט איז געווען טשאַלי.

„נו, זאָג זשע, טשאַלי... וואו האַלטען מיר? ביי די דזשולערי, ווי אהרן האָט געהייסען די אידען ברענגען די דזשולערי פון די ווייבער און טעכטער. אָבער ווי רעכענט איהר, אַ פרוי וועט אוועקגעבען איהר דזשולערי? נאָסערי! האָבען די אידען אויסגעטאָן זייערע אייגענע דזשולערי, און דאָס געבראַכט צו אהרן׳ען. ויקח מידם, און ער האָט עס צוגענומען ביי זיי, ויצר אותו בחרט, און ער האָט דאָס איינגעוויקעלט אין אַ הענקעטשע..."

די טיר האָט זיך אויפגעעפענט, און אַ יונגע פרוי האָט אַריינגעפיהרט אַ קערידזש מיט אַ בייבי.

„פליעז, מיסטער", האָט זיך די פרוי אָפגערופען צו באַרני׳ן, „טוט מיר אַ פעיוואָר, און זאָל דער קעררידזש מיט מיין בייבי אַ ווײַלע שטעהן. איך דאַרף אַרויפגעהן אַפסטערז אין נעקסטען הויז, און איך האָב מורא צו לאָזען עס אין סטריט. איך וועל באַלד קומען, איין ווײַלע."

„אָלע ראַיט, מיסעס", האָט באַרני געזאָגט, „קיין רבי־געלד וועל איך פאַר איהם נאָך ניט נעהמען."

די פרוי האָט איהם בעדאַנקט און איז אַרויסגעגאַנגען.

„נעקסט!" האָט באַרני אויסגעשריען, און אייבי איז צוגעגאַנגען.

„נו, זאָג, אייבי: וידבר ה׳ אל משה און גאָט האָט געספּיטשט צו מאָזעס׳ען, לך רד, וואָק אַרונטער, כי שחת עמך, ביקאָז דיין פּיפּל איז געספּאָילט געוואָרען."

די בייבי אין קעררידזש האָט גענומען שרייען.

„טשאַלי!" האָט באַרני געזאָגט, „געה וויעג עס צו אַ ווײַלע. נו, זאָג ווייטער, אייבי: סרו מהר, זיי זיינען האַריאָפּ אַראָפּגע־

גאנגען, מן הדרך, פון וועג... דאָס שרייעט נאָך אַלץ? אַה, וואָס טוט מען? ווייעג, ווייעג, טשאַלי... נו, זאָג ווייטער, אייבי: ועתה הניחה לי, און איצט לאָז מיך, זאָגט גאָט... שרייעט נאָך אַלץ? לאָז מיך, אַקאָרשט, טשאַלי, און איך וועל איהם אַקאָרשט איינשטי־לען! ס'אַרא לויפּער דאָס וואַקסט!"

„שאַ, אפשר ווילסטו אַ סאָנג?" האָט באַרני געפרעגט ביים נפש, וואָס איז געלעגען אין קערידזש און האָט ניט אויפגעהערט צו שרייען. „איך בין דאָך עפּעס אַ שטיקעל בעל־תפלה אויך, און אַ בדחן אויך אַמאָל אויף אַ חתונה. שאַ, וואָס פאַר אַ סאָנג ווילסטו? אַ־אַ־אַ, לויפּעריל! אַ ליו־ליו־ליו, לויפּעריל!.. און דיין מאַמע קומט נאָך ניט! ביי אַ אידענע אַ ווייל איז ניט מעהר ווי אַ פּאָר שטונדען. אַט מיין אידענע געהט אַרונטער אין גראָסערי, פּערגעסט זי זיך אויך צו קומען, און זיי ווילען נאָך, מען זאָל זיי אין קאָנגרעס לאָזען זיצען, מען זאָל זיי עלעקטען פאַר קאָנגרעסלייט, סענאַטאָרען און דזשאַדזשעס און פאַר אַלע צרות. אַ היבשער תכלית וועט דאַן ווערען פון קאָלאָמבוס'עס מדינה! אַ קאָנגרעס־ליידי וועט זיך, למשל, צורעדען מיט איהר נעקסט־דאָריגער וועגען אַ דרעס אָדער וועגען אַן אַנדער זאַך, און דערווייל וועט דער גאַנצער קאָנגרעס דאַרפען זיצען און וואַרטען... שאַ, ער שווייגט, דער קליינער לוי־פּעריל! אַהאַ, באַרני! זאָלען שוין אַזוי גרויסע לויפּערס פאַר איהם מורא האָבען, ווי קליינע האָבען פאַר איהם מורא... נו, איצט וועלען מיר געהן לערנען ווייטער."

און באַרני האָט זיך צוריק געזעצט אויף זיין פּלאַץ און גענומען דאָס טייטעל אין האַנט.

„נעקסט!" האָט ער אויסגעשריען. סעמי איז צוגעגאַנגען.

„נו זאָג, סעמי: ויאמר משה אל אהרן, און מאָזעס האָט גע־זאָגט צו אהרן'ען, מה עשה לך העם הזה, וואָס פאַר אַ ביזנעס האָסטו מיט דיעזען פּיפּל, כי הבאת עליו חטאה גדולה, וואָס דו האָסט איהם אַריינגעצויגען אין אַ האָלאָט אָוו טראָבל? ער שרייעט ווייטער, דער לויפּעריל? אייבי, געה וועג צו... נו, זאָג: ויאמר אהרן..."

דאָ האָט זיך געעפענט די טיר, באַרני האָט געמיינט, אַז דאָס איז די פרוי געקומען נאָכ'ן קערידזש מיט דער בייבי, און ער האָט שוין איהר געוואָלט אויסרעדען, אָבער דאָס איז גאָר געווען איינע

פון זיינע „מיסעס'עס", און טאקי אייבי'ס מוטער. און ווי זי האָט דערזעהן איהר אייבי'ן שטעהן ביים קעררידזש, האָט זי גענומען שרייען אויף בארני'ן:

אזוי לערענט איהר דאָס מיט די קינדער? שעהמען מעגט איהר זיך! זיי ניאַנטשען גאָר ביי אייך אייערע קינדער?"

„מיסיס לעבען", האָט זיך בארני גענומען פערטיידיגען, „עס איז ניט מיין בייבי..."

„מיסטער, ווענמען ווילט איהר דאָס איינרעדען, אז דאָס איז ניט אייער בייבי?" האָט אייבי'ס מוטער גענומען נאָך העכער שרייען, „דאָס וועט איהר אַן אַנדערער דערצעהלען, ניט מיר! איך פערשטעה זיך אויף די קונצען! קום, אייבי, אהיים! דו וועסט דאָ מעהר ניט לערנען!"

„אָבער מיסיס לעבען", האָט זיך בארני גענומען בעטען, „הערט מיך אוים: ווי קען גאָר צו מיר קומען אזא בייבי? וואָס מיינט איהר, מיין פרוי איז עפּעס אַ יונגע ווייבעלע? מיר האָבען שוין טעכטער אויף חתונה צו מאכען, היינט ווענמען וועט עס גאָר ליינען אזעלכע נארישקייטען אין זינען?"

„מיסטער, רעדט ניט קיין סך," האָט אייבי'ס מוטער געזאָגט, „אין אמעריקאַ קען אַלץ טרעפען. דאָ איז אַ פרייע מדינה. דערצעהלט מיר קיין מעשות ניט, אז עס איז ניט אייער בייבי."

און זי האָט גענומען אייבי'ן פאר דער האַנט און איז אַוועק.

„נו, ווי געפעלט אייך אזא בלבול?" האָט בארני זיך צו מיר געוועגדעט, „מיין ווייב האָט נאָך דערביי געדאַרפט זיין, וואָלט זי שוין אויך געגלויבט, און איך וואָלט דאַרפען אַנטלויפען, וואו פעפער וואַקסט. אָבער וואו איז די פרוי די פּאַסקודסטווע? קומט גאָרניט נאָך איהר קינד? פערלאָרען אַ תלמיד איבער איהר! היינט זיי אַ גוטער."

די מוטער פון קינד איז אַלץ ניט געקומען, און איך האָב געראטען בארני'ן אוועקפיהרען עס אין סטיישאָן־הויז, ערקלעהרענדיג איהם, אז אזעלכע מעשיות פּאַסירען אין אמעריקאַ.

## ער קריעגט אַן אײרישען תלמיד צו דער הגדה

„הײנט, לױפערס, װעלען מיר מאכען אַ שטיקעל ריהױרסעל פאַר פסח, די דזשואיש איסטער, להבדיל", האָט בארני דער מלמד זיך אָפּגערופען צו זײנע צאָן קדשים, װעלכע ער האָט זיך אונטערגענומען צו מגדל זײן לתורה, לבר מצוה ולאידישקײט, „נאָך אין עטליכע װאָכען אַרום איז פסח, און אַז איהר װעט ניט װיסען די הגדה מיט די פיער קװעסטשענס, װעט שױן זײן גוד־באַי מיט דער קאַפּאָטע און בארני דער היברו־סקול טיטשער װעט בלײבען אָהן אַ קנעלונג. װעלל, נעהמט די הגדות, װאָרים איך האָב מורא, אַז מיט אַזעלכע גוים, װי איהר, װעל איך ניט פאַרטיג װערען מיט אײך ביז פסח. זיצט רוהיג, דער גאַנצער באַנטש, און לערנט װי געהעריג. װאו איז טשאַלי?"

בארני האָט אַ װאָרף געטאָן מיט די אױגען אין אַלע װינקלען, און ער האָט דערזעהען טשאַלי'ן שפּיעלענדיג אין „קרעפּס" מיט אַ אינגעל, װעלכען בארני זעהט ערשט צום ערשטען מאָל אין זײן חדר.

„װער איז דער באָי, טשאַלי?" האָט בארני אַ פרעג געטאָן, „עפּעס האָט ער מיר גאָר ניט קײן אידישען אױסזעהן."

„דזשימי איז דאָס", האָט טשאַלי געענטפערט.

„װאָסער דזשימי?" האָט בארני געפרעגט.

„דזשימי, יו נאָו", האָט טשאַלי געזאָגט, „פון מײן קלעס. זײן פּאַפּאַ איז דהי דעמאָקראַטיק דיסטריקט ליעדער. איך האָב געהאַט מיט איהם דאָ אַ געים. ער איז אַן אײריש באָי, אַ נאַיס פעלאָו."

„אַזוי, שלעפּסט גאָר אַהער אײרישע לױפערס?" האָט בארני אַ געשרײ געטאָן, „װעניג זײנען מיר די אידישע לױפערס? הײם איהם שױן אַרױסגעהן, אַז ניט װעל איך איהם אַרױסטרײבען. װאָרט, איך װעל דיר געבען!"

„ער איז אַ נאַיס פעלאָו, רבי!" האָט טשאַלי אַרגומענטירט, „לאָז איהם זײן דאָ!"

„טשאַלי, זײ ניט פרעש, װאָרים באַלד קריגסטו מיט'ן סטראַפּ, װעסטו װיסען!" האָט בארני געזאָגט.

„אָלל ראַיט, דזשימי, גאָו!" האָט טשאַלי געזאָגט צו זײן אײרישען חבר, „װעיט פאָר מי אױטסײד! איי'ל בי סון דהער!"

„אָלל ראיט, טשאַלי‟, האָט דזשימי געזאָגט, „איי׳ל וועיט פאָר יו, באַט קאַט איט שאָרט וויטה יור שיני טיטשער!‟

און דזשימי איז שנעל אַרויס פון חדר.

„וואָרט אַקאָרשט‟, האָט בארני אַ מאַך געטאָן מיט׳ן פינגער צו טשאַלי׳ן, „זעץ זיך שוין אַנידער! איך וועל דיר געבען, ווען דו וועסט נאָך אַמאָל ברענגען צו שלעפּען אַהער איירישע לויפערס! נו, לאָמיר לערנען: אלה סמנים לסדר הגדה של פסח, דאָס איז די פּראָגראַם פאַר די פּאַרדי של איסטער: קדש, אַז מען קומט פון שוהל, דאַרף מען מאַכען קידוש; ורחץ, און מען דאַרף וואַשען די הענט אָהן אַ פרייער; כרפס, מען דאַרף נעהמען אַ זויערען פּיקעל אָדער אַניאָנס און איינטונקען אין זאַלץ־וואַסער...‟

„רבי!‟ האָט סעמי אויסגעשריען, „פּאָפּאַ געזאָגט, דו מיט מיר סטאַדיען, ווי צו קידנעפּען די כורך, ער זאָל מיר קויפען אַ נייעם סוט פאַר איסטער.‟

בארני האָט זיך צולאַכט.

„אַך, למדן מיינער!‟ האָט ער געזאָגט, „גאָר די כורך קידנעפּען! קורח׳ס מפּלה זאָל כאַפּען אַלע שונאי ישראל, ס׳אַרא לומדים איהר זייט! דעם אפיקומן דאַרף מען קידנעפּען אָבער ניט די כורך. אָלעראיט! וועסט קענען די תורה... נו, ווייטער... וואו האַלטען מיר? יעס, יחץ, מען ברעכט אָפּ אַ פּיס פון דער מיטעל־סטער איסטער־קעיק און מען בעהאַלט עס אונטער׳ן קישען פאַר אפיקומן. מגיד, דערנאָך זאָגט מען די הגדה, די סטאָרי פון איסטער. מוציא, מען מאַכט המוציא. מצה, מען מאַכט נאָך אַ פרייער און מען עסט די איסטערקעיק. מרור, מען נעהמט אַ שטיקעל האָרס־רעדיש און מען טונקט עס איין אין חרסת און דערנאָך שאָקעלט מען עס אָפּ און מען עסט. כורך, מען מאַכט אַ סענעוויטש פון צוויי שטיקלעך מצה און האָרס־רעדיש.‟

„איי דאָנ׳ט לייק איט!‟ האָט בעני געזאָגט. איך לייק די וויין און די מצה־באָלס.‟

„איי דו לויפער!‟ האָט בארני זיך אָפּגערופען, „דו מיינסט אויך ניט די סטאָרי, נאָר די מצה־באָלס. אַ סמאַרט באָי! נו, ווייטער... שלחן עורך, מען סעט דעם טייבעל און מען עסט. צפון, מען עסט דעם אפיקומן, וועלכען מען דאַרף קידנעפּען. ברוך, מען בענטשט. הלל, מען זאָגט הלל, נרצה, אַז מען פינדעשט אַלעס

אַלעראַיט, איז מען אַ גוד באַי... נו, ווער וועט זיין אַ סמאַרט באַי און מיר איבערזאָגען די פּראָגראַם?"

היימי האָט זיך ארויסגעבאַפּט.

„איך, רבי!" האָט ער געזאָגט.

„אַ, דו וואַקסט דאָך אַ טשיעף ראַביי!" האָט בארני געזאָגט, נו, לאָמיר הערען, אדרבא!"

„מען קידנעפּט דעם סענעוויטש פון אונטער'ן קישען..." האָט היימי געזאָגט.

„דיר ליגט נור סענעוויטשעס אין זינען!" האָט בארני איהם איבערגעהאַקט, „סטאַפּ, דו גוי איינער! זאָג דו, טשאַלי! ווייז ארוים דיינע גאונות!"

„מען מאַכט אַ סענעוויטש און... מען עסט!" האָט טשאַלי געזאָגט.

„אַה, לויפערס!" האָט בארני אַ געשריי געטאָן, „אייך ליגט נאָר די אכילה אין זינען! היינט געה מאַך פון זיי שטיקלעך אידען! וועלל, לאָמיר ניט ספּענדען די טאַים פאַר נאַטינג. איצט וועלען מיר סטאַדען די פיער קוועסטשענס..."

די טיר האָט זיך אָן עפען געטאָן, און דזשימי האָט זיך בעוויזען.

„העי, באָים!" האָט דזשימי אַ געשריי געטאָן, „אַר יו טרו וויטה יור שיני לעסאָנס?"

„וואָן מאָמענט, דזשימי", האָט טשאַלי געזאָגט, „ווי'ל בי טרו סון וויטה די פאָור קוועסטשענס."

„געהט שוין, לויפערס!" האָט בארני געזאָגט, אַוועקלעגענדיג דאָס טייטעל. חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלייך מיט אַ הורא צו דער טיר.

---

## לערנט מיט די בנים די קשיות און מיט די טאַטעס דעם תירוץ

„מיסטער רעפּאָרטער, איהר וועט מיר מוזען עקסקיוזען, וואָס אויך היינט וועל איך אייך ניט געבען קיין סדרה פאַר אייער פּייפּער, און איהר וועט שוין מוזען יוצא זיין אויך היינט מיט דער הגדה."

אזוי האָט צו מיר געזאָגט בארני מלמד, ווען איך בין געקומען מיט מיין וועכענטליכען וויזיט אין זיין חדר.

„מיינט איהר חלילה“, האָט ער צו מיר ווייטער געזאָגט, „אז עס איז ניטאָ היינטיגע וואָך קיין סדרה? זאָל גאָט אויסהיטען! משה רבינו האָט שוין פערזאָרגט, אז מיר זאָלען האָבען גענוג סדרות אויף א גאַנץ יאָהר. נאָר עס איז איצט א סדרה פסח, און איך האָב פלענטי ארבייט. די רעכטע ביזי איז איצט ביי מיר, זאָג איך אייך. אויסער וואָס איך דארף די חברה לויפערס אויסלערנען די פיער קשיות, האָב איך נאָך איצט עקסטרא פרייוועט לעסאָנס.“

„וואָס פאַר אַן עקסטרא לעסאָנס?“ האָב איך געפרעגט.

„אָט די בנים דארף איך לערנען פרעגען די פיער קשיות, און זייערע טאַטעס דארף איך לערנען ענטפערען דעם תירוץ אויף די פיער קשיות“, האָט בארני געענטפערט.

„ווי הייסט?“ האָב איך געפרעגט.

„דאָס הייסט“, האָט בארני געענטפערט, „אז איך האָב אזעלכע קאָסטימערס, וואָס מעגען אליין אויך געהן אין חדר. נאָר ווען מען אָרט עס, אבי איך מאַך דערוויל א פאָר סענט אויף פסח. זאָל זיין פון גרויסע גוים, אבי צום לעבען. נאָר מיט איין קאָסטימער מיינעם האָב איך זעהר א שווערען דזשאָב. אַן עם־הארץ איז דאָס, זאָג איך אייך, איינער ביי גאָט, כאָטש ער איז א פרעזידענט פון א שוהל. היינט האָט ער א קאָפּ! אין ביזנעס פערשטעהט ער גראָד און ער מאַכט גאַנץ פיינע געלט, אויף מיר געזאָגט געוואָרען! נאָר אין די שווארצע פינטלעך קען ער בשום אופן ניט פערשטעהן, אָט נאָך ערגער, ווי זיין בנ'אָקעל, וואָס לערנט ביי מיר.

„רופט ער מיך צו זיך אהיים, אָט דער קאָסטימער מיינער, דער פרעזידענט פון שוהל, און זאָגט צו מיר אזוי: „רבי, איך וויל, איהר זאָלט מיך אויסלערנען דעם גאַנצען סדר, ניט קיין האַלבען. איהר הערט? דעם גאַנצען סדר, אָהן מאָנקי־ביזנעס, און מאַקי דעם ריכטיגען אָרטאָדאָקסישען סדר, ניט קיין רעפאָרמירטען, יואָרום הים האָנאָר וויל א ריכטיגען אָרטאָדאָקס דזשואיש סדר.“

„פרעג איך ביי איהם: ווער איז דאָס הים האָנאָר? עפעס א קרוב פון יוראָפּ? אז ער לאַכט זיך דאָס פאַנאַנדער. עלײדיג איך זיך מסתמא אביסעל און זאָג: „לאַכען פון מיר האָט א הר ניט וואָס, וואָרים איך בין ניט מחויב צו קענען אייער גאַנצע משפחה“.

זאָגט ער צו מיר: „עקסקיוז מי, רבי, איהר זייט נאָך הפּנים א גרינער.“ שטעהט עס מיר וויטער ניט אָן: וואָס הייסט, איך בין א גרינער? אדרבא, זאָגט איהר, מיסטער רעפּאָרטער: טייטש איך, ווי א גרינער מלמד? נאָר מילא, שוויג איך. ער איז דאָך פּאָרט מיינער א קאָסטימער. ערשט דערנאָך זאָגט ער מיר, אז „הים האָנאָר“ איז א דזשאָדזש. זאָג איך צו איהם, אז איך בין ניט מחויב צו וויסען די נעמען פון אַלע דזשאָדזשעס פון אמעריקא. זאָגט ער מיר, אז „הים האָנאָר“ איז ניט קיין נאָמען, נאָר אזא מין טיטול, למשל, ווי מען רופט מיך, בארני׳ן, „רבי“. מילא, זאָל זיין א טיטול.

„בקיצור, נאָך אַלע זאַכען דערצעהלט ער מיר דעם עיקר, אז ער וועט האָבען פאר א גאַסט דעם פּסח צו די סדרים עפּיס א גוי׳אישען דזשאָדזש, אָן אייריש׳ער מסתמא. איהם חלש׳ט זיך, דעם דזשאָדזש, זעהן א אידישען סדר, און וואוהין געהט ער? צו מיין קאָסטימער, דעם פּרעזידענט פון שוהל, וועלכער וויים ניט, ווי אזוי מען הויבט גאָר אָן צו פּראַווען א סדר! וואָס זאָגט ער, מיין קאָסטימער, דער פּרעזידענט פון שוהל? ער איז שוין לאַנג פון יוראָפּ, האָט ער זיך פערגעסען דעם סדר! און איך, בארני, וועל דאָס זיין דער נאָר און גלויבען איהם, אז ער האָט אמאָל געוואוסט! נאָר זאָל זיין פערגעסען, ווענען אַרט עס? אַלעס, וואָס ער געדענקט, זאָגט ער, איז, אז מען דאַרף עפּעס צו׳גנב׳ענען פון אונטער׳ן קישען. וואָס צו׳גנב׳ענען? וויים ער ניט. וויטער מיר א דאגה. הכלל, גיב איך איהם לעסאָנס אין דער הגדה.“

„נו, און ווי געהט עס מיט די לעסאָנס?“ האָב איך בארני׳ן געפרעגט. „איז בעסער צו לערנען מיט גרויסע גוים, ווי מיט קליינע?“

„איך האָב מיט איהם גענומען לערנען די סימנים פון סדר“, האָט בארני געזאָגט, „די פּראָגראם מיין איך — ניט פון אָרט. ער קען ניט געדענקען, ער אליין האָט זיך מיר מודה געווען, אז עס איז „טו הארד“, און אז מען מוז מאַכען א ריכטיגע ריהוירסעל. פרעג איך איהם: „ווי?“ זאָגט ער מיר: „גאַנץ פּראָסט, נעהמען און פּראַווען פאר א פּראָבע דעם סדר אמאָל צעהן, ביז וואַנען איך וועל עס וויסען“. בקיצור, האָבען מיר שוין צוויי ריהוירסעלס געהאַט, מיט ארבע כוסות אפילו. איך זאָג אייך, ס׳איז געווען גאָר ניט שלעכט. גאַנץ גוטע משקה. הכלל, איך פערהאָף צו גאָט, אז

איך וועל איהם שוין אויסלערנען, ווי צו פראוועו דעם סדר. פאר'ן איירישען דזשאָדזש וועט עניוועי נוט געגוג זיין."

„איצט", האָט באַרני זיך אָפּגערופען נאָך אַ קורצער פּויזע, „דאַרף מען זיך נעהמען צו די בנים אַליין. לערנען מיט זיי די פיער קשיות".

## דער „ביג" שבת

„היינטיגער שבת, לויפערס, זאָלט איהר וויסען, איז ניט יוי עני שבת פון אַ גאַנץ יאָהר", האָט באַרני מלמד אויסגערופען צו זיינע צאָן קדשים, „היינטיגער שבת איז „שבת הגדול", די ביג שבת. נו, זאָגט די הגדה!"

און באַרני האָט מיט'ן טייטעל אין איין האַנט און מיט'ן סטראַפּ אין דער צווייטער זיך גענומען צו דער אַרבייט. ער האָט געזאָגט, און די קינדער האָבען איהם נאָכגעזאָגט, אַלע פאַר איין מאָל. ער האָט דאָס מאָל ניט געהיט זיין רול צו לערנען מיט יעדען נאָכ'ן „נעקסט", ווי אימער.

„עבדים היינו לפרעה במצרים, לייבאָרערס זיינען מיר געוועזען ביי פּרעה'ן אין מצרים — האָט באַרני געלערנט מיט זיין „באַנטש" — ויוציאנו ה' אלהינו משם, און גאָט האָט אונז פון דאָרט אַרויס־געצווינגען, ביד חזקה ובזרוע נטויה, מיט אַ סטראָנג האַנט און מיט אַן אויסגעסטרעטשטען אָרים. ואילו לא הוציא הקדוש ברוך הוא את אבותינו ממצרים, און ווען גאָט וואָלט אונזערע פּאַפּאַס ניט אַרויס־געצווינגען פון מצרים, הרי אנו ובנינו ובני בנינו, וואָלטען מיר און אונזערע באָיעס און אונזערע באָיעס' באָיעס, משועבדים היינו לפרעה במצרים, געפּלאָגט זיך ביי פּרעה'ן אין מצרים, און איהר לויפערס וואָלט ניט געשפּיעלט דאָ ביי קאָלומבוס'ען קיין בייז־באָל און איך, באַרני, וואָלט ניט געוועזען קיין היברו טיטשער, און אַמעריקאַ וואָלט ניט געהאַט קיין שניידער און מען וואָלט דאָ אַרומגעגאַנגען אָהן פּענס און אָהן קאָוטס. פערשטעהט איהר, לויפערס, דעם נס?

„כנגד ארבעה בנים דברה תורה, די בייבל האט גערעדט אגעינסט פיער זיהן, אחד חכם, איינער א סמארט באי, ואחד רשע, און איינער א בעד באי, למשל, אזא לויפער, ווי דו, טשאלי, ואחד תם, און איינער א אידיאט, ואחד שאינו יודע לשאול, און איינער וואס ווייס גלאט נאטינג.

„חכם מה הוא אומר, וואס זאגט דער סמארט באי? מה העדות והחוקים והמשפטים, וואס פאר א לאאס און רולס זיינען דאס, אשר צוה ה׳ אלהינו אתכם, וואס אייער גאט האט אייך געאר־דערט? ואף אתה אמור לו כהלכות הפסח, באט דו זאג איהם, אז אזוי איז די לאא פון פסח און דאטסאל!

„רשע מה הוא אומר, וואס זאגט דער בעד באי? מה העבודה הזאת לכם, וואס פאר א מאנקי־ביזנעס מאכט איהר דאס? לכם ולא לו, דזשאסט ווי עס וואלט נאר געווען אונזערע ביזנעס און זיינע ניט. וויבאלד אז ער איז אזא בעד באי, הקהה את שניו, פער־פאהר איהם אין מארדע... יו נאו, לויפערס, אזוי ווי א פרייז־פייטער טוט..."

אי נאו, רבי", האט טשאלי זיך אבגערופען, „איי׳ל שאו יו..."

און טשאלי האט גלייך אנגעשטעלט זיינע הענטלעך מעשה פרייז־פייטער און האט שוין געוואלט בעווייזען, ווי מען טוט עס, אבער בארני האט איהם מיט׳ן סטראפ בעוויזען, אז דאס איז ניט נויטיג.

„זאגט ווייטער, לויפערס!" האט בארני זיך גענומען ווידער צום טייטעל, „וואו האלטען מיר? יעס, ביים אידיאט. תם מה הוא אומר, וואס זאגט דער אידיאט? מה זאת, וואטסי מערע? ואמרת אליו, און דו זאלסט איהם עקספליינען, בחוזק יד, מיט א סטראנג האנט, הוציאנו ה׳ ממצרים, האט אונז גאט ארויסגעצויגען פון מצרים.

„ושאינו יודע לשאול, און דער וואס ווייס גלאט נאטינג, את פתח לו, עקספליין איהם אליין, אזוי ווי איך אייך, פרעג איהם גאר ניט.

„ברוך שומר הבטחתו לישראל, געלויבט איז דער וואס וואטשט זיין פראמיז צו די דזשוס, ברוך הוא, געלויבט איז ער, שהקדוש ברוך הוא חשב את הקץ לעשות, ביקאז גאט האט געוואוסט אפריהער, מיט וואס דאס וועט זיך פינדעשען, כמה שאמר לאברהם

אבינו, אזוי ווי ער האָט געזאָגט צו אונזער פּאַפּאַ אייבי בברית בין הבתרים, בעת ער האָט מיט איהם געמאכט דעם אגרימענט צווישען די פּיסעס.

„צא ולמד, וואָס און לערן, מה בקש לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו, וואָס לבן הארמי האָט געוואָלט טאָן מיט אונזער פּאַפּאַ דזשייק, שפּרעה לא גזר אלא על הזכרים, פּרעה איז פונדעסטוועגען געווען א דזשענטעלמאַן און האָט געהאַלטען פון לייזיעס פּוירסט, און ער האָט געהייסען טויטען נאָר די אידישע באָיעס, ולבן בקש לעקור את הכל, באָט דער אָנקעל לבן האָט געוואָלט פון אלעמען מאכען א סוף.

„ויגר שם, און ער האָט דאָרט געוואוינט, מלמד, יו סי, שלא ירד יעקב אבינו להשתקע במצרים, אונזער פּאַפּאַ דזשייק איז ניט אוועק קיין מצרים ווערען דאָרט א ציטיזענער, אלא לגור שם, באָט צו וואוינען דאָרט אויף א ווײַלע, מאכען א פּאָר טאָלער, און אוועק־צופאָהרען צוריק אהיים.

„רבבה, א גאַנצער באָנטש, כצמח השדה, ווי די פלאָורס אין אין פעלד, נתתיך, האָב איך דיך געמאכט, ותרבי ותגדלי, און דו ביסט געוואָרען א ביג נאַיס לײדי, ותבואי בעדי עדיים, און דו האָסט זיך ארויפגעארבייט אויף א האָלאַט דזשולערי, שדים נכונו... די... א נאַיס נאַיס לײדי... ואת ערום ועריה, און דו האָסט אפילו קיין שוירט אויפ'ן לייב. יו נאָו, לײדיעס זיינען אלע מאָל געווען לײדיעס, און עס איז ביי זיי רעכט נאקעט צו געהן, אָהן א דרעס, אבי דזשולערי צו טראָגען... עד כאן בשבת הגדול, דאָטסאָל פאַר די ביג שבת!"

---

## א הגדה פאַר מלמדים

דאָס איז די הגדה פאַר מלמדים, וועלכע בארני דער מלמד האָט פערפאַסט:

קדש, די הויפּטזאַך זאָל מען אויסלערנען די קינדער קידוש מאכען.

כרפס, מען דאַרף איבערהויפּט קיין גרינער ניט זיין.

יחץ, אז מען איז זעהר ביזי, זאָל מען שפּאַלטען די פּסוקים אויף האַלב. עס וועט זיין גענוג פאַר די לויפערס און זיי וועלען נאָך דאנקען אויך.

מגיד, מען דאַרף זאָגען דעם קאַסטימער, אז קיין בעסערען מלמד קען ער ניט קריגען.

מוציא, מען ציהט אוים דעם לויפער אויפ'ן טיש, אויב ער מאַכט אַן טראָבעל.

מרור, אויב א תלמיד מאַכט ניט קיין סאַקסעס, זאָל מען זיך דאָס לעבען ניט פערביטערען.

כורך, זאָלסט מאַכען א סענעוויטש פון צוויי תלמידים און לערנען מיט זיי צוזאַמען, לקיים מה שנאמר, ווי אין פּסוק שטעהט: יאכלוהו, אמעריקא וועט אלץ אויפעסען.

שלחן עורך, מען שטעלט אוועק א טיש אין א קאַרנער פון א שוהל, און דו האָסט שוין א היברו סקול.

צפון, דעם קאַנטשיק זאָל מען בעהאַלטען, ביקאָז די לויפערס קענען איהם נאָך צו'גנב'ענען.

מה נשתנה, וואָס איז דער דיפרענץ, צי מען קען לערנען, צי ניט? מען עפענט א היברו סקול און מען מאַכט א לעבען.

עבדים היינו, מען דאַרף זעהן ניט צו זיין קיין שקלאַפען ביי די לויפערס. ביד חזקה, מען דאַרף זיי צייגען דעם קאַנטשיק. מצוה עלינו לספר, עס איז א מצוה אריינצוצעהלען זיי. וכל המרבה לספר, און וואָס מעהר מען צעהלט זיי אריין, הרי זה משובח, אלץ בעסער איז.

מעשה ברבי, עס האָט זיך געטראָפען מיט א היברו טיטשער, וועלכער האָט געוואָלט מאַכען זיינע תלמידים פאַר גאַנצע לומדים, עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם, האָבען די תלמידים געמאַכט א סטרייק און געזאָגט: רבותינו הגיע זמן, רבי, דאַטסאָל!

ברוך שנתן תורה לעמו ישראל, א דאנק גאָט, וואָס ער האָט געגעבען אידען א תורה, און מיר, מלמדים, מאַכען דערוויל א לעבען.

כנגד ארבעה בנים, עס זיינען דאָ פיערערליי סאָרטען תלמידים: אחד חכם, איינער א סמאַרט באָי, ואחד רשע, און איינער גלאַט א לויפער, ואחד תם, און איינער וואָס מאַכט זיך

תמ'עוואטע, דזשאָסט ווי ער וואָלט גאָרנישט וויסען; ואחד שאינו יודע לשאול, און איינער, וואָס קען קיין מויל ניט עפענען.

חכם מה הוא אומר? וואָס זאָגט דער סמאַרט באָי? מה הערות והחוקים, צו וואָס איז דאָס גאַנצע לערנען? ואף אתה אמור לו, באָט דו זאָלסט איהם ענטפערן, אין מפטירין, אז דו וועסט ניט לערנען, וועסטו קיין מפטיר ניט קענען.

רשע מה הוא אומר? וואָס זאָגט דער לויפער? מה העבודה הזאת? וואָס איז דאָס פאַר א ביזנעס? ואף אתה הקהה את שיניו, איהם זאָלסטו פליין געבען א האַק אין די ציינער.

תם מה הוא אומר? וואָס זאָגט דער באָי, וועלכער מאַכט זיך תמ'עוואַטע? מה זאת? וואָס איז עס? ואמרת אליו בחוזק יד, זאָלסט איהם ווייזען דעם קאַנטשיק, וועט ער זיך שוין מעהר ניט מאַכען תמ'עוואַטע.

ושאינו יודע לשאול, און אויב דער באָי קען אליין ניט עפענען דאָס מויל, את פתח לו, עפען דו איהם.

מתחלה, מיט יעדען נייעם תלמיד דאַרף מען אָנהויבען פון אָנהויב, און מען דאַרף עקספליינען זיינע עלטערן, אז דער פריהער־דיגער מלמד האָט ניט געטויגט און מען דאַרף אַלעס איבערלערנען.

צא ולמד, האָסט ניט פון וואַנען צו לעבען, געה און ווער א מלמד, מה בקש, צו וואָס זאָלסטו געהן זוכען אנדערע פרנסות? ויהי שם לגוי גדול, און גרויסע גוים זיינען דאָ ביי קאָלומבוס'ען פלענטי. ויגר שם מלמד, מעגסט אַלזאָ ווערען א מלמד.

במתי מעט, הויב אָן מיט א ביסעלע, ככוכבי השמים לרוב, באָט דערנאָך וועסטו האָבען פלענטי תלמידים. ויהי שם לגוי מלמד, אפילו א גוי קען אויך ווערען דאָ א מלמד, שהיו ישראל, ביקאָז דער עולם וויל דאָך זיין אידען.

במהרה במהרה, אַלעס דאַרף מען דאָ מאַכען האַרי־אַפּ. עס איז אמעריקא גנב, יו נאָ...

אחד מי יודע? ווער וויים איינס? איינס וויים איך: איינס איז דער מפטיר, פאַר וועלכען א איד וועט געבען גאָר די געלט.

שנים מי יודע? ווער וויים צוויי? צוויי וויים איך: דער קאַנ־טשיק און דאָס טייטעל, אָהן וועלכע דער מלמד קען ניט אויסקומען.

שלשה מי יודע? ווער וויים דריי? דריי וויים איך: דריי פסוקים פאַר יעדען תלמיד.

ארבע מי יודע? ווער ווייס פיער? פיער ווייס איך: פיער קארנערס אין א שוהל, וועלכע מען פערדענט צו פיער מלמדים פאר א היברו סקול.

חמשה מי יודע? ווער ווייס פינף? פינף ווייס איך: די פינף חומשים, פון וועלכע מיר מלמדים מאכען א לעבען.

ששה מי יודע? ווער ווייס זעקס? זעקס ווייס איך: זעקס טעג אין וואך צו קנעלען מיט די קינדער.

שבעה מי יודע? ווער ווייס זיבען? זיבען ווייס איך: דעם זיבעטען טאג, ווען דער מלמד געהט קאלעקטען די שכר־לימוד.

שמונה מי יודע? ווער ווייס אכט? אכט ווייס איך: אכט לאקשען אין דעם קאנטשיק.

שלשה עשר מי יודע? ווער ווייס דרייצעהן? דרייצעהן ווייס איך: א בר־מצוה באי צו אכטצעהן יאהר, וועלכער האט זיך פער־שפעטיגט צוליעב דעם מפטיר.

חד גדיא, חד גדיא,
ציגעלע מיגעלע,
וויעג, מיסעס, דאס וויעגעלע,
האדעווע קינדערלעך
פאר בארני׳ן רינדעלעך;
פאר בארני׳ן לויפערלעך.
חד גדיא, חד גדיא.

---

## שיר השירים נאך קאלומבוס׳עס נוסח

שיר השירים, דאס איז א סאנג פון סאנגען־לאנד, אשר לשלמה, וואס דער קינג שלמה האט געזונגען אין היברו, און בארני דער מלמד האט עס איבערגעזונגען אין פליין אידיש אויפ׳ן אמעריקאנער סטייל פאר׳ן וואהל און בעסטען פון זיין באנטש לויפערס, וועלכע ער האט זיך אונטערגענומען צו מאכען פאר פיסעס אידען.

ישקני מנשיקות פיהו, גיב מיר, מיין טייערער פעלער, א קוש, כי טובים דודיך, ביקאז דיין ליעבשאפט גלייך איך בעסער ווי די בעסטע גרייפס־וויין פון קאלומבוס׳עס קאנטרע.

לריח שמניך טובים, דיין הערטאָניק שמעקט אזוי נאַיס, שמן תורק שמך, אזוי ווי ראָקעפעלער'ס אָיל גיסט זיך דיין נאָמען, על כן עלמות אהבוך, דערפאַר גלייכען דיך אַלע ליידים.

משכני אחריך, שלעפּ מיך נאָך דיר, נרוצה, איך וועל לויפען, הביאיני המלך חדריו, דער קינג האָט מיך אריינגענומען אין זיינע רומס, נגילה ונשמחה בך, מיר וועלען זיך דאָס אַקאָרשט איג־דזשאָיען און האָבען אַ גוד טאַים, מישרים אהבוך, מען גלייכט דיך אָהן טריקס.

אַל תראוני שאני שחרחורת, נעווער מאַין, וואָס איך בין שוואַרץ ווי אַ ניגערטע, ששזפתני השמש, דאָס בין איך געוואָרען אזוי פון סאַן־בוירנס, ווען איך בין געווען אין קאַנטרע.

הגידה לי שאהבה נפשי, זאָג מיר סוויטהאַרט מייגער, איכה תרעה, וואו טרעמפּעוועסטו דאָס ארום, איכה תרביץ בצהרים, וואו איז דאָס דיין לאָזשי?

קול דודי הנה זה בא, איך הער ווי מיין פעלער קומט, מדלג על ההרים, ער דזשאָמפּט שוין איבער'ן רוף, מקפץ על הגבעות, ער דזשאָמפּט איבער די פייער־עסקייפּס, הנה זה עומד אחר כתלנו, ער שטעהט שוין הינטער אונזער וואָנט, משגיח מן החלונות, ער קוקט שוין אַריין אין ווינדע.

ענה דודי ואמר לי, און מיין פעלער זאָגט צו מיר: קומי לך רעיתי יפתי, געט אַפּ מיין סוויטהאַרט, ולכי לך און קאַם־אָן! כי הנה הסתיו עבר, ביקאָז דער ווינטער האָט זיך שוין געפינדעשט, הנצנים נראו בארץ, קוני איילאַנד איז שוין אָפען, און עס איז רעגעלער ספּרינג.

יונתי בחגוי הסלע, וואָס זיצסטו דאַלינג פערשפּאַרט אין דיין רומקע, בסתר המדרגה, ערגיץ אויפ'ן טאָפּ פלאָר? הראיני את מראיך, לאָז מיר זעהן דיין פּיים, השמיעיני את קולך, לאָז מיך הערען דיין וואָיס, כי קולך ערב, ביקאָז דו האָסט אַ סוויט וואָיס, ומראך נאוה, און דיין פּיים איז זעהר נאַיס.

דודי לי, מיין פעלער גלייכט מיך, ואני לו, און איך גלייך איהם אויך, הרועה בשושנים, ביקאָז ער ברענגט מיר פלאָוערס. עד שיפוח היום, אָט מיר וועלען וואַרטען, ביז דער טאָג וועט אַוועקגעהן, ונסו הצללים, און עס וועט אַנקומען די נאַכט מיט איהרע שאָטענס. סוב דמה לך דודי, דערווייל גאָה אַוועק, דאַרלינג!

על משכבי בלילות, איך ליג אזוי ביינאכט אין מיין רומקע, בקשתי את שאהבה נפשי, איך ווארט אויף מיין סוויט פעלער, בקשתיו ולא מצאתיו, איך ווארט, און ער קומט אלץ ניט: א יעס־טערדעי׳ס דעי!

אקומה נא, איך וועל אקארשט אויפשטעהן, ואסובבה בעיר, און איך וועל א טרעמפעווע טאן איבער׳ן סיטי, בשוקים וברחובות, איבער אלע מארקעטס און סטריטען, אבקשה את שאהבה נפשי, איך וועל זוכען מיין פעלער, בקשתיו ולא מצאתיו, איך זוך איהם און איך קען איהם ניט געפינען.

מצאוני השומרים, דערזעה איך די פאליסלייט, הסובבים בעיר, וואס טרעמפעווען ארום איבער דער סיטי, און איך פרעג זיי: את שאהבה נפשי ראיתם? האט איהר געזעהן מיין פעלער? כמעט שעברתי מהם, איך האב דזשאסט אוועקגעוואקט פון זיי, עד שמצאתי את שאהבה נפשי, ערשט איך געפין מיין פעלער. אחזתיו, האב איך איהם שוין אנגענומען, ולא ארפנו, האב איך איהם שוין ניט אפגעלאזען, עד שהבאתיו אל בית אמי, און איך האב איהם שוין אוועקגעשלעפט צו מיין מאמע׳ן אהיים, זי זאל איהם האלטען אביסעל א לעקטשור, פאר וואס ער היט ניט זיין אפאינטמענט.

און מיין פעלער איז געווארען גלייך א גוד באי און האט געזאגט צו מיר: הנך יפה רעיתי, דו ביסט נאיס, מיין סוויטהארט! עיניך יונים מבעד לצמתך, דיינע אויגען קוקען ארוים ווי טייבעלעך פון אונטער דיין גרויסע ספרינג־העט. שערך כעדר העזים, דיינע האר זיינען ווי ערשט פון דעפארטמענט סטאר, שניך כעדר הקצובות שעלו מן הרחצה, דיינע צייהנער זיינען אזוי ווי ערשט פון דענ־טיסט, כחוט השני שפתותיך, אזוי ווי א רויטער קאטען זיינען דיינע ליפען, די פעינט ליגט נאך אויף זיי, ומדברך נאוה, היינט קענסטו האלטען א נאיס ספיטש! כמגדל דוד צוארך, דיין האלז איז אזוי ווי די וואולווארט בילדינג, אלף המגן תלוי עליו, טויזענ־דער באיעס הענגען זיך אויף איהם. שני שדיך... המ...

לבבתיני אחותי כלה, דו האסט מיך געקעטשט מיין סוויט־הארט! לבבתיני באחת מעיניך, דו האסט מיך געקעטשט מיט דיינע גר־גו־איס! נופת תטופנה שפתותיך כלה, מיט שוגער גיסען זיך דיינע ליפען, סוויטהארט! דבש וחלב תחת לשונך, דיין ציג־געלע איז האניג און מילך, וריח שלמותיך כריח לבנון, היינט דיינע

דרעסעס סמעלען דזשאַסט ווי סענטראַל פּאַרק. גן נעול אחותי כלה, דו ביסט אָבער פערשפּאַרט אין דיין רומקע, סוויטהאַרט! מעין חתום, ביסט אַ פערשלאָסענער ספּרינג און קיינער קען צו דיר ניט צוקומען!

יבוא דודי לגנו, קאַם אָן, מיין פּעלער, ויאכל פרי מגדיו, און העלפּ יורסעלף!

אני ישנה, איך ליג אזוי אין בעט, ולבי ער, אָבער איך קען ניט שלאָפען. קול דודי דופק, מיר דוכט זיך אַפּ, אז מיין פעלער קלאַפּט אין טיר: „פּתחי לי אחותי רעיתי! עפען מיר, סוויט־האַרט!" קמתי אני לפתוח לדודי, שטעה איך אויף עפענען די טיר פאַר מיין פּעלער, וידי נטפו מור, און אַ שוויים בעגיסט מיך. פּתחתי אני לדודי, און איך האָב שוין געעפענט די טיר פאַר מיין פּעלער, ודודי חמק עבר, אָבער ער איז גאָר ניטאָ! בקשתיהו, געה איך איהם זוכען, ולא מצאתיהו, אָבער איך געפין איהם ניט. מצאוני השומרים, און די פּאָליסלייט געפינען מיך, הכוני פּצעוני, און זיי האָבען מיך צושלאָגען מיט זייערע קלאָבס, נשאו את רדידי מעלי, זיי האָבען נאָך די דזשולערי אויך אראָפּגעריסען פון מיר.

„מה דודך מדוד, היפה בנשים, וואַטסי מערע מיט דיין פּעלער, נאָיס ליידי?" פרעגען מיך די ליידיס. און איך ענטפער זיי: חכו ממתקים, ביי איהם איז אַ זיס צינגעלע דזשאַסט ווי קענדי, און ער האָט מיר צוגעזאָגט כל הגליקען. שמאלו תחת ראשי, מיט דער לינקער האַנט פּלעגט ער מיך האַלטען אונטער'ן קאָפּ, וימינו תחבקני, און מיט דער רעכטער פּלעגט ער מיך ארומנעהמען. אני חומה, ווען איך בין געווען נאָך שטאַרק ווי אַ מויער, ושדי כמגדלות, און מיין באַסט איז געווען ווי אַ טורעם, אז הייתי בעיניו כמוצאות שלום, בין איך נאָך דאַן געווען פאַר איהם אָלראַיט. האלף לך שלמה, האָט זיך איהם אָבער דערנאָך פערוואָלט אַ כלה מיט טויזענטער. ברח לך דודי, און מיין פּעלער איז ענטלאָפען, און אַ יעסטערדעי'ס דעי!

# שיר השירים אין גראַמען

שיר השירים....
נעהם און פיהר איהם
איבער פאַר די קינדער,
פאַר קאָלומבוס׳ רינדער,
אידען פון מפטיר און קידוש
אויף פליינעם אַמעריקען אידיש,
נאָכ׳ן סטייל און פיטשור
פון בארני היברו טיטשער.
ישקני, קוש מיך סוויטהאַרט,
בין קיין פעדלער מיט א פושקארט,
אויך ניט קיין אָפּרייטער,
וואָס טאָג און נאַכט נעהט ער, —
איך בין שלמה, בין אַ קינג —
שיר השירים, איך זינג...

---

משכני, פיהר מיך, קינג, פיהר,
נרוצה, איך וועל לויפען נאָך דיר!
חדריו, אַ קאַטעדזש וועסטו מיר בויען,
נגילה, און איך וועל אינדזשאָיען.
מישרים, אָהן בלאָפס, גלויב מיר,
אהבוך, אי לאַיק יו, דיר!
שחורה אני, כ׳האָב אַ דארק קאָמפּלעקשען,
ונאוה, כ׳בין אָבער אַן אַטרעקשען.
אל תראוני שאני שחרחורת,
באָט הער מיין פירוש:
נעווער מאַין, וואָס איך בין שווארצליך,
אבי איך בין הארצליך!

---

לסוסתי, אַ האָרסי־באָגי, וועל איך קויפען,
דאַרלינג, זאָלסט ניט דארפען לויפען.
נאו לחייך, דיינע באַקען זיינען נאַיס,
ס׳ווילט זיך געבען זיי אַ בייס!

צווארך בחרוזים, א נעקלייס אויף דיין נעק
וועל איך אנטאן ; כ'האב קיין סלעק,
יו נא, איך בין א קינג!
שיר השירים, איך זינג....

---

צרור המור דודי לי,
א פלאוער ביסטו פאר דיין מיידעלי!
איך וויל זיך מיט דיר קוויקען,
בין שדי ילין, און צום הארצען דריקען!

---

קומי לך רעיתי, שטעה אויף,
דארלינג, און קום אויפ'ן רוף!
עת הזמיר, עס איז שוין ספרינג.
שיר השירים ,איך זינג!
הראיני את מראיך, ווייז מיר דיין פייס,
בעהאלט איהם ניט אין שוים!
השמיעיני את קולך, כ'וויל הערען דיין וואיס,
באט מאך ניט קיין נאיס!

---

על משכבי בלילות, שפעט ביי דער נאכט
ליעג איך און טראכט,
שאהבה נפשי, פון מיין סוויט באי,
וואס זיין קאפ איז פייכט פון טוי...
בקשתיו, איך זוך איהם, א נעכטיגער טאג!
ער האט מיך פערגעסען, און איך טו און קלאג!
אחזתיו, געקעטשט האב איך איהם
און איך שלעפ איהם אהין,
איבער ריווערס און ים'ען
אל בית אמי, אהיים צו מיין מאמע'ן.

---

כלך יפה, שעהן ביסטו, שולמית,
ומום אין בך, האסט ניט קיין פליאמעס!
לבבתיני, דו האסט מיך געקעטש, טייבעלע מיין!
און איך מוז צוריק מיט דיר זיין...

כ׳האָב דען אַ ברירה?
כ׳האָב דאָך מורא...
אַן אַנדערע אויף דיין פּליים
מאַכט אַ בריטש אָון פּראַמים קיים.
מה טובן דודיך, באַט דו ביסט אַ גוטע,
און ווּעסט ניט בעטען פאַר ליעבע אַ פּרוטה!
נופת תטופנה, צוקער זיס,
שפתותיך, דיינע ליפּען איז!
וריח שלמותיך, דיינע דרעסעס סמעלען,
און דו ביסט מיר געפעלען!

---

אני ישנה, איך טו שלאָפען,
ולבי ער, באַט מיין האַרץ איז אָפען...
קול דודי דופק, ער קלאַפּט אין טיר:
„פּתחי לי, עפען מיר!"
פּשטתי את כתנתי, בין ניט געדרעסט,
און איך וויל נעהמען אַ רעסט.
באַט פאַר איהם איז קיין תירוץ,
וויל ניט וויסען פון דרך־ארץ...
ליעבע, זאָגט ער, איבער אַלעס,
פרעגט קיין קשיות און קיין שאלות,
ווייס פון טאָג ניט און פון נאַכט,
און פון צערעמאָניעס לאַכט...
פּתחתי, און איך האָב געעפענט די טיר,
און ער איז אַריין צו מיר...
ודודי חמק, און דאַן איז ער אַוועק,
און אַ סוף מיט אַן עק!
בקשתיהו, איך זוך איהם,
און פלוך איהם, און פלוך איהם.
„מה דודך מדוד, אַ דאגה אַ פעלער!
„ברעך מיט אַן אַנדערען טעלער!"
זאָגען צו מיר מיינע בעקאַנטע,
און אויך דער אָנקעל מיט דער טאַנטע.

„אזא מיידעל, ווי דו, יו נאָ,
„איז נאָך ערגעץ ניטאָ!
שלאָג מיט איהם כפרות!“
נאָר געה דערצעהל זיי מיינע צרות...
חכו ממתקים, אַ זיסינקען צינגעלע
האָט ער דער אינגעלע...
אַלע גליקען מיר פערשפּראָכען,
און מיין הארץ האָט ער צובראָכען!
זאָל איך שלעפען עס אין קאָורט?
ניין! איך ריהר זיך ניט פון אָרט!
וואָס פאַר אַ סומע קען איך מאָנען,
ווען אפילו מיט מיליאָנען
קען מען ניט לויפען
נאָך מיין ליעבע און קויפען?
דודי ירד, כ׳האָב געקעטשט איהם ווידער,
און ער זינגט ווייטער זיינע ליעדער...
יפה את, דו ביסט אַ שעהנע,
„אחת היא, דו ביסט איינע!“
אל גנת, און ווידער אין פּארק,
מיינע הענט אויף זיין קארק...
הפרחה הגפן, די בוימער בליהען,
און מיין הארץ טוט צו איהם ציהען...
שמתני מרכבות, ער נעהמט מיך אין קערידזש
און מיר רעדען פון מערידזש...
שובי, שובי, און די ליעבע צוריק,
און מיר שעפּען פול גליק.
אני לדודי, איך בין ווידער זיינע,
גאָר אָהן טענה...
ברח לך, און ער איז ווידער אנטלאָפען...
האָט עס מיט ווען נאָך געטראָפען?

## ער ווערט אויך אַ פריהלינג־פּאָעט

בארני דער מלמד האָט זיך מתקנא געווען אָן די פּאָעטען, און ער האָט בעזונגען דעם פריהלינג און אויף זיין אייגענע מערכה אין גראַמען.

און אָט איז זיין „ספרינג סאָנג“ :

זינג, בארני, זינג,
שיר א סאָנג
לכבוד אביב,
לכבוד ספרינג,
עפען, בארני,
דיין מענה לשון,
מענה־טאָנג.
נעהם, בארני, דיין לירע ;
קאָלומבוס קערט ניט
פאר ספירה !
חיים איז לאיף,
אשה א וואיף,
ספרינג אויף דער וועלט
כאָטש מען קעטשט א קעלט.

רינגט אין בעל
און שיקט טו העל
אייער טראָבל...
קוקט אין סטריט
לויפט און פליהט
א סקווירט א האָבל,

בחורים ובתולות,
באָיעס און מיידלעך,
אין סילקענע קליידלעך
וואָקען אויף גרענד
אונטער די הענד.
השמש, די סאָן,
קוקט זיי אָן.

עס לאכט איהר פּנים,
איהר פּיים,
און זי האַלט אַ דרשה,
אַ ספּיטש:
אַ נייס פעלער,
אַ מיידעל אַ פּיטש.
היינט ברעכט מען טעלער
און מאָרגען — אַ בריטש
אָוו פּראָמיס קיים...
השמש, די סאָן,
קוקט זיי אָן
מיט איהר פּנים, איהר פּיים.

פאַר דיר אָבער, בארני,
איז ניט דער ספּרינג...
זינג...
דו זיצ׳ אין חדר,
אין דיין היברו סקול,
מיט דיין טייטעל, טיין טול,
און מיט׳ן סטראַפּ
און קלאַפּ און קלאַפּ...
און לערן כסדר
מיט משאַלי׳ן און בעני׳ן,
כאָטש זיי וועלען ניט
עניוויי קענען.

דיין טייטעל אין האַנט
און רעד צו דער וואַנט,
און בלאָז אין שופר
צו דיינע לויפער,
וואָס ווילען ניט הערען
און ווילען ניט קערען
פאַר אַלע דיינע טייטשען,
כאָטש שמייס זיי מיט בייטשען.

נאָר אַ דאגה דיר דיינע,
דו האָב קיין טענה.
ווייב און קינדער
בעטען סופּאָרט,
און זאָלסטו ניט געבען,
שלעפּט מען אין קאָורט:
קאָלומבוס׳עס רול!
טאָ זיץ אין סקול
און מאַך אַ לעבען.
און זאָג צום באָנטש,
זאָג!
און דאַרף מען נאָר —
פּאָנטש,
און שלאָג!

מאַכט לויפערס,
קיין־טראָבעל!
היינטיגע סדרה
איז אַ דאָבעל:
אחרי מות קדושים....
הייליג ווערט מען
נאָכ׳ן טויט,
כאָטש ביים לעבען
איז ניטאָ קיין ברויט.

זאָג־זשע אייבי:
ילד אַ בייבי,
קיי ניט קיין גאָם,
און זיי ניט קיין באָם!
זאָג־זשע, גוי:
איש עתי איז
אַ מעסענדזשער־באָי,
מיט וועמען מען פלעגט
שיקען
און קיקען

לעזאזל, טו העל,
דעם שעיר דעם באָק...
פאַר פרעמדע חטאים,
כדי מען זאָל קענען
ווייטער זיין גוים...
פעמון א גלאָק,
דאָס איז א בעל...
לעזאזל טו העל...
בשרו זיין באדי,
משתה א פּאַדי,
טהור א קלינער,
גר א גרינער,
לא תלך
זאָלסט ניט וואָקען,
לא תונה
זאָלסט ניט סאָקען,
תשמרו, איהר זאָלט וואָטשען...
לויפערס, איך וועל פּאַטשען!
ווארפט אוועק דעם באָל!
שקר א בלאַף...
דהאָט'ס אָל!
און זאָל שוין זיין
היינט א סוף!

---

## בעריל פּאָנפּאַטער וויל איהם האָבען פאַר אַ פּאַרטנער

בארני מלמד האָט זיך גענומען צו זיין טייטעל.

„לויפערס!" האָט ער אויסגעשריען, „צום טייבל! היינטיגע סדרה איז: אמור. טשאלי, זאָג: ויאמר ה' אל משה, און גאָט האָט געזאָגט צו מאָזעס'ן: אמור אל הכהנים, זאָג צו די רעווערענדס, בני אהרן, די באָיעס פון אהרנ'ען, לנפש לא יטמא בעמיו, זיי זאָלען זיך ניט מאַכען ניט קלין מיט א מת. ופאת זקנם לא יגלחו,

און דעם קאָרנער פון זייער וויסקע זאָלען זיי ניט שייווען, ובבשרם לא ישרטו שרטת, און אין זייער באדי זאָלען זיי ניט מאַכען קיין סקרעטש. דבר אל אהרן, טאָק צו אהרנ׳ען, לאמר, אזוי צו זאָגען: איש, עניבאדי, מזרעך, פון דיינע טשילדערן, לדורותם, צו זייערע דזשענעריישענס, אשר יהיה בו מום, וואָס וועט האָבען עני דעמעדזש, לא יקרב להקריב לחם אלהיו, קען ער קיין רעווערענד ניט זיין.״

אין דעם אויגענבליק האָט זיך דערהערט א פייף פון דעם לעטער־קעריער און באלד אַן אויסגעשריי:

„בארני!״

בארני האָט א וואָרף געטאָן דאָס טייטעל און איז ארויסגע־לאָפען אין האָל. באלד האָט ער זיך צוריקגעקעהרט מיט א גאַנצען פּאַק בריעף.

„איהר זעהט, וואָס פאר א באָנטש לעטערס!״ האָט בארני געזאָגט צו מיר מיט א צופריעדענהייט, „און דאָס איז אַלץ צוליעב מיין ספּרינג־סאָנג. געמאַכט א היט! אלע טאָג קריג איך לעטערס. לאָמיר אָקאָרשט זעהן, וואָס מען שרייבט מיר היינט״.

און ער האָט גענומען עפענען איין בריעף נאָכ׳ן צווייטען.

דער ערשטער בריעף איז געווען אין גראַמען, פון איינעם א בדחן מיט׳ן נאָמען בעריל פּאָנפּאַטער. דער בריעף האָט געלויטעט אזוי:

„מיסטער בארני, איך קום אייך בעגריסען!
„אייער פּאָעזיע איז בעסער ווי יין קפריסין.
„ווערט על כן א פּארטנער צו מיינע בדחנות,
„איך האָב דערביי קיין זייטיגע כונות.
„איך האָב זיך צוקריעגט מיט מיין פּארטנער דעם אַלטען,
„ווייל ער פלעגט די געלט האַלטען
„תמיד ביי זיך אין פּאַקעט
„און מיך געלאָזען הונגעריג און נאַקעט.
„טאָ לאָמיר מאַכען א פירמע אונטער איין נאָמען,
„און געלט וועט דאַן צו אונז שטראָמען.
„און די פירמע וועט הייסען
„מיט איהר נאָמען דעם גרויסען:
„בארני מלמד און בעריל פּאָנפּאַטער,

„דער געוועזענער שותף פון שמעריל הארבאטער.
„איך וועל געבען די גראמען,
„וועלכע איך האב גאנצע ים'ען,
„און איהר, ר' פעטער,
„וועט געבען דעם מעטער,
„א וואג און מאס צו די שורות,
„זיי זאלען ניט זיין צוצויגען ווי אויף טארטורעס,
„אדער גאר צו קורצע,
„אז מען זאל מיך האלטען פאר א פורצע.
„הכלל, ווי ביי די ריכטיגע פאעטען.
„און איך קען מיט אייך וועטען,
„אז פאר יעדען זונג
„וועלען מיר הערען א קלונג,
„פון א פעטע מטבעה.
„און מיין ווייב מרת לאה
„וועל איך שוין האבען אין פאה.
„על כן וואַרפט אוועק אייער טייטעל,
„און הויבט שוין אן צו נעהען א בייטעל
„פאר די מזומנים,
„וואס אונזער פירמע בדחנים
„וועט קריגען נאך סלעק,
„ווען ספירה וועט אוועק,
„און דער עולם וועט צו דער חופה געהן,
„און מיר וועלען זאגען: כלה'לע וויין!
„אוים קוני איילענד, אוים בעלער!
„וועסט שטעהן ביים סינק און וואשען טעלער!
„דו אוים מיידעל, און ער אוים פעלער!
„נא מאר אייז־קרים, נא מאר טריטען!...
„און אזוי וועלען מיר שיטען און שיטען,
„און זי וועט טרערען פערגיסען,
„און מיר וועלען געניסען
„און מאכען א כוסה
„און א מטבעה א גרויסע.
„און געבען א טיפ די שדכנים,

„זיי זאָלען זאָגען, מיר זיינען די גרעסטע בדחנים,
„וואָס קענען מאַכען
„אי וויינען, אי לאַכען.
„אַלזאָ, ר׳ פּעטער,
„לעגט ניט אָפּ אויף שפּעטער,
„און ענטפערט גלייך אַ לעטער,
„ווארים מען דאַרף שוין באַלד צוגרייטען סטאַק.
„חזק! חזק!
„פון מיר אייער פריינד, בעריל פּאָנפּאַטער,
„דער געוועזענער שותּף פון שמעריל האַרבאַטער,
„(צומישט נאָר ניט מיט „בעריל פּיסקאַטער“!)
„אָפּ־טשי!... עקסקיוז מי!
„איך האָב, לאַ עליכם, אַ קאַטער.“
און באַרני האָט זיך אוועקגעזעצט און האָט תּיכּף ומיד גע־ענטפערט בעריל פּאָנפּאַטען מיט אַ קורצען בריעף, נאַטירליך, אויך אין גראַמען:
„ליעבער ר׳ בעריל פּאָנפּאַטער!
„געוועזענער שותּף פון שמעריל האַרבאַטער!
„דאָס טייטעל אין גאַנצען
„קען איך ניט לאָזען,
„ווייל איך וויים ניט
„די ווינטען, ווי בלאָזען
„וועלען.
„איך קען אָבער אויך
„קנעלען,
„און זיין אַ בדחן
„אי אַ שדכן,
„און אַ רעווערענד אויך
„און קדיש זאָגען,
„און נאָד און נאָך.
„צו וואָס זאָל איך טראָגען
„אויף זיך אַ יאָך?
„האָבען אַ שותּף? זאָגט אַליין:
„בין איך גערעכט, צו ניין?

„גוד באַי, בעריל פּאַנפּאַטער,
„און זייט ווייטער אַ שותּף
„מיט שמעריל הארבאַטער.
„בלייבט ביידע צוזאַמען,
„און שלעפּט איהם נאָך
„אויף אַ פּולע וואָך
„דעם זאַק מיט גראַמען."

## זיין ל"ג בעומר פּיק־ניק

ביי בארני דעם מלמד אין חדר איז געווען ליהודים: ער האָט לכבוד ל"ג בעומר געמאַכט אַ שטיקעל פּיק־ניק פאַר זיינע תלמידים.

בארני'ס חברה איז געווען זעהר צופריעדען מיט'ן יום־טוב, ניט אזוי צוליעב דער שמחה, וואָס ר' עקיבאַ'ס תלמידים האָבען אויפגעהערט צו שטאַרבען אין דיעזען טאָג, ווי צוליעב דעם, וואָס זיי וועלען ניט לערנען יענעם טאָג. אונצופריעדען איז אָבער געווען איינער פון זיינע קאַסטימערס, מיסטער כלאַפּ, אַן ארויפגעאַרביי־טער איד אין קאָלומבוס'עס מדינה, וועלכער וויל מאַכען פון זיין בן'אָק אַ גוטען בעל־מפטיר, אז די גאַנצע שוהל זאָל מיט די „ברי־דער" צוזאַמען „צוטרעשצעט" ווערען פון זיין הפטורה (אזוי האָט ער אויסדריקליך אָנגעזאָגט בארני'ן בעת ער האָט איהם אוועקגע־געבען דעם אינגעל), איז ערב ל"ג בעומר אריין צו בארני'ן אין חדר און האָט געזאָגט בזה הלשון:

„וואָס פאַר אַ ביזנעס טוט איהר דאָס אויף, רבי? וואָס פאַר אַ האַלידעיס געהט איהר דאָס מאַכען? דערפאַר צאָהל איך דאָס אייך געלד, אז איהר זאָלט מאַכען האַלידעיס אין אַ מיטען מיט־וואָך? און דערנאָך, אז עס וועט קומען צו דער הפטורה, וועט דער באָי קיין מויל ניט קענען עפענען! ניין, איך האָב פיינט אזוינע ביזנעס!"

„גאָט איז מיט אייך, מר. כלאַפּ!" האָט בארני גענומען אריינ־טענה'ען מיט זיין קאַסטימער, „וואָס הייסט, איך מאַך האַלי־דעיס? וואָס בין איך עפּעס? אַ משה רבינו?"

„אי שור סעי סאָ!" האָט מיסטער כלאַפּ ארויסגעזאָגט מיט נצחון.

„וועל,“ האָט בארני ווייטער געזאָגט, „עס איז ל״ג בעומר!“

„ל״ג בעומר א האלידעי! גאָר א נייעס! איך האָב פון אזא האלידעי ניט געהערט!“ האָט מר. כלאָפּ געזאָגט.

„עס איז ניט קיין רעגעלער האלידעי“, האָט זיך בארני פער־ענטפערט, אָבער א האלידעי איז עס עניוועי, ווייל ר׳ עקיבא׳ס תלמידים האָבען אויפגעהערט צו שטארבען אין דיעזען טאָג, יו נאָו.“

מיסטער כלאָפּ האָט זיך שוין גענומען אונטערגעבען, און ער האָט זיך אָפּגערופען:

„איך האָב נעווער אין מאי לאיף געהערט פון אזא געשיכטע. אָלל ראיט, לאָזט זיי, די לויפערס, האָבען א האלידעי, אָבער איהר זאָלט זעהן, אז מיין טשאַלי זאָל קענען די הפטורה זאָגען היינטיגען שבת, אי דאָן קער פאָר עניטהינג עלס, באָט מפטיר!“

„שור,“ האָט בארני געזאָגט, „ער וועט שוין ביי מיר קענען די הפטורה זאָגען לאיק א וואָדער.“

„ער זאָל אוועקלעגען אזא מפטיר, אז די שוהל און אלע מעמ־בערס זאָל די כאָלעריע כאַפּען!“ האָט מיסטער כלאָפּ געזאָגט צופריעדען.

און דאָן האָט זיך מר. כלאָפּ געווענדעט צו זיין בן׳אָק און האָט געזאָגט:

„הערסט טשאַלי? זאָלסט זיך לאָזען ארייִנשלאָגען אין דיין פּויערשען קאָפּ די הפטורה, אז ניט וועסטו מיר אויסקרענקען דיין מאָרגענדיגען האלידעי!“

און מיט דיעזע ווערטער איז מר. כלאָפּ אוועק.

א שווערען דזשאָב האָט בארני געהאַט צו ערקלערען זיינע תלמידים, וואָס פאר א יום־טוב ל״ג בעומר איז, און ער האָט דערצו גערופען צו הילף זיין גאַנצען סטאָק ענגלישע און האלב ענגלישע ווערטער.

„ל״ג בעומר, יו נאָו,“ האָט בארני געזאָגט צו זיי, „איז א דזשואיש האלידעי, א טשילדרען האלידעי, ספּעשעל פאר טשילדרען.“

„ע נאַיס פעללאָו דהי לאק ביימער!“ האָט אייבי אויסגע־שריען, „אי לאיק הים וועריי מאָטש! איינ׳ט הי דהי דזשואיש סאנטא קלאוז?“

„אַ, דו פֿויערשע קאָפּ!“ האָט באַרני אויסגעשריען, „ל״ג בעומר איז ניט קיין פֿעללער און ניט קיין סאַנטאַ קלאָוז; ל״ג בעומר איז דער נאָמען פֿון דעם האָלידעי, יו נאָו...“

„אַי דאָנ׳ט קער,“ האָט אייבי געזאָגט, „איט איז ע האָלי־דעי עניוועי... דו אונז געזאָגט...“

„יו נאָו,“ האָט באַרני געזאָגט, „עס איז געווען אַ גרויסער ראַביי רבי עקיבא, און ער האָט געהאַט 24,000 תּלמידים.“

„אָ, דזשי!“ האָט סעמי אויסגעשריען.

„זיינען זיי געווען בעד באָיעס,“ האָט באַרני ווייטער דער־צעהלט, „האָט זיי גאָט געפּאָנישט, און גלייך נאָך פּסח האָבען זיי גענומען שטאַרבען, און ל״ג בעומר האָבען זיי געסטאָפּט צו שטאַרבען.“

„הי וואָנטס טו פּראַיטען אָז,“ האָט בעני בעמערקט אין דער שטיל צו די איבעריגע קינדער. „הי איז וועריי סמאַרט, דהי רבי. באָט איט׳ס ע האָלידעי עניוועי.“

„ווהאַט׳ס דהי מעדער וויטה דהי לאַק ביימער?“ האָט אייבי אויסגעשריען.

און אַלע באָיעס האָבען געענטפערט:

„הורריי פאָר דהי לאַק ביימער!“

און דזשימי, דער איירישער באָי, דער בן־אָקעל פֿון דעם דע־מאָקראַטיק ליעדער און טשאַלי׳ס חבר, איז אויך דערביי געווען, און אויך ער האָט אויסגעשריען:

„הורריי פאָר דהי שיני האָלידעי! אַ׳לל גאָו טו וויטה יו טו יור שיני פּיק־ניק!“

„יעס, יעס, רבי!“ האָט טשאַלי געבעטען פאַר זיין חבר, „לעט הים גאָ טו; הי איז ע נאַיס פעללאָו, דזשימי; זיין פּאַפּאַ איז אַ פֿרענד צו מיין פּאַפּאַ און ער לאַיקט די דזשואיש פּיפּל.“

און די חברה, בעלאָדען מיט פייל און בויגען און מיט אייער, זיינען אוועק פּראַווען ל״ג בעומר אין פּאַרק. באַרני איז געגאַנגען פֿאָראויס, מעשה גענעראַל, און דזשימי, וועלכער איז געגאַנגען עם כּל הנערים, האָט פון צייט צו צייט אויסגעדריקט זיין צופריעדענ־הייט מיט דעם אויסגעשריי:

„הורריי פאָר דהי שיני פּיפּל ענד דהעיר האָלידעים!“

## ווי ער פערטייטשט פרק

דאָס זיינען „סעמפּעלס" פון בארני דעם מלמד'ס טייטשען פון פרק:

כל ישראל, עני איד, יש להם חלק לעולם הבא, איז אינטייטלד צו א לאָט אויף יענער וועלט, שנאמר, ביקאָז עס שטעהט אין פּסוק: ועמך כלם צדיקים, און דיין פּיפּל זיינען אָלע ראַיט, לעולם יירשו ארץ, אויף אייביג וועלען זיי ארבען די קאָונטרי, נצר מטעי, א ברענטש פון מיין פּלענט, מעשי ידי להתפאר, מיין דזשאב איז פוירסט קלעס.

משה קבל תורה מסיני, מאָזעס האָט געקראָגען די בייבל פון מאונט סיני, ומסרה ליהושע, און ער האָט זי איבערגעגעבען צו יהושע'ן, ויהושע לזקנים, און יהושע צו די אָלד מען, וזקנים לנביאים, און די אָלד מען צו די פּאָרטשון-טעלערס, ונביאים מסרוה לאנשי כנסת הגדולה, און די פּאָרטשון-טעלערס האָבען זי איבערגעגעבען צו די פּיפּל פון די ביג קאָנגרעגיישאָן, און אזוי כסדר, ביז די בייבל איז אָנגעקומען צו בארני מלמד, און בארני פערשפּרייט זי צווישען די אמעריקאנער לויפערס און מאכט א לעבען.

ועשו סיג לתורה, און מאכט א געיט צו דער תורה, אז ניט עני עם הארץ און גראָבער יונג זאָל קריעכען צו איהר און מאכען פון איהר ביזנעס.

כל המרבה שיחה עם האשה, ווער עס מאכט צופיעל ביזנעס מיט א ליידי, גורם רעה לעצמו, ברענגט טראָבעל אויף זיך, וסופו יורש גיהנום, און דער רעזאַלט וועט זיין, אז ער וועט געהן טו העל.

אהוב את המלאכה, גלייך בעסער א טרייד, ושנא את הרבנות און האָב פיינד די רעווערענדעריי.

הוו זהירין ברשות, זייט קערפול מיט פּאָליטישענס, שאין מקרבין לו לאדם, ביקאָז זיי קערען ניט פאר א מענשען, אלא לצורך עצמן, נאָר פאר זייערע אייגענע ביזנעס, נראין כאוהבין בשעת הנאתן, ווען זיי האָבען א יוז פון דעם מענשען זיינען זיי מיט איהם גוטע ברידער, ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו, באָט זיי קערען ניט פאר א מענשען, בעת ער איז געבראָכען.

אמור מעט, ספּיטש וואָס וועניגער, ועשה הרבה, אָבער טהו א האָלאָט, ניט ווי די קאנדידאטען, וואָס זאָגען צו הרים וגבעות

בעת זיי „לויפען" און דערנאָך האָבען זיי אַלעמען אין סליוו. והוה מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות, און זיי א דזשענטעלמען.

אל תפרוש מן הצבור, דו זאָלסט ניט אָפּשטעהן פון א סאָסייעטי, ביקאָז פון עני סאָסייעטי קען מען האָבען א יוז, ווען מען האָט נאָר שכל.

ולא עם הארץ חסיד, א גראָבער יונג קען ניט זיין פרום, באָט א ראַביי ביי קאָלאָמבוס'ען קען ער זיין.

מרבה בשר מרבה רמה, וואָס לענגער מען האלט דאָס פלייש, אַלץ מעהר ווערים קלייבען זיך אָן, באָט דאָ אין אמעריקא איז פאַראַן א קאָלד סטאָריידזש.

יהי ממון חברך חביב עליך כשלך, דו זאָלסט גלייכען דעם צווייטענ'ס מאָני, דזשאָסט ווי דיינע אייגענע: וואָס איז דער דיפרענץ?

אל תהי בז לכל אדם, אינסאָלטע ניט קיין מענשען, שאין לך אדם שאין לו שעה, ביקאָז עס קען זיין, אז דו זאָלסט דאַרפען קריגען ביי איהם א שאָו, ווי מען זאָגט ביי קאָלאָמבוס'ען אין דער מדינה: עוורי דאָג העז היס דעי.

רבי יוחנן הסנדלר אומר, ר' יוחנן דער שוהמייקער זאָגט: כל כנסיה שהיא לשם שמים, עני קאָנגרעגיישאָן וואָס איז פון גאָט'ס וועגען, סופה להתקיים, קען זי האָבען אַן עקזיסטענס, ושאינה לשם שמים, באָט אויב זי איז פון דעם פרעזידענט'ס וועגען, אין סופה להתקיים, קען זי קיין עקזיסטענס ניט האָבען.

התקן עצמך בפרוזדור, פיקס זיך צו אין האָל, כדי שתכנס לטרקלין, כדי זאָלסט קענען אריינגעהן אין פראָנטרום.

ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו, דו זאָלסט ניט טרייען צו זעהן איינעם, בעת ער איז געבראָכען, ביקאָז ער קען נאָך ביי דיר בעטען א פּאָר דאָלאַר.

אל תסתכל בקנקן, קוק ניט אויפ'ן פּיטשער, אלא במה שיש בו, באָט אויף דעם, וואָס איז אין פּיטשער.

כל אהבה שהיא תלויה בדבר, אז א מיידעל גלייכט א באָי צוליעב עפּיס, דהיינו, וואָס ער טריט זי מיט קענדי אָדער מיט אייז־קרים, בטל דבר בטלה אהבה, איז — נאָ קענדי, נאָ ליעבע.

רבי חנניא בן עקשיא אומר, ר' חנניא בן עקשיא זאָגט: רצת הקדוש ברוך הוא לזכות את ישראל, גאָט האָט געוואָלט געבען די

אידען אַ שאָו, לפיכך הרבה להם תורה ומצוות, האָט ער זיי רעד־ריבער אָנגעגעבען אַ האָלאַט תורה און מצוות. האַלט זיך דערמיט, קינדערלעך, עס איז אַ טריט פון גאָט און אינדזשאָי יורסעלף:

## אקדמות לשבועות

אקדמות מילין, ליסן, באָיעס, באָיע—תא,
בארני׳ס תורה הערט, איהר לויפערס, לויפער—חא.
זיצט־זשע רוהיג, איהר קונדסים, קונד—תא,
מאַכט מיר ניט קיין מאָנקי־ביזנעס, ביזנע—תא.
זעהט איהר אָטאָ דאָ דעם סטראַפ, סטראַפּא—תא,
וואַרפט אַוועק די לאָלי־פּאָפּ, פּאָפּא—תא.
דו־זשע, אייבי, קיי קיין טשונגאָם, טשונגאָ—תא,
טשאַלי, שטעק מיר ניט קיין צונג, צונגא—תא.
ווייסט איהר וואָס איז היינט, לויפערס, פון קאָאָלמבו—תא?
היינט איז שבועות, האָלידעי, שבועו—תא.
מתן תורה, מתן בלינצעס, בלינצע—תא,
דעקלערײשאָן אָוו אינדעפּענדענס, פּענדענ—תא.
קאָנסטיטושאָן אונזער תורה, תורה—תא,
וואָס געגעבען האָט אונז משה, מאָזע—תא.
מתן תורה, מתן בלינצעס, בלינצע—תא,
בלינצעס גלייכט איהר, אבער תורה? נאָ סערי—תא!
אָבער סטאָרים? אָהאָ, סטאָרים, סטאָרי—תא!
פון פייטס, בייז־באָל, דזשאַהנסאָן, דזשעפּרים, דזשעפּרי—תא.
ווי איינער מיט די קולאַקעס, קולאַקע—תא,
פערפאָהרען יענעם איז אין מאָרדע, מאָרדע—תא.
דעטעקטיוו־סטאָרים, מואווינג פּיקטשורס, פּיקטשור—תא.
דאָס איז אויך ביי אייך אַ פּלעזשור, פּלעזשור—תא.
איהר רעדט מיט פייער: דזשייענטס, יענקים, יענקי—תא,
און נאָך אזוינע ווערטער פאַני, פאָני—תא.
כ׳פערשטעה קיין וואָרט פון אייער תורה, תורה—תא,
דזשאָסט ווי איהר פערשטעהט ניט מיינע — אַי טאָלד יו סאָ!
נאָר מילא... יו דאָן קער, איי דאָן קער, קערא—תא,

איהר'ט עניווע ניט זיין קיין ראַבים, ראַבי—תא.
זייט־זשע מיר כאָטש אידען פליינע, פליינע—תא,
מיט דזשואיש הערצער און נשמות, נשמו—תא.
לערענט ניט פון איריש לויפערס, איריש—תא,
צו ווארפען סנאָובאָלס אויף א גרינעם, גרינע—תא.
רייסט ניט ביי א אידען וויסקעס, וויסקע—תא,
טהוט ניט מעשים אָן אין סטריט, סטריטאָ—תא,
איהר זאָלט אויך ניט שרייען שינים, שיני—תא,
אויף איי'רע באָבעס, איי'רע זיידעס, זיידע—תא.
שבועות, לויפערס, היינט איז שבועות, שבועו—תא!
געפעדעלט גאָט האָט מיט דער תורה, תורה—תא,
געטראָגען זי צו אלע אומות, אומו—תא,
קיינער האָט געוואָלט די סחורה, סחורה—תא.
גוים ווילען א גוד טאים, טאימאָ—תאָ,
עולם הזה, קוני איילענד, קוני—תאָ,
באָט קיין תורה, באָט קיין מצוות, מצוו—תאָ.
„גיב די תורה צו די שינים, שיני—תאָ,
„גיב זיי עולם הבא, גלות, גלו—תאָ!"
געענטפערט האָבען דאן די אומות, אומו—תאָ
דעם בורא עולם, כביכול, מלכ—תאָ,
איז ער געקומען צו די היברוס, היברו—תאָ
מיט בליצען, דונערן און קולות, קולי—תאָ,
און א סמוק האָט ער געלאָזען, סמוקא—תאָ,
און געציטערט האָט דער מאונטען, מאונטענ—תאָ.
וידבר, און ער האָט גערעדט, לאמר—סא:
„ליסן, אידען, זייט גוד באָיעס, באָיע—תא,
„און נעהמט צו פון מיר די תורה, תורה—תאָ!
„טאָמער ניט? איז אייער קבורה, קבור—תא!"
„וועט דאָ זיין אָן די ספאָט, ספאטע—תאָ!"
און אָנגעבויגען ווי א גיגית, גיגי—תאָ,
(בארעל מיינט עס אויף דעם לשון פון קאָלאָמבו—תא)
האָט דעם בארג ער אויף די קעפ פון די היברו—תאָ,
און די אידען? עס איז לית ברירה, ברירה—תא —
געפאלען איז אויף זיי אן אימה, אימה—תאָ.

„תורה איז די בעסטע סחורה, סחורה—תאָ!“
איז געװעזען זײער תשובה, תשובה—תאָ.
און גענומען האָבען זײ די תורה—תאָ,
תורת משה, מאָזעס בײבל, מאָזע—תא.
און מיר שלעפּען אויף די פּליצעס, פּײצע—תא
די ירושה פון די אבית, אבו—תא,
און איך לעהרען זי מיט אײך, באָיע—תא,
און מאַך אַ לעבען אין קאָלומבוס'עם מדינה—תאַ
הײנט איז שבועות, האָלידעי, שבועו—תא,
מתן תורה, מתן בלינצעס, בלינצע—תא.

---

## װי אַ פרײדענקער מאַכט „המוציא“

באַרני דער מלמד האָט געקראָגען אַן אײנלאַדונג צו קומען קײן טעקסעס צו פּיטערען דאָרטען די אידישע לױפערס מיט תורה און אידישקײט.

„צו װאָס דאַרף איך טעקסעס“, „האָט ער געזאָגט, „אַז איך האָב דאָ ב"ה אין ניו יאָרק פּרנסה לרוב? אַזאַ ביזי אויף אידישקײט איז דאָ נאָך קײנמאָל ניט געװען, װי איצט! אַנאַרכיסטען, סאָציאַליסטען, פרײדענקער און אפּיקורסים מכל המינים האָבען זיך צוגעכאַפּט צו קוגעל, צו קנײדלעך, צו בלינצעס און מען שיקט די קינדער אין חדר אַרײן לערנען תורה. מען שלאָגט מיך פּשוט אָפּ די שװעלען. אַזאַ פּראָספּעריטי!“

„איהר זעהט אָט אַ באָיטשיק?“ — האָט באַרני מיר אָנגעװיזען אויף אײנעם, „קאַרל מאַרקס הײסט ער. זײן טאַטע איז אַ פערברענטער סאָציאַליסט. אַ באָס פּײנטער איז ער און ער איז גוט אָפּ. ער האָט זײן באָיטשיק אַ נאָמען געגעבען נאָך דעם סאָציאַליסטישען רבי'ן און ער האָט מיר אַלײן דערצעהלט, װי דער מוהל האָט דאַן בײם ברית צובראָכען די צײהנער, געבענדיג דעם באָיטשיק דעם נאָמען. קורץ, ער האָט פון אידישקײט ניט געהאַלטען און ער האָט געװאָלט מאַכען פון דעם באָיטשיק אַן אמת'ן פרײדענקער, מיט אַ קריסטמעס טרי אויף קריסטמעס און מיט געפאַרבטע עיגס אויף איסטער. און איצט? אוים קריסטמעס־טרי,

נאָר חנוכה־לאַטקעס, און אַנשטאָט איסטער־עיגס — נאָר מצות. א רעגעלער איד איז ער געוואָרען, און ער קוועלט נאָר אָן, ווי זיין קאַרל מאַרקס זאָגט ברכה".

באַרני האָט מיר אָנגעוויזען אויף נאָך אַ אינגעל פון זיינע תלמידים, און ער האָט געזאָגט:

„און אָט דעם באָיטשיק זעהט איהר? ער הייסט ראָבערט אינגעלסאָן, (אינגערסאָל — האָט ער געמיינט), אָדער דער שוואַרץ־יאָהר וויים עס, ווי אויסצורעדען. אַלץ אַזוינע שווערע נעמען! ער איז אַ נאָמען נאָך עפּעס אַ גרויסען אפּיקורוס, אַ גוי, וועלכער האָט געלייקענט אי אין זייער תורה, אי אין אונזערער, און האָט געוואָלט, אַז מיר, מלמדים, זאָלען בלייבען אָהן אַ קנעלונג. אַלזאָ, אָט דעם ראָבערט אינגעלסאָן'ס טאַטע, איז אויך אַ פריידענקער. אָבער איהם האָבען אויך פערשמעקט די קניידלעך און די בלינצעס, און ער האָט זיין ראָבערט אינגעלסאָן אוועקגעגעבען צו מיר אין חדר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך מעג איהם אַלעס לערנען, וואָס אַ איד איז סופּאָזד צו וויסען, אָבער גאָט'ס נאָמען זאָל איך איהם ניט דערמאָנען. וואו עס שטעהט נאָר דערמאָנט אין חומש אָדער אין דאַוונען „גאָט" — ארויס! לא יזכר ולא יפּקד! נו, מילא, לערען איך איהם אָהן גאָט. אָט איהר וועט באַלד הערען. א־נו, ראָבערט אינגעלסאָן, קום נאָר אַהער און מאַך המוציא!"

דער אינגעל איז צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט:

„ברוך אתה המוציא לחם מן הארץ.

„דאַט'ס ראַיט!" האָט באַרני געזאָגט, „גוט באָי! נו, און דעם טײַטש ווייסטו?"

„שור, רבי!" האָט דער אינגעל געזאָגט. „איי'ל טעל יו אין אַ מינוט: „טהענק יו פאָר מייקינג ברעד פון דער ערד!"

„וועמען זאָגסטו דאָס טהענק יו?" — האָב באַרני איהם געפרעגט.

„דעם פאַרמער!" — האָט דער אינגעל געענטפערט.

„דאַט'ס ראַיט! האָט באַרני געזאָגט צופריעדען, „גוט באָי!"

און דאַן האָט באַרני בעמערקט, זיך ווענדענדיג צו מיר:

„באַרני גיט זיך שוין אַן עצה. זאָגט, אפשר בין איך אַ שלעכטער פריידענקערישער מלמד?"

„פוירסט קלעס!" האָב איך איהם ערמוטיגט.

# טשאַלי׳ס בר־מצוה ספּיטש

וזאת הדרשה, און דאָס איז דער ספּיטש, וואָס טשאַלי, איינער פון בארני דעם מלמד׳ס צאָן קדשים, האָט אוועקגעלעגט צו זיין בר־מצוה אין דעם טעמפּעל פון דער קאָנגרעגיישאָן „אנשי רודף כבוד״, וואו טשאַלי׳ס פאָטער איז אַ מעמבער.

בארני האָט פיעל און לאַנג געדראַפּט קנעלען מיט טשאַלי׳ן ביז ער האָט איהם דעם ספּיטש אויסגעלערענט. דער ספּיטש איז „מיקסד״: אידיש, העברעאיש און ענגליש. בארני האָט געוואָלט צופריעדענשטעלען אַלע צדדים, אז אַלע מעמבערס פון דער קאָנ־גרעגיישאָן זאָלען פערשטעהן דעם ספּיטש, אפילו דער איירישער דעמאָקראַטיק דיסטריקט ליעדער, וועלכער איז אַ פּערזענליכער פריינד פון טשאַלי׳ס פאָטער, און וועלכער איז אויך געווען ביי דער שמחה.

און אָט איז דער ספּיטש:

„לײדיעס און דזשענטעלמען, בראָדערס און סיסטערס פון דער היברו רעלידזשאָן, און האָנאָרייבל דזשימי מעקארטי, ליעדער אָוו אַאור דיסטריקט!

„עס איז פאַר מיר אַ ביג פּלעזשור צו ספּיטשען דאָ היינט פאַר אייך צו דער אָקייזשאָן פון מיין קאָנפירמיישאָן, וואָס איך ווער בר־מצוה און וועל אליין זיין רעספּאָנסיבל פאַר אָל קאינד עבירות, חטאים ופשעים, וואָס איך וועל קאָמיטען. און פון עבירות קאָן נאָבאָדי זיך איינהיטען, ווי אונזער סמארט דזשואיש קינג סאָלאָ־מאָן האָט געזאָגט: כי אדם אין צדיק בארץ, נאָבאָדי קען אַפאָרדען צו זיין אין עני טאים אַ צדיק, אשר יעשה טוב ולא יחטא, אז ער זאָל סטעדי טאָן גוטס און נעוועך זינדיגען.

„איך פּראָמיז מיין פּאַפּאַ, אז איך וועל איהם נאָ מאָר באָדע־רען מיט מיינע עבירות. איך וועל אליין האָבען דעם פּלעזשור צו סאַפּערען פאַר מיינע עבירות. איך בין שוין שטארק און געזונד גענוג צו טראָגען אליין מיינע עבירות. איך קען פאַיטען עניבאָדי, און איך וועל טראַיען צו פאַיטען אויך דעם יצר הרע. איך האָב איהם נעוועך געזעהן, באָט איי דאָנ׳ט קער. איך וועל טרייען.

„הויך ווי די מאָונטיינס וועל איך האַלטען די דגל מחנה יהודה, די דזשואיש פלעג. עברי אנכי, אי עם ע היברו, יו נאָו!

תדבק לשוני לחכי, זאָל זיך בײַ מיר צופּעיסטען מײַן טאָנג צום גומען, אם לא אזכרכי, אויב איך װעל בײַ ענִי אָקײזשען ניט דערמאָנען זיך, אַז איך בין אַ דזשו!

„ישמח משה במתנת חלקו, מאָזעס װעט זיך אינדזשאָיען און האָבען פּלעזשור מיט דעם נײַעם פּרעזענט, מיט דעם נײַעם מעמבער װאָס די דזשואיש פּיפּל האָט הײַנט געקראָגען.

„איך פּראָמיז צו זײַן אַ גוטשטעהענדער מעמבער פון אײַער האָלי קאָנגרעגײשאָן אנשי רודף כבוד און צו היטען די פּרינסיפּלס פון אײַער קאָנסטיטושאָן. איך װעל צאָהלען רעגעלע די דיוס און איך װעל אויך אַטענדען צו די פיונעראַלס פון אַלע אונזערע מעמבערס.

„טהענק יו, פּאָפּאַ! טהענק יו, מאַמאַ! פאַר די דזשואיש עדיוקײשאָן, װאָס איהר האָט מיר געגעבען! טהענק יו, װאָס איהר האָט מיך געמאַכט פאַר אַ דזשו! טהענק יו, װאָס איהר האָט געקערט פאַר מײַן נשמה, דזשאָסט װי איהר האָט געקערט פאַר מײַן באָדי. איהר האָט אַרײַנגעזעצט אַ אידישע נשמה אין מײַן גוי'אישער באָדי. הקול קול יעקב והידים ידי עשו, הענט האָב איך טאַקע געזונטע װי אַ גוי, װי אַן אײַרישער לויפער, באָט אַ האַרץ האָב איך אַ דזשואיש.

„איך דאַנק אויך מײַן היברו טיטשער באַרני פאַר די לעסאָנס אין דזשודאאיזם, װאָס ער האָט מיר געגעבען. איהר װעט מיר עקסקיוזען, לײדיעס ענד דזשענטעלמען ענד האָנאָרײבל דיסטריקט ליעדער! איך װיל איהם ניט געבען קײן אַדװערטײזמענט, נאָר איך מוז אײַך זאָגען, אַז אַזאַ גוטער היברו טיטשער, װי באַרני, װעלכער האַלט זײַן סקול אין סאָוטה װעסט קאָרנער פון דער שוהל פון דער קאָנגרעגײשאָן „אנשי כאבק פורח", איז נאָך ניטאָ. ער לערענט אויפ'ן אַמעריקאַנער סטײל, און ער איז פּאָזיטיװ דער בעסטער היברו טיטשער אין יונײטעד סטײטס. איך דאַנק איהם אויך אין נאָמען פון מײַן פּאָפּאַ און מײַן מאַמאַ פאַר דעם פּלעזשור, װאָס ער האָט זײ פערשאַפט מיט מײַן מפטיר און מיט מײַן איצטיגען ספּיטש.

„טהענק יו, לײדיעס און דזשענטעלמען, פּאָפּאַ ענד מאַמאַ, רבי ענד האָנאָרײבל דיסטריקט ליעדער! טהענק יו פאָר יור אַטענשען, אמן."

די גאנצע קאנגרעגיישאן האט בעוואונדערט דעם ספיטש. דער איירישער דעמאקראטיק דיסטריקט ליעדער איז אויך געווען זעהר בעגייסטערט און האט געלויבט אין טאג אריין די דזשואיש פיפל און זייער פוירסט ליעדער דעם ביג דזשו מאזעס. בארני האט פון איהם נעקראגען א ספעשעל קאמפלימענט, אז אזא גוטער טיטשער, ווי ער, איז אין גאנץ יונייטעד סטייטס ניטא, און ווען ער, מעק'קארטי, וואלט געווען א דזשו, וואלט ער פאזיטיוו אפגע־געבען צו איהם אין חדר זיין דזשימי'ן.

„מיין דזשימי האט מיר דערצעהלט פון אייער שיני... איי מין דזשואיש... נא, עקסקיוז מי... היברו סקול", האט צו איהם מעק'קארטי געזאגט, פאטשענדיג איהם איבער'ן פלייצע, „יו אר אל ראיט, ראביי!"

בארני האט זיך געפיהלט זעהר געשמייכעלט פון דעם גוי'־אישען קאמפלימענט.

---

## ער לערנט בלק אין די קעטסקילס

בארני דער מלמד שוויצט שוין איצט ניט אין זיין חדר, אדער „היברו סקול", ווי ער אליין רופט עס, אין דעם סויטה־וועסט קארנער פון שוהלכעל פון דער חברה „אנשי באבק פורח". אין די רעכטע היצען האט ער געלאזען ניו יארק שוויצען, און איז אליין אנטלאפען אין די קעטסקילס.

מיינט איהר אבער, אז בלויז פאר פלעזשור איז ער אוועק אין די קעטסקילס? ניין, בארני איז ניט פון די אידען וואס קענען זיך פערגינען אזא פלעזשור? ער איז פשוט געפאהרען אהין פאר ביזנעס, דאס הייסט, פערשפרייטען אידישקייט פון אלף בית ביז בר־מצוה־דרשות צווישען די קינדער פון די זומער־געסט.

וועט איהר דאך פרעגען: ווי אזוי איז דאס בארני'ן איינגע־פאלען צו מאכען א חדר אין די קעטסקילס? אלזא, די געשיכטע איז אין קורצען אזוי געווען:

צווישען זיין „באנטש" תלמידים איז דא איין תלמיד מיט'ן נאמען סעמי, וועלכער קען זיך גוט פאיטען און שפיעלען באל, אבער ער איז, לא עליכם, זעהר שווערליך אויף עברי. אבער יא עברי, ניט עברי: בר־מצוה מוז ער דאך ווערען, און א מפטיר מיט

א דרשה מוז ער „אָוועקלעגען“, באַדיי די וועלט זאָל אונטערגעהן, וואָרים אזוי וויל זיין טאטע, וועלכער איז דוקא א פּרעזידענט אין א שוהל. היינט קענט איהר זיך גאָר פאַרשטעלען א פּרעזי־דענט׳ס בן־יקיר זאָל ווערען בר־מצוה אָהן א דרשה און אָהן א מפטיר? סטייטש, אזא בזיון! וואָס וועלען די מעמבערס זאָגען?

און בארני האָט זיינע גאַנצע כחות אָוועקגעלעגט, אום אריינ־צוקלאַפּען סעמי׳ן אין קאָפּ דעם מפטיר מיט דער דרשה. אָבער קלאַפּ היינט, קלאַפּ מאָרגען, אז דער אינגעל האָט א קאָפּ ווי א שטיין! בר־מצוה האָט ער געדאַרפט ווערען נאָך מיט א האַלב יאָהר צוריק, אָבער זיין טאטע האָט ערקלערט, אז ער וועט ביי איהם ניט ווערען בר־מצוה, וואו ער וועט ניט קענען די דרשה מיט׳ן מפטיר, עס מעג געדויערען ביז 18 יאָהר. נו, האָט מען די בר־מצוה אָפּגעלעגט, און בארני קנעלט אַלץ מיט איהם.

דאָ האָט אָבער סעמי׳ס מאַמאַ מיט איהר גאַנצען פּעקעל קינדער געדאַרפט אָוועקפאָהרען אין קאָונטרי. סעמי, נאַטירליך, איז אויך געווען אין דעם פּעקעל. האָט זיך בארני געדאַרפט אויס־רעדען פאַר סעמי׳ס טאַטען, אז זיין גאַנצע האָרעוואַניע אויף סעמי׳ן וועט אָוועקגעהן לאיבוד, וואָרים פאַר דער צייט, וואָס ער וועט זיין אין קאָונטרי, וועט ער אַלעס פערגעסען, און מען וועט דאַרפען צוריק אָנהויבען פון אָנהויב.

„טו וויסט איהר גאָר וואָס?“ האָט זיך סעמי׳ס טאַטע אָפּ־גערופען צו בארני׳ן, „איך האָב א פּלאַן!“

„וואָס פאַר א פּלאַן?“ — האָט בארני געפרעגט.

„איהר זאָלט אויך פאָהרען אין די קעטסקילס און דאָרטען איהם אויך קלאַפּען אין קאָפּ דעם מפטיר מיט דער דרשה“ — האָט סעמי׳ס טאַטע געענטפערט.

„ווי קען איך דאָס אַפאָרדען צו פאָהרען פאַר פּלעזשור?“ — האָט בארני פערשעהמט געפרעגט.

„ערשטענס, האָב איך אייך שוין איין מאָל געזאָגט, אז א 25גער איז ביי מיר קיין געלט ניט, אבי מיין סעמי זאָל ווערען בר־מצוה מיט לייטען צוגלייך“ — האָט סעמי׳ס טאַטע געענטפערט מיט א ברייטקייט, „און צווייטענס, איז אין די קעטסקילס אויך פאַראַן געגנוג אידען און איהר וועט דאָרטען אויך קענען מאַכען א קנעלונג פאַר וואַקיישאָן צייט. מיין אידענע וועט שוין דאָרטען

זעהן איינרערען די איבעריגע ווייבער זיי זאָלען אייך אָפּגעבען די קינדער. קורץ, נעהמט און פאָהרט!"

און בארני איז אוועקגעפאָהרען, און גאָט צו דאנקען: ער קנעלט שוין דאָרטען און לערענט דאָרט מיט די קינדער די סדרה — בלק. גלייך נאָך דינער שלעפּט בארני אוועק דעם „באָנטש" אין וואלד אריין, צולעגט זיך מיט זיי דאָרטען אויף א בערגעל און לע־רענט מיט זיי הויך אויפ'ן קול, אז עס איז גאָר א מחיה! דער כביכול אליין פון הימעל זיצט און קוקט און קלייבט נחת פון זיין קנעכט בארני, וועלכער זעהט אויפצוהאַלטען דאָס ביסעל אידיש־קייט אין אמעריקא און טראָגט די תורה פון בארג סיני אַזש צו די קעטסקיל מאָונטיינס.

אלזא, גאָט איז צופריעדען, בארני, להבדיל, איז אויך צופריע־דען, וואָרום אי ער האָט פלעזשור, אי ער מאכט א פּאָר סענט. די מאַמעס פון די קינדער זיינען אויך צופריעדען, ווייל בארני פּאַסט שוין פאר איין קלאַפּ אויף אַלע קינדער, אויסער די זויגעדיגע און די באָטעל־בייביס, און די מאַמעס קענען זיך דערווייל אונגע־שטערט אמוזירען. דער בעל־הבית פון דעם זומער־פּלאַץ איז שוין גאָר און גאָר צופריעדען. בארני'ס חדר איז ביי איהם געוואָרען א וויכטיגע פּימשור אין זיין ווידטשאַפט, און ער האָט שוין אָפּגע־דרוקט אדווערטייזמענטס, אין וועלכע ער גיט אָן צווישען אַנדערע בעקוועמליכקייטען, ווי בייטהינג, פישינג, דענסינג א. אז. וו. אויך „היברו טוטשינג נאָכ'ן אמעריקאנער סטייל אונטער דער מענעדזש־מענט פון דעם וועלט־בעריהמטען טיטשער פּראָפעסאָר בארני פון ניו יאָרק".

הכלל, אַלע זיינען צופריעדען, אויסער די קינדער אַליין, און סעמי וועניגער פון אַלעמען. אָבער ווער הערט זיי?

בארני לערנט
מיט זיי בלק,
ווי אין פסוק
שטעהט געשריבען —
פון דער גאנצער
תורה איז ביי
זיי א האָר אויך
ניט געבליבען.

# ער בונטעוועט די קאַנטרי־וווייבער

בארני דער מלמד קינינגט נאָך אַלץ אין די קעטסקילס, וואו ער פערשפּרייט אידישקייט צווישען די קינדער פון די זומער־געסט.

עס איז אַ לעבעדיגע וועלט: בארני קנעלט זיך מיט די קינדער אין זיין „אָפּען־עיר" חדר אויפ'ן בערגעל אין וואלד, און די מאַמעס אַמוזירען זיך אויף וואָס די וועלט שטעהט.

צו דער סדרה „פּנחס" אָבער האָט בארני גענומען אויך די מאַמעס אויף איין טאָג אין זיין חדר אריין, זיי זאָלען זיך אַקאָרשט אַראָפּנעהמען אַ מוסר פון די ערשטע סאָפראַדזשעטקעס, צלפחד'ס טעכטער.

„מיינט ניט אַז די תורה האָט געמאַכט אין גאַנצען דעם מאַן פּאר אַ באָס איבער אייך", האָט בארני געזאָגט צו די ווייבער, „הערט נאָר אדרבא, וואָס אַמאָליגע ווייבער האָבען געקענט אויספיהרען! היינטיגע סאָפראַדזשעטקעס מעגען נעהמען אַ סעמפּעל פון זיי."

די ווייבער האָבען זיך צולעגט אויף דער ערד הינטער זייערע קינדער, צו הערען די גבורות פון די אַמאָליגע ווייבער.

„בעפאָר מיר וועלען איבערגעהן צו דער סטאָרי גופא", האָט בארני געזאָגט, אויפמישענדיג דעם חומש, „וועל איך אייך געבען אַ קליינע עקספּליינישען. די סטאָרי איז אַזוי געוועזען: משה האָט צוטיילט ארץ־ישראל צווישען אַלע שבטים. איטליכען האָט ער נעגעבען אַ לאָט, ער זאָל מעהר ניט דארפען ארומטרעמפּעווען אין דער מדבר און וואַרטען ביז דער מן וועט פאַלען פון הימעל. ער האָט צו זיי געזאָגט: „קינדערלעך, אָט האָט איהר אייך אַ קאַונטרי, וועלכע רינט מיט מילך און האָניג, טאָ זייט זשע גוט באַיעס און העלפּ יורסעלף!" חלקים האָבען אָבער געקראָגען נאָר די מאַנסביל, און די ווייבער האָבען שוין געמוזט לעבען מיט דעם זכות פון זייערע מענער, און אַ מיידעל האָט שוין געמוזט וואַרטען ביז זי וועט חתונה האָבען. אַזוי איז געוועזען די לאָא, אַז דער באָס איז דער מאַן, זיינען אָבער געקומען די בנות צלפחד, פינף כוואַטסקע מיידלעך, און האָבען פערפיהרט אַ פאַיט און משה האָט געמוזט נאָך גאָט'ס אָרדער מאַכען אַן אַמענדמענט אין דער אידישער קאָנסטיטושאָן. איצט הערט די סטאָרי: נו, זאָגט, לויפערס!

„ותקרבנה, און זיי האָבען צוגעוואָקט, בנות צלפחד, די טעכ־טער פון צלפחד, מחלה, נעה וחגלה, ומלכה ותרצה. ותעמודנה, לפני משה, און זיי האָבען זיך אוועקגעשטעלט פאַר מאָזעס'ן, לפני אליעזר הכהן, און פאַר רעווערענד אליעזר, ולפני הנשיאים, און פאַר די פרעזידענטען, וכל העדה, און פאַר דער גאַנצער קאָנגרעגיישאָן, לאמר, אזוי צו זאָגען:

„אבינו מת במדבר, אונזער פּאַפּאַ איז געשטאָרבען אין מדבר, והוא לא היה בתוך העדה, און ער איז ניט געווען ביטווין דעם באַנטש, הנועדים על ה', וועלכע האָבען געמאַכט אַ רעוואָלושאָן אויף גאָט, בעדת קרח, אין קרח'ס קאָמפּאַניע, ובנים לא היו לו, באָט קיין זיהן האָט ער ניט געלאָזען.

„למה יגרע, פאַרוואָס זאָל געקענסעלט ווערען, שם אבינו, אונ־זער פּאַפּאַ'ס נאָמען, מתוך משפחתו, פון זיין פעמילי, כי אין לו בן, ביקאָז ער האָט קיין זוהן ניט? תנה לנו, גיב אונז, אחוזה, אַ פּראָ־פּערטע, בתוך אחי אבינו, ביטווין די בראָדערס פון אונזער פּאַפּאַ."

„ויקרב משה את משפטן, און מאָזעס האָט אַפּעלירט זייער קייס, לפני ה', פאַר גאָט, ויאמר ה' אל משה לאמר, און גאָט האָט צו מאָזעס'ען געזאָגט אזוי צו זאָגען: כן בנות צלפחד דוברות, די טעכטער פון צלפחד זיינען ראַיט, נתון תתן להם אחוזת נחלה, דו זאָלסט זיי געבען אַ פּראָפּערטע, בתוך אחי אביהן, ביטווין די בראָדערס פון זייער פּאַפּאַ, והעברת, און דו זאָלסט איבערטראַנס־פערען, את נחלת אביהן להן, זייער פּאַפּאַ'ס פּראָפּערטי צו זיי. ואל בני ישראל, און צו די היברוס, תדבר לאמר, זאָלסטו טאָקען אזוי צו זאָגען: איש כי ימות, עניבאַדי אַז ער וועט שטאַרבען, ובן אין לו, און קיין באָי האָט ער ניט, והעברתם את נחלתו לבתו, זאָלט איהר איבערטראַנספערען זיין פּראָפּערטע צו זיין טאָכטער.

„און דאָס איז שוין געוואָרען אַ לאָאָ אויף אייביג", האָט באַרני געענדיגט, „יו סי?"

די ווייבער האָבען זיך גאָר אמת צואוואַרעמט פון דער סדרה, און עס האָט זיי אויך אָנגענומען אַ חשק צו זיין אַזעלכע כוואַטסקע פּרויען, ווי די בנות צלפחד.

„ווען איצט זאָלען זיין אַזעלכע צלפחד'ס טעכטער", האָט זיך איינע פון זיי אָנגערופען, „וואָלטען מיר ניט געלעגען אזוי פיעל אין דר'ערד און די מענער וואָלטען איבער אונז ניט געבאָסעוועט."

„זיי וואָלטען דאָן אונז ניט געגעבען קיין אויסגעצעהלטע געלט אויף א העט!“ האָט א צווייטע געזאָגט.

און אַזוי האָט יעדע פון זיי כסדר אויסגערעכענט די גליקען, וואָס די ווייבער וואָלטען געהאַט, ווען זיי, די ווייבער, זאָלען זיין אַזעלכע העלדינס, ווי די בנות צלפחד. און דער ענטוזיאזם זייערער איז אַזוי פיעל געוואַקסען, ביז איינע פון זיי האָט זיך אָפּגערופען:

„ווייסט איהר גאָר וואָס? לאָמיר אויך ווערען אַזוינע העלדינס, ווי צלפחד׳ס טעכטער, און לאָמיר מאַכען א סאָסייעטי פון גאָלע לײדיעס און מיר וועלען פאַיטען פאַר אונזערע רעכט!“

די אידעע איז אַלע ווייבער געפעלען געוואָרען, און טאַקע אין יענעם טאָג האָבען זיי געגרינדעט א סאָסייעטי מיט׳ן נאָמען „די בנות צלפחד לײדיעס אונטערשטיצונגס פעראיין“. דעם נאָמען האָט זיי באַרני פאָרגעשלאָגען. אין דער סאָסייעטי האָבען זיך פערשריבען אַלע ווייבער, וואָס האָבען זיך געפונען אין יענעם זומער־פּלאַץ. די מיידלעך האָבען ניט געוואָלט צושטעהן צו דער סאָסייעטי: זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי וועלען צייט האָבען צו פאַיטען זיך מיט די מענער נאָך דער חתונה, אָבער ביז דער חתונה מוזען זיי האָבען א „פעלער“ און א גוד־טאַים.

אָט אַזוי האָט באַרני צובונטעוועט די ווייבער, ובזכות זה האָבען זיי איהם עלעקטעט פאַר האָנאָרארי פּרעזידענט פון זייער סאָסייעטי.

---

## די רעוואָלוציע וואַקסט

באַרני דער מלמד איז נאָך אַלץ אין די קעטסקילס. ער זיצט זיך און קנעלט זיך מיט זיינע לויפערס אין וואַלד אויפ׳ן בערגעל אונטער׳ן פרייען הימעל, און האָט שטאַרק הנאה, וואָס דער בעל־הבית פון באָרדינג־הויז רופט איהם „פּראָפעסאָר“. ער דענקט צו ברענגען מיט זיך דיזען טיטעל צוריק קיין ניו יאָרק.

„וואָס בין איך ערגער“, זאָגט ער, „פון א ריווינגטאָן סטריטער טרעפער? ער מעג זיך רופען פּראָפעסאָר, און איך ניט? נאָ סערי! אמעריקאַ איז א פּרי קאָונטרי!“

איך מוז אייך אָבער דערצעהלען א נייעס, אַז זיין „אָפּען־עיר“

חדר איז רייכער געוואָרען מיט נאָך אַ תּלמיד, איך מיין אַ תּלמיד'קע, אַ מיידעל פון אַ יאָהר 17. בעטסי הייסט זי, און זי געפינט זיך אין קאָונטרי צוזאַמען מיט איהר מוטער, אַ פעטע אַל־ראַיטניצע.

ווי קומט בעטסי צו איהם אין חדר? נאָר די געשיכטע איז אַזוי געווען:

די מאַמע איהרע האָט עפּעס די לעצטע צייט גענומען טראַכ־טען פון דעם טויט. זי איז אפילו נאָך ניט קיין אַלטע אידענע, אָבער טויט איהר עפּעס, אַז זי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, דאָס אַז פיעל האָט זי צו לעבען נאָך אַ יאָהר 20—30! הייגט ווער וועט זי דאַן שלעפּען פון גיהנום, אַז קיין זוהן קיין קדיש האָט זי ניט? וואָרום איהר גאַנצער אייגענס איז די איין בעטסי.

אָבער אַזוי ווי די סאַפראַדזשעטקעס ־ בעוועגונג האָט אַרומ־גענומען די לעצטע צייט אויך די קעטסקילס און עס איז צוליעב באַרני'ס זכות געגרינדעט געוואָרען דאָרט דער „בנות צלפחד לייי־דיעס אונטערשטיטצונגס פעראיין", האָט דיעזע סאָסייעטי אָנגענו־מען אַ בעשלוס צו בעפרייען זיך פון דעם יאָך פון די זיהן די קדישים און אַז טעכטער זאָלען אויך מעגען זאָגען קדיש נאָך זייערע עלטערען.

„די בנות צלפחד האָבען אויך געזאָגט קדיש נאָך זייער טאַטען!" האָט איין ווייבעל זיך צושריען, „פאַרוואָס־זשע זאָלען מיר אַזוי ניט טאָן ווי זיי? פאַר וואָס זאָלען מיר עפּעס זיין פער־שקלאַפט ביי די מענער אפילו נאָכ'ן טויט? עס איז גענוג פאַר אונז אַז מיר ווערען אויסגעריסען פון די מענער ביים לעבען. טאָ לאָמיר כאָטש זיין פרייע מענשען אין קבר!"

באַרני האָט אויך געהאַלטען מיט די ווייבער, ווייל ער איז דאָך עפּעס פאָרט דער האָנאָראַרי פּרעזידענט פון זייער סאָסייעטי, און אַ מלמד איז גלאַט מעהר ביי די ווייבער אין די הענט איידער ביי די מענער. נאָר אין גאַנצען איבערגעבען די ממשלה צו די ווייבער האָט ער עפּעס ביי זיך ניט געקענט פועל'ן: פאָרט אַליין אויך אַ מאַנסביל. הייגט ווי קען מען דאָס אַזוי פעררעטען אַלע מאַנסביל? האָט ער פאָרגעשלאָגען אַן אַמענדמענט צו דער רעזאָ־לוציאָן וועגען קדיש זאָגען, נעמליך, אַז נאָר אין פאַל עס איז קיין זוהן ניטאָ, דאַרף די טאָכטער זאָגען קדיש. דער אַמענדמענט איז

אַנגענומען געוואָרען נאָך אַ לאַנגען קאַמפּף, און בארני האָט דער־פּאַר צו פערדאַנקען איין ווייבעל, וועלכע האָט ארגומענטירט, פער־טיידיגענדיג דעם אַמענדמענט בזה הלשון:

„מילא מיר קעמפּפען געגען אונזערע מענער, איז אַן אַנדער זאַך, וויי־ל צווישען אונז גערעדט זיינען זיי דאָך אונז ווילד־פרעמדע. באשר מיר האָבען מיט זיי חתונה געהאַט — נו, דערי־בער איז וואָס? אָבער זיהן זיינען דאָך אונזער אייגען בלוט און פלייש!"

און דאָ האָט זי גענומען האַלטען אַ גאַנצען לעקטשור וועגען די צרות, יסורים און וועהטאָגען, וואָס אַ פרוי האָט ביז זי ברענגט אַ קינד אויף דער וועלט און ביז זי האָדעוועט עס אויס. איהרע רייד האָבען געריהרט אַלע ווייבער. זיי האָבען אויסגעבראָכען גלייך אין אַ געוויין, און דער אַמענדמענט איז אָנגענומען געוואָרען.

די סאָסייעטי האָט גלייך זיך גענומען צו דער ארבייט, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז בעטסי, די איינציגע קאַנדידאַטקע אויף קדיש זאָגען, איז אָפּגעגעבען געוואָרען צו בארני'ן אין חדר, ער זאָל זי צוגרייטען צו איהר צוקינפטיגער מיסיאָן. בעטסי האָט אפילו קיין חשק ניט געהאַט דערצו, נור ערשטענס, האָט די מאַמע געהייסען, און דער מאַמען מוז זי פאָלגען, און צווייטענס, האָט דער שעהנער באָרדער, וועלכער האָט בעצויבערט אַלע פרויען פון קאָונ־טרי בכלל און בעטסי'ן בפרט, זיך אָנגענומען צו זיין איהר בע־העלפער, דאָס הייסט, אָוועקצופיהרען זי אין חדר און ברענגען צו פיהרען זי פון חדר. מיט איהם צו נעהמען אַ „וואָק" איז נישקשה, און בעטסי איז זעהר צופריעדען געווען צו האָבען איהם פאַר אַ בעהעלפער. מעהר ניט, וואָס בארני פלעגט דאַרפען לאַנג ווארטען, ביז דער „בעהעלפער" פלעגט ברענגען די „תלמיד'קע".

„וואָס געדויערט עס אַזוי?" — פלעגט בארני פרעגען ביים „בעהעלפער" מיט אַ שמייכעל.

„אַט זי איז אַ קינד נאָך" — ענטפערט דער „בעהעלפער" אויך מיט אַ שמייכעל —„פערשפּיעלט זי זיך אין וועג."

קיין גרויסען ערפאָלג אין איהר לימוד מאַכט בעטסי ניט, און בארני זאָגט, אַז איהר מאַמע וועט נאָך דארפען לאַנג לעבען ביז בעטסי וועט זיך אויסלערנען קדיש זאָגען.

# ער מופט פון די קעטסקילס

מזל־טוב אונז: בארני דער מלמד האט שוין געמופט פון די קעטסקילס, וואו ער האט מרביץ תורה געווען צווישען די קינדער פון די זומער־געסט אין זיין „אפען־עיר" חדר, אין וואלד אויפ'ן בערגעל. ער איז שוין צוריק אין ניו יארק אין זיין אלטען ווינקעל אין שוהלכעל פון דער קאנגרעגיישאן „אנשי כאבק פורח".

אייגענטליך האט ער ניט געמופט פון די קעטסקילס, נאר מען האט איהם געמאכט צו מופען פון דארט. און געמאכט צו מופען האט איהם ניט חלילה דער בעל־הבית פון באָרדינג־הויז, ווארום בארני איז ביי יענעם געווען א גאנצער „פיטשור", אויף צו אד־ווערטייזען זיין פלאץ. עס האבען איהם אויך ניט געמאכט צו מופען די ווייבער, ווארום ביי יענע האט ער דאך אראפגענומען דעם גאנצען יאך פון גידול־בנים. געמאכט צו מופען האבען איהם די מענער פון די ווייבער.

די געשיכטע איז אזוי געווען:

צווישען בארני'ס קאונטרי־קאסטאמערס איז געווען איין יונגע ווייבעל מיט'ן נאמען מרס. באלץ. זי האט אליין נאך קיין קינדער ניט געהאט, נאר זי איז געקומען מיט איהרען א פלימעניקעל, א איינגעל פון א יאהר צעהן. און אזוי ווי אלע ווייבער האט אויך דיזע ווייבעל, מרס. באלץ, אפגעגעבען איהר פלימעניקעל צו בארני דעם מלמד אין „אפען־עיר" חדר, און זי האט זיך דערווייל געקענט אמוזירען אונגעשטערט.

און דא וועל איך אייך אויסזאגען א סוד, אז מר. באלץ, דאס הייסט מרס. באלץ'ס מאן, האט דאס מיט א כיון געשיקט זיין פלימעניקעל אין קאונטרי, ער זאל אכטונג געבען אויף זיין ווייב. זי איז זעהר א לעבעדיגע ווייבעל, וועלכע האט ליעב צו לאכען הויך אויפ'ן קול און צו קאקעטירען אין דער אנוועזענהייט פון יונגע לייט. זי איז אפשר גארנישט ניט אויסען דערמיט, נאר מר. באלץ איז זעהר אן אייפערזיכטיגער, און דארום האלט ער אימער אן אויג אויף דער ווייב.

איין פריהמארגען האט מר. באלץ געלאזען זיין ביזנעס אין ניו יארק און איז אראפגעקומען אונערוואטעטערהייט אין די

קעטסקילס, געוואָהר ווערען זיין ווייב. דאָס איז געווען זיין ער־שטער וויזיט צו דער ווייב אין קאָונטרי.

דער עולם, אַלע באָרדערס און באָרדעריקעס, און מרס. באַלץ אויך בתוכם, זיינען געלעגען צולעגט אויפ׳ן הויף אונטער׳ן שאָטען פון אַ בוים און האָבען פערבראַכט גאַנץ געמיטליך. איין באָרדער, אַ יונגערמאַן, מיט שוואַרצע פערדרעהטע וואָנצעס און מיט פייער־דיגע אויגען, איז געלעגען אָנגעלעהנט אויפ׳ן עלענבויגען עטוואָס צו נאָהענט צו מרס. באַלץ. מען ווייס ניט, ווער עס האָט זיך אוועקגעלעגט לעבען וועמען פריהער: מרס. באַלץ לעבען דעם יונגענמאַן, אָדער דער יונגערמאַן לעבען מרס. באַלץ?

נאָר ווי די געשיכטע איז געווען, מר. באַלץ האָט זיי דער־וויסט אין אַזאַ פּאָזע, און מר. באַלץ איז גלייך אריינגעפאַלען די קשיא אין קאָפּ: וואָס עפּעס ליעגט דער יונגערמאַן גראָד לעבען זיין ווייב און ניט לעבען אַן אַנדערען׳ס?

ווי מרס. באַלץ האָט דערזעהן איהר ברויטגעבער, אַזוי איז זי גלייך אויפגעשפּרונגען און צולויפענדיג צו איהם מיט אַ פרייד, איז זי איהם געפאַלען אויפ׳ן האַלז.

„פאַר וואָס האָסטו מיר דאָס ניט געלאָזט וויסען?“ — האָט זי צו איהם גע׳טענה׳ט, אַראָפּקריכענדיג פון זיין האַלז, „איך וואָלט דאָך געפאָהרען צום טריין!“

„איך האָב ניט גערעכענט, אַז איך וועל זיין לעדיג היינט“, האָט ער געענטפערט.

מרס. באַלץ האָט דאַן פאַרגעשטעלט איהר מאַן פאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע. ער האָט זיך צו יעדען מיט אַ געמאַכטער העפליכקייט אַ נייג געטאַן, און ווי עס איז געקומען צום יונגענמאַן מיט די שוואַרצע פערדרעהטע וואָנצעס, האָט מען געקענט זעהן, אַז פאַר מר. באַלץ איז ניט זעהר אַנגענעהם צו ווערען מיט איהם בעקאַנט.

„נו, און וואו איז דאָס מאַקסי?“ — האָט ער נאָכגעפרעגט אויף זיין פּלימעניקעל.

„ער איז אין חדר ביי בארני דעם מלמד“, האָט זי געענטפערט.

מר. באַלץ האָט, נאַטירליך, פון קיין פּותר חלום ניט געוואוסט, און זי האָט איהם געמוזט דערציעהלען די גאַנצע געשיכטע מיט בארני מלמד׳ס קאָנטרי חדר.

דאָס האָט איהם ניט זעהר געשמעקט: סטייטש, ער שיקט זיין פלימעניקעל פאַר א שומר, עדשט לסוף זוכט זיך אָפּ א בארני מלמד, און נעהמט צו דעם שומר!

„איך בין אויך א מעמבערקע פון דער נייער סאָסייעטי!" — האָט זי איהם אָנגעזאָגט מיט שמחה, „מיר אמוזירען זיך דאָ זעהר פיין."

און זי האָט איהם דאַן דערצעהלט וועגען דער סאָסייעטי „בנות צלפחד לייִדיעס אונטערשטיצונגס פעראיין", וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרען אין די קעטסקילס דורך בארני'ס מיה, און וועגען די רעכט, וואָס די סאָסייעטי וויל אויסקעמפּפען פאַר די פרויען, און אזוי ווייטער.

„מיר וועלען זיך בעפרייען פון אייער יאָך!" — האָט זי אגי־טאַטאָריש גענומען רעדען, „וואַרט, איהר וועט זעהן! מיר וועלען זיין די בעלי־בתים איבער די באַנק־ביכלעך, קעש־רעדזשיסטערס און פּעי־ענוועלאָפּס! איהר וועט שוין אונז מעהר ניט אויסצעהלען קיין געלד פעניסווייז! גאָט אליין האָט געזאָגט, אַז מיר זיינען גערעכט. בארני האָט אונז אַלץ אויסגעזאָגט."

מר. באָלץ איז געווען אין גאַנצען א פּאָר טעג אין קאָונטרי, און ער איז אוועקגעפאָהרען פול מיט שנאה צום יונגען מאַן מיט די פערדרעהטע שווארצע וואָנצעס און צו בארני דעם מלמד. ער האָט פאַר'ן אוועקפאָהרען געוואָלט אָפּנעהמען זיין פלימעניקעל פון בארני'ס חדר, אָבער מרס. באָלץ האָט ערקלערט, אַז זי האָט אויך א דעה, און אַז זי איז צופריעדען, וואָס בארני גיט אכטונג אויף מאַקסי'ן.

אָבער מר. באָלץ האָט בעשלאָסען צו מאַכען מופּען בארני'ן מיט זיין חדר פון קאָונטרי, און קומענדיג אין ניו יאָרק האָט ער גלייך גענומען אגיטירען צווישען די מענער געגען בארני'ס קאָונטרי חדר. ער האָט זיי געסטראַשעט מיט חורבן שלום בית און זיי דערצעהלט, אַז די ווייבער האָבען געמאַכט א פערשווערונג געגען די פּאַקעטס פון די מענער און זיי בויען שוין גאַנצע פּלענער וועגען נייע סטיילס צום קומענדען „פּאָל", און אַז שולדיג דערין איז בארני. הכלל, זיינע רייד האָבען געווירקט, און די מענער האָבען גלייך געלאָזט וויסען די ווייבער, אַז אויב זיי וועלען ניט געבען

קיין ריכטיגע וועקיישאַן די קינדער, זאָלען זיי זיך גאָר ניט ריכטען אויף קיין „פאַל־העטס".

דאָס האָט געווירקט, ווי דורך אַ כישוף אויף די ווייבער, און עס איז געוואָרען אויס חדר און אויס „בנות צלפחד ליידיעס אונ־טערשטיצונגס פעראיין".

און בארני האָט גענומען דאָס טייטעל און איז אוועק צוריק אין ניו יאָרק.

---

## דער תשעה־באָב פּיק־ניק אויף דער סעמעטערי

איהר ווייסט דאָך מסתמא, אַז היינטיגע וואָך האָבען מיר געהאַט תשעה באב? עס איז אפילו אמעריקא, אָבער דאָס פּינטעלע איד איז, גאָט צו דאנקען, נאָך ניט אויסגעלאָשען אפילו דאָ. עס זיינען נאָך פאַראַן דאָ ביי קאָלומבוס'ען אין דער מדינה, גענוג אידען יראים און שלמים, וואָס היטען אָפּ תשעה באב און זיינען זיך משמח אויף די סעמעטערים, ווי קאָלומבוס האָט געבאָטען, מיט שנאַפּס, סענדוויטשעס און פּיקעלס. הכלל, מען מאַכט רעגעלע פּיקניקס אויף די קברים, און עס איז ליהודים אין אמעריקא.

וואָס איז אפילו די שמחה מיט תשעה באב? נאָר אויף דעם האָט שוין אונזער בעקאַנטער בארני דער מלמד געגעבען אַן ערקלע־רונג. דאָס הייסט, זאָגט ער, מען איז זיך משמח, וואָס אַנשטאָט דעם אָפּגעברענטען איין איינציגען בית המקדש אין ירושלים מיט דעם איין איינציגען כהן גדול האָבען מיר איצט, גאָט צו דאנקען, אַ סך קאָנגרעגיישאָנס מיט אַ סך פּרעזידענטען און אַ סך רעוו־רענדס.

„נאָך אַ שרפה, ווייסט איהר דאָך, ווערט מען רייך", האָט בארני דערצו בעמערקט.

אונזער בארני איז, נאַטירליך, אויך דיעזען תשעה באב ניט אָפּגעשטאַנען פון קהל, און ער איז אוועק משמח זיין זיך אויף די קברים. ער האָט גענומען מיט זיך אויך זיין „באָנטש", אום צו מחנך זיין זיי אין מצוות און זיי זאָלען וויסען, אַז זיי זיינען אידען.

„די סעמעטערי", האָט בארני פילאָזאָפיש ערקלערט, „איז

איינע פון די וויכטיגסטע זייל׳ען, אויף וועלכע עס האלט זיך דאָס אַמעריקאַנער יודענטום. נאָך אַ וויכטיגער זייל פון דעם היגען יודענטום איז דער מפטיר. און נעהמט צו די סעמעטערי און דעם מפטיר, אזוי וועט קיין שריד ופליט ניט בלייבען פון די אלע היגע קאָנגרעגיישאָנס.״

הכלל, עס איז געווען אַ פיקניק אשר לא פיקניקו אבותינו, און בארני׳ס קליינוואַרג האָבען זיך אַמוזירט אויפ׳ן שעהנסטען אופן.

„הי וואָז ע נאַיס פעלאָו דהי תשעה באב!״ — האָט איינער פון זיי בעגייסטערט אויסגעשריען. „טהרי טשירס פאָר תשעה באב!״

אייבי, וועלכער איז דער בעסטער פון די עשרה מכות אין בארני׳ס חדר, און ער ווערט גערעכענט פאַר אַ שטיקעל למדן, האָט פּרובירט בעווייזען זיין חבר זיין טעות.

„יו אַר מיסטייקען״, האָט ער געזאָגט, „תשעה באב ניט געווען ע נאַיס פעלאָו. הי וואָז ע פייער־באָג. ער אונטערגעצונדען די בית המקדש און געמאַכט צו מופען די היברוס פון די היברו קאָונ־טרי. איזנ׳ט, רבי?״

„יו אַר אָלראַיט, אייבי!״ — האָט בארני צו איהם געזאָגט, אַ קלאַפּ געבענדיג איהם איבער׳ן פּלייצע. „באָט דו האָסט אויך אַ מיסטייק. תשעה באב איז ניט געווען קיין פעלער. תשעה באב איז אַזאַ טאָג, אַזאַ האָלידעי, ווי פאָורט אָוו דזשולײַ. דאָס איז אַ דזשוּאיש נעשאָנעל האָלידעי.״

„דהאַט׳ס ראַיט״, האָט זיך סעמי אָפּגערופען, „איט איז דהי דזשואיש פאָורט אָוו דזשולײַ! טהרי טשירס פאָר דהי דזשואיש פאָורטה אָוו דזשולײַ!״

„נאָ, באָיעס!״ — האָט בארני זיך אָפּגערופען, „עס איז ניט דזשאָסט ווי פאָורטה אָוו דזשולײַ, ביקאָז פאָורטה אָוו דזשולײַ, איז אַ האָלידעי, וואָס מען פרעהט זיך, און תשעה באב איז אַ האָלי־דעי וואָס מען וויינט. אין די אָלד קאָונטרי וויינען טאָקע היינט די אידען און מען פאַסט, באָט היער איז אַ דיפרענט קאָונטרי מיט דיפרענט לאָאָס, יו נאָ.״

„באָט איט׳ס ע גוד האָלידעי עניוועי, דהי תשעה באב!״ האָט זיך טשאַלי אָפּגערופען.

און חברה האָבען זיך צולאָזט מיט אַ הוררא אויף די קברים.

איך האָב זיך פערגעסען אייך צו דערצעהלען, אז די שמחה איז געווען א דאָפּעלטע: ערשטענס, איז געווען תשעה באב, און צווייטענס, איז געווען די לויה פון א זיידען פון איינעם פון בארני׳ס תלמידים. דער אבל, דאָס הייסט דעם תלמיד׳ס טאטע, וועלכער איז א גאנץ דייכער אידעל מיט א סך פּראָפּערטיס, האָט געמאכט לכבוד דעם מת א רעגעלען פּיקניק אין דעם האָטעל, וואָס ביי דעם טויער פון סעמעטערי. ער האָט געגעבען דעם עולם א „טריט" כיד המלך, און יעדער איינער האָט געוואונשען דעם „בעל שמחה", דאָס הייסט, דעם אבל, אז זיין זוהן, דאָס הייסט בארני׳ס תלמיד, זאָל אויף זיין לויה ניט געבען קיין ערגערען „טריט".

און אזוי האָט דער עולם און בארני מיט זיין „באַנטש" אויך בתוכם געפּראַוועט תשעה באב אויף דער סעמעטערי און געקלאָגט אויף חורבן בית המקדש.

---

## מען מאַכט איהם אַ באַנקעט

איך קען אייך אָנזאָגען א שמחה, אז בארני דער מלמד האָט זיך אויך דערדיענט צו א באַנקעט.

דעם באַנקעט האָט מען איהם געמאכט לכבוד זיין צוריק־קעהרען זיך פון די קעטסקילס.

געמאכט האָט פאַר איהם דעם באַנקעט „א קאָמיטע פון פּראָ־מינענטע סיטיזענס און כלל־טוער", אזוי איז געווען אונטערגעשריי־בען אויף דער איינלאַדונג. די אַנדערע מלמדים, וועלכע פערגינען ניט בארני׳ן זיין פּאָפּולאַריטעט, זאָגען אפילו, אז די קאָמיטע איז לא היה ולא נברא, און אז בארני אליין האָט זיך דאָס בעהרט מיט א באַנקעט, ערשטענס, כדי צו בומען זיין חדר, און צווייטענס, צו מאכען א פּאָר סענט פון דער אונטערנעהמונג. נאָר מאַלע וואָס זיי ריידען! קנאפּ פּראָמינענטע סיטיזענס זיינען פאַראַן אין ניו יאָרק? קנאפּ כלל־טוער זיינען פאַראַן אין ניו יאָרק? און אחרי ככלות הכל, האָט דען בארני ניט פערדיענט קיין באַנקעט? האָט ער דען וועניג געטאָן פאַר׳ן יודענטום אין ניו יאָרק?

נאָר ווי די מעשה זאָל ניט זיין, א באַנקעט איז געווען מיט ספּיטשעס, לאַנג ווי דער אידישער גלות. און פערשטעהט זיך, אז

די ספּיטשעס זיינען געווען פול מיט שבחים פאַר אונזער באַרני׳ן. קיינער האָט קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט וועגען איהם אויפ׳ן באַנקעט.

איבערגעבען אַלע ספּיטשעס איז, נאַטירליך, אונמעגליך. איך וועל דאַרום איבערגעבען נאָר די וויכטיגסטע פון זיי, און אויך דאָס בתכלית הקיצור.

איין ספּיטש האָט געהאַלטען הרב יצמח פון דער קאָנגרעגיי־שאָן „אנשי כאבק פורח", וואו באַרני האַלט זיין חדר. ער האָט געזאָגט:

„רבותי! מיר האָבען זיך היינט צונויפגעקליבען אויף אַ שמחה של מצוה, אָבצוגעבען כבוד דעם גרויסען היברו טיטשער, וועלכער טרייעט זיין בעסט פאַר׳ן יודענטום אין אַמעריקאַ.

„מה נאמר ומה נדבר — צו וואָס זאָלען מיר בלאָפען זיך אַליין? דער חינוך, די עדיוקיישאָן, ווי מען רופט דאָס דאָ, איז ללא תורה וללא יראת אלקים. עס איז אויפגעשטאַנען אַ דור פון מעטאָדעס, פון „עברית בעברית", און מען קערט ניט פאַר מפטיר, פאַר ברכה זאָגען, פאַר אַ דרשה צו בר־מצוה. מען לערענט דאָ היברו, באָט ניט ווי צו זיין אַ היברו. און יעקב אבינו האָט דאָס געזעהן ברוח הקודש, וואָס עס וועט ווערען פון זיינע קינדער דאָ אין אַמעריקאַ, און ער האָט דאַרום געזאָגט: אכן, אין יראת אלקים במקום הזה — עס איז אמת, אז מען האָט דאָ גאָר קיין מורא ניט פאַר גאָט.

„אונזער גאַסט, וועלכען מיר עהרען היינט דאָ, איז ניט פון די מעטאָדניקעס און ניט פון די עברית־בעברית׳ניקעס. ער טרייעט מחנך צו זיין אַ דור פון אידען, וואָס זאָלען קענען מאַכען אַ ברכה איבער דער תורה און זאָגען קדיש נאָך זייערע טאַטעס און מאַמעס. מיט׳ן אַלטען טיטעל אין האַנט פיהרט ער אונזערע קינדער אויפ׳ן דרך הישר פון אלף־בית ביז בר־מצוה. חזק, חזק, באַרני!"

אַ צווייטער ספּיטש איז געווען פון דעם פּרעזידענט פון שוהל, וועלכער איז דערהיים געווען אַ בעל־עגלה, און האָט זיך דאָ ארויפ־געאַרבייט אויף אַ פולען סטייבעל מיט פערד. און דאָס איז געווען זיין ספּיטש:

„מיסטער טשערמאַן, ברידער און דזשענטעלמען! צו אַ פערד מוז מען האָבען אַ בייטש און צו אַ באָי מוז מען האָבען אַ סטראַפּ.

א דרייווער אָהן א בייטש קען קיין גוטער דרייווער ניט זיין, און א מלמד אָהן א סטראַפּ קען קיין גוטער מלמד ניט זיין. בארני איז דער ריכטיגער דרייווער, וועלכער קען האלטען די באַיעס אין שפּאַן, און אַלבעטשע ער איז נאָך געווען א דרייווער אין דער היים! גאָד דעם איט!

„בארני דעליווערט די גודס, אָהן בלאָפס. ער איז ניט פון די היינטיגע בלאָפערס, וועלכע לערנען די באַיעס יאָהרען און יאָהרען פון די ביכלעך מיט די פּיקטשעס און אז עס קומט צו מפטיר איז — סטאַפּ! שטעהט ווי א פערד אין א היימישער בלאָטע און קען ניט געהן. נאָ סערי! אז איך האָב אָפּגעגעבען צו בארני'ן אין חדר מיין סעמי'ן, האָב איך איהם געזאָגט: מיסטער בארני! זעהט אז מיין סעמי זאָל פּערפּאָהרען ביז שבועות מיט א מפטיר — ענד הי דעליווערד די גודס! טהרי טשירס פאַר בארני דעם דרייווער!"

א דריטער ספּיטש איז געהאַלטען געוואָרען פון אסעמבלי־מאַן גאַלאַגוטסקי, און אזוי האָט ער געזאָגט:

„מיסטער טאָאסטמאַסטער, געסט אָוו האָנאָר ענד לײדיעס ענד דזשענטעלמען! איך האָב ניט די פּלעזשור צו קענען אונזער געסט אָוו האָנאָר, בארני. איך האָב נעווער געהערט פון איהם. אָבער מען האָט מיר דערצעהלט, וואָס פאַר א ביג דזשו און ראַביי ער איז, און איך בין דאַרום געקומען, אלס אידישער פּאַטריאָט און רעפּרעזענטייטיוו פון א גרויסען אידישען דיסטריקט אָפּצוגעבען עהרע מיסטער בארני'ן.

„מיסטער בארני האָט אויפגעטאָן א האָללאַט פאַר'ן אמערי־קאַנער דזשודאאיזם. ער האָט אויפגעטאָן א האָללאַט פאַר'ן דזשו־דאאיזם פון דעם דיסטריקט, וועלכען איך האָב די פּלעזשור צו רע־פּרעזענטירען אין סטייט לעדזשיסלייטשור."

און דאַן האָט דער אסעמבלי־מען גענומען דערצעהלען וועגען די גרויסע זאַכען, וואָס ער האָט אויפגעטאָן פאר די דזשואיש פּיפּל אין לעדזשיסלייטשור, און נאָך מעהר האָט ער געהאַט צו דערצעה־לען וועגען די גרויסע זאַכען, וואָס ער וועט ערשט אויפטאָן, אויב מען וועט איהם עלעקטען פאַר'ן נעקסטען טערמין.

בארני האָט געענטפערט זיינע פערעהרער מיט פאָלגענדען ספּיטש:

„מיסטער טשערמאַן, ברודער פּרעזידענט, האָנאָרייבל אַסעמבּ־לימען ענד ליידיעס ענד דזשענטעלמען!

„מה אמר ומה אדבר, וואָס איז די יוז צו טאָקען אַ סך? אַי דענק יו וועריי מאַטש פאַר׳ן פּלעזשור, וואָס איהר האָט מיך פערשאַפט.

„איך ווייס, אַז די עהרע איז ניט פאַר מיר, באָט למען תינוקות של בית רבן, פאַר די בייבים, וועלכע איך דאַרף מאַכען פאַר פּיסעס דזשוס. און איך שווער אייך, אַז אַזוי ווי איך האָב געטאָן מיינע ביזנעס ביז אַהער, אַזוי וועל איך טאָן ווייטער. איך וועל דעליווערן די גודס.

„איך וועל אייביג האַלטען דעם סטראַפּ מיט׳ן טייטעל צו פיהרען די לויפערס אויפ׳ן דרך הישר, ווי אונזער קינג דייוויד האָט געזאָגט אין תהלים: מלמד ידי למלחמה, אַ טיטשער מוז אימער פיהרען אַ פאַיט מיט די לויפערס, בפרט נאָך מיט אַמעריקאַנער לויפּערס, ואת עמלנו אלו הבנים, אונזער גאַנצער טראָבעל איז דאָך מיט די לויפערס. באָט איך האָב ניט מורא. אם תחנה עלי מחנה, איהר מעגט מיר געבען אַ גאַנצען באָנטש, לא יירא לבי, אַיי דאָן קער.

„דענק יו, ליידיעס ענד דזשענטעלמען!"

---

## זיין חדר מופּט

דער חדר פון בארני דעם מלמד מופּט שוין מיט מזל פון דעם סאוטה־וועסט קאָרנער פון שוהלכעל פון דער חברה „אנשי באַבק פורח" אין דעם נאָרטה־איסט קאָרנער פון דער שוהל פון דער חברה „עטרת ציון אנשי טאַפּארישצע שערי שמים אנשי טראַלאַלאַיעווקע בית תפילה אנשי פּופּקישאָק". און אַגב זאָלט איהר וויסען, אַז מיט דיעזער מופּעניש ווערט שוין אונזער בארני אַן אַפּטאַונער איד. ביז אַהער איז ער געווען אַ דאַונטאַונער.

נאָר איידער איך וועל אייך דערצעהלען די סבה פון באַרני׳ס מופּען, מוז איך אייך אַפריהער זאָגען, פאַרוואָס די שוהל, וואו באַרני׳ס חדר וועט איצט זיין, האָט אַזאַ לאַנגען נאָמען. עס איז אפילו צום ענין ניט שייך, נאָר איהר מעגט עס וויסען.

נאָר צום ערשטען האָט די שוהל געהייסען „עטרת ציון אנשי טאָפּאַרישצע" און זי האָט זיך געפונען דאונטאון. ויהי היום זיינען איהרע מעמבערס געוואָרען „גוט אָפּ" און זיי האָבען בּיסלעכווייז צומופט זיך אַפּטאון. עס זיינען אפילו געבליבען נאָך געננוג טאָפּאַרישצער לאַנדסלייט דאַנטאון, אָבער דער חברה איז שוין מעהר ניט אָנגעשטאַנען צו האָבען איהר שוהל דאַנטאון און מען האָט געגומען און פערקויפט די שוהל און מען האָט אַוועקגעמופט, און מען האָט דאָרט געמאַכט אַ נייע שוהל.

אָבער די מעמבערס זיינען נאָך „בּעסער אָפּ" געוואָרען, און זיי האָבען זיך צומופט נאָך ווייטער, און דוקא אַלע ניט אין איין געגענד, נאָר דער אַהין און דער אַהער. הכלל, די שוהל האָט נאָך זיי ניט געקענט מופען, און זי האָט, נעביך, געמוזט בּלייבען ביי די בּיסעל מעמבערס, דוקא ניט די אַלרייטניקעס.

ווי זשע האַלט מען אויס אַליין אַ שוהל מיט אַלע מכשירים? דאַן איז געקומען צו הילף די חברה „שערי שמים אנשי טראַלאַלאַיעווקע", און מען האָט געמאַכט שותפות. די שוהל, נאַטירליך, האָט שוין געהייסען אויף ביידענ'ס נעמען: „עטרת ציון אנשי טאָפּאַרישצע שערי שמים אנשי טראַלאַלאַיעווקע".

שפּעטער האָבען די אנשי טאָפּאַרישצע זיך צובּונטעוועט און צושריען, אַז זיי ווילען נאָר אַז מיט זייער נאָמען זאָל זיך די שוהל רופען. אָבער די אנשי טראַלאַלאַיעווקע זיינען אויך ניט געווען קיין אידען, וואָס לאָזען זיך שפּייען אין קאַשע און זיי האָבען זיך אָנגענומען פאַר'ן כבוד פון זייער אַלטער שטעדטעל. די געשיכטע איז אַוועק אין די קאָורטס כמנהג אַמעריקאַ, און די אנשי טראַלאַלאַיעווקע האָבען אויסגעפיהרט.

ויהי היום האָבען די אנשי טראַלאַלאַיעווקא אויך געגומען מופען, און דער סוף איז געווען, אַז די שוהל איז געבליבען ביי דריי טאָפּאַרישצער און זעקס טראַלאַלאַיעווקער. סטייטש, נאָך קיין אייגענעם מנין ניט האָבען? האָט מען גענומען און זיך פעראייניגט מיט דער חברה בית תפלה אנשי פּופּקישאָק, און די שוהל איז רייכער געוואָרען מיט נאָך אַ נאָמען און מיט נאָך עטליכע צעהנדליג מעמבערס.

שפּעטער האָט זיך ווידער אָנגעהויבען מחלוקות, און די אנשי פּופּקישאָק, וועלכע זיינען געווען אין דער מאַיאָריטעט, האָבען

בעשלאָסען ארויסצופושען די אנשי טאָפּארישצע מיט די אנשי טראָלאָליעווקע און בלייבען אליין די בעלי־בתים פון שוהל.

די אנשי טאָפּארישצע און די אנשי טראָלאָליעווקע האָבען זיך דאן פעראייניגט אין קאמפף געגען די אנשי פּופּקישאָק, און עס האָט זיך אָנגעהויבען ווידער א געשיכטע מיט קאָורטס און מיט אינדזשאָנקשאָנס. דער איירישער דזשאַדזש האָט נעביך געשוויצט און געשוויצט א פּאָר וואָכען, ביז ער האָט געקענט דערגעהן א טאָלק אין דעם גאנצען סכסוך. ענדליך האָט ער גע־פּסק׳ענט, אז אלע דריי אנשי׳ס האָבען א רעכט אויף דער שוהל און אז דער נאָמען פון שוהל מוז פערבלייבען בישראל: „עטרת ציון אנשי טאָפּארישצע שערי שמים אנשי טראָלאָליעווקע בית תפלה אנשי פּופּקישאָק“.

און צו דיעזע דרייפאכע אנשי׳ס מופט דאָס ארויין בארני מיט זיין חדר.

און מופען מופט ער צוליעב דריי טעמים: ערשטענס, מאכט מען איהם צו מופען פון זיין אלטען חדר, ניט חלילה ווייל ער צאָהלט קיין רענט ניט, נאָר ווייל עס איז געקומען אן אנדער מלמד, א לאנדסמאן פון דעם פּרעזידענט פון שוהל און דער פּרע־זידענט האָט גליך געזאָגט צו בארני׳ן „לך לך“. צווייטענס, האָבען פּאר דיעזען זומער א סך פון בארני׳ס בעלי־בתים אוועק־געמופט אפּ־טאון, און יענע האָבען איהם געבעטען, ער זאָל אויך אהין מופען. און דריטענס ווייל בארני טריטען זיין פלונית׳טע מיט פרישע לופט און מיט סענטראל פּארק, ווייל זי פיהלט זיך עפּיס ניט אמבעסטען אין געזונט.

קיין געלט פאר׳ן חדר נעהמען ביי איהם ניט די בעלי־בתים פון דער שוהל פון דער חברה „עטרת ציון אנשי טאָפּארישצע שערי שמים אנשי טראָלאָליעווקע בית תפלה אנשי פּופּקישאָק“. אָבער גאָר אומזיסט איז ביי קאָלאָמבוס׳ען אויך ניטאָ. על־כן מוז בארני פאר זיין נייעם ווינקעל צאָהלען מיט שוה־כסף. ער דאַרף אויפפּאסען אויף דער שוהל, דהיינו, אויסקעהרען די שוהל, קלינען די פענסטער און טאָן אלע אנדערע זאכען, וואָס בעלאנגט צו א שמש און צו א דזשעניטאָר. אויסער דעם דאַרף ער אויך זיין א בעל־קריאה און א בעל־תפלה. ווייטער איז אָפּגערעדט

געוואָרען, אַז באַרני זאָל קריגען דרייסיג פּראָצענט פון די יאָהר־צייטען און קדישים אין מיטען דער וואָך.

הכלל, באַרני מופּט אפּ־טאָן, און ער וועט שוין פערשפּרייטען אידישקייט צווישען די אַפּטאָונער לויפערס.

---

# אַ מעשה מיט אַ גלגול

באַרני דער מלמד איז זיך געזעסען אַזוי אין אַ שעהנעם פריה־מאָרגען מיט זיין „באָנטש" אין זיין נייעם חדר, אין דער שוהל פון דער חברה „עטרת ציון אנשי טאַפּאָרישצע שערי שמים אנשי טראָלאָליעוועקע בית תפלה אנשי פּופּקישאָק„ ערשט פון דער וויבערשער שוהל האָט זיך דערהערט אַ גראָבע שטים: „שינים!"

באַרני האָט מפסיק געווען פון זיין לימוד, און האָט אָנגעשטעלט די אויגען און די אויערן צו דער וויבערשער שוהל. די קינדער האָבען אויך גענומען קוקען אַהין. זיי האָבען זיך ניט אַזוי דערשראָקען, ווי זייער רבי, אָבער זיי זיינען געווען נייגעריג צו וויסען, פון וועמען דער קול געהט עס.

באַרני האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע, און ניט הערענדיג מעהר קיין קול, האָט ער זיך ווידער גענומען צום טייטעל. אָבער באַלד האָט זיך ווידער דערהערט דער זעלבער קול: „שינים!"

באַרני האָט ווידער מפסיק געווען, און ער האָט אַ קוק געגעבען מיט שרעק אויף זיינע תלמידים.

„ווער קען עס זיין?" האָט ער זיך אַליין געפרעגט.

„איך וועל געהן אַ קוק טהאָן, רבי!" האָט זיך אָפּגערופען איינער פון די תלמידים, אַ כוואַטסקער אינגעל, „אי'ל גיוו הים ע גוד ליקינג דהי דעם איריש לאָופער!"

„איך אויך!" האָט זיך אָפּגערופען אַ דריטער, און אַזוי אויך אַ פערטער און אַ פינפטער, ביז דער גאַנצער „באָנטש" האָט זיך אויפגעהויבען, גרייט צו מלחמה מיט דעם „איריש לאָופער".

„לאָזט מיך דאָ ניט אַליין, לויפערס!" האָט באַרני ביי זיי גענומען זיך בעטען. „זאָלען עטליכע פון אייך בלייבען דאָ".

עטליכע אינגלעך זיינען געבליבען היטען באַרני'ן, און די איבעריגע זיינען אַוועק אין דער וויבערשער שוהל, זוכען דעם

„קול“, וואָס האָט געשריען „שינים!“ אין אַ ווײַלע אַרום האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט מיט אַ רעפּאָרט, אַז קיינער איז ניטאָ דאָרט.

בארני האָט זיך אַביסעל בערוהיגט און זיך גענומען ווייטער צום טייטעל. עס זיינען אָבער ניט אַוועק קיין פּאָר מינוטען, ווי עס האָט זיך ווידער דערהערט דער זעלבער קול: „שינים!“

און גלייך נאָכדעם האָט גענומען פליהען אויף בארני'ן און זיין „באַנטש“ פּערפּוילטע פּיקעלס, עקלעך הערינג, געבאַקטע פּאָטייטאָס, פוילע אייער און שאר ירקות. אויף בארני'ן איז געפאַלען אַ שרעק. ער האָט אַ שפּרונג געגעבען ניט טויט ניט לעבעדיג און האָט אַ געשריי געטאָן צו די קינדער:

„באָיעס! לאָמיר אַנטלויפען! עס איז אַ שרעק! עס איז אַ גלגול! ניט אַנדערש, ווי אַ גלגול!“

בארני מיט זיין חברה זיינען באַלד געווען אין דרויסען, און איבער דער גאַנצער נאַכבאַרשאַפט האָט זיך פערנאַנדערגעטראָגען אַ קלאַנג, אַז אין שוהל איז אַ גלגול.

„פון וואַנען האָט ער זיך דאָס געקענט נעהמען, דער גלגול?“ האָבען אַלע געפרעגט, און איטליכער האָט זיך גע'חקרה'נט און געקאָכט און געהיצט זיך.

אַנדערע האָבען געוואָגט צו צווייפלען אין דער גאַנצער מעשה. אָבער דאָרט איז געווען איינער אַ יונגער מאַן, אַ פריידענקער, וועלכער האָט זיי איבערצייגט, אַז עס קען יאָ זיין אַ גלגול.

„די נייסטע וויסענשאַפט, יו נאָו“, האָט ער זיך געהיצט, דיעזער פריידענקער, „גלויבט יאָ אין גלגולים. ספּיריטואַליזם הייסט עס. איך האָב אַליין געלעזען אין מיין פּייפּער אַ גאַנצען אַרטיקעל וועגען דעם, אַ וויסענשאַפטליכען אַרטיקעל, און אַז מיין פּייפּער זאָגט, איז געזאָגט. אודאי איז דאָס אַ גלגול! אָוו קאָס, דאָס איז ניט קיין רעליגיעזער גלגול, ווי די פאַנאַטיקער גלויבען, נאָר אַ ספּיריטואַליסטישער, אַ וויסענשאַפטליכער גלגול“.

„אַ גלגול איז דאָס געווים!“ האָט בארני געזאָגט, „נאָר די קשיא איז, פאַרוואָס האָט ער עפּעס גערעדט אויף ענגליש?“

„עס קען דאָך געמאָלט זיין, אַז דאָס זאָל זיין אַ נוי'אישער גלגול!“ האָט זיך איינער אָפּגערופען, „און אפשר אַן אַמעריקאַניזירטער איד?“

„איך ווייס שוין, פאַר וואָס ער האָט גערעדט אין ענגליש,

און ניט אין אידיש!" האָט זיך אָפּגערופען א צווייטער, „איך וואוין שוין דאָ אין דער נייבאָרהוד א יאָהר 15 אודאי, און אָט די שוהל איז אמאָל געווען א קעטאָליק טשורטש, האָבען זיי פערקויפט די טשורטש צו די אידען פאַר א שוהל, ווייל די אידען האָבען ארויסגעשטופּט פון דאַנען די גוים, און עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל געהן אין טשורטש. מוז דאָס מסתמא זיין דער אַלטער גלח. ער האָט געמוזט מסתמא שטאַרבען, און זיין גלגול איז געקומען דאָס שרייען אויף די אידען „שינים", פאַרוואָס זיי האָבען געמאַכט פון זיין טשורטש א שוהל".

„זעהט זשע, דאָס לעגט זיך שוין אויפ'ן שכל", האָט בארני געזאָגט, „נור דאַן איז דאָך ווייטער א קשיא: וואָס האָט ער זיך עפּיס איצט מישב געווען צו קומען? די שוהל איז דאָך שוין לאַנג ביי אידען אין די הענט!"

„עס קען זיין", האָט דער פריהעריגער איד געזאָגט, „אז דער גלח וויל ניט ליידען, וואָס מען האָט געמאַכט א חדר אין זיין אמאָליגער טשורטש. ער וויל פּשוט ניט, אז מען זאָל לערנען קינדער אידישקייט".

„דאָס לעגט זיך אויך אויפ'ן שכל", האָט בארני געזאָגט, „נאָר אויב דאָס איז דער גלח, איז דאָך טאַקי א שלעכטע מעשה. מילא, מיט א אידישען גלגול קען מען זיך איספּראַווען. מען קען איהם פערטרייבען מיט א פּסוק, מיט א תפלה, מיט קריאת שמע. אָבער וואָס טוט מען מיט א גוי'אישען גלגול?"

„טאַקי א שלעכטע מעשה!" האָבען אַלע געזאָגט מיט א זיפץ. „קנאַפּ איז אונז דער גלות, וואָס מיר האָבען ביי די לעבעדיגע גוים, דאַרפען מיר נאָך זיין אין גלות אויך ביי די טויטע גוים!"

„שא, ווייסט איהר גאָר וואָס?" האָט זיך א איד אָפּגערופען, „מיר וועלען גאָר בעטען אונזער איירישען שבת־גוי, ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר אונז ביים גלגול און פועל'ן ביי איהם, ער זאָל אוועקגעהן פון שוהל. פאַר א שנאַפּס וועט דאָס דער איירישער שבת־גוי געוויס טאָן!"

גערעדט און געטאָן: עס איז גלייך אפּאָינטעט געוואָרען א קאָמיטע, וואָס זאָל געהן רעדען מיט'ן איירישען שבת־גוי. דער

שבת־גוי האָט דערהערט פון אַן עקסטרא שנאַפּס, איז ער גאָר אַזש לעבעדיג געוואָרען, און ער האָט דעם דזשאַב אָנגענומען.

„אי׳ל קיק הים אוט!“ האָט דער איירישער ערקלעהרט, בעווייזענדיג זיינע צוויי געזונטע פויסטען, „יו׳ל סי, שינים, אי׳ל גיוו הים דהי העל!“

אויף מאָרגען איז בארני געקומען מיט זיין „באָנטש“ לערנען, און דער איירישער שבת־גוי האָט זיך בעהאַלטען אין א ווינקעל אין דער וויבערשער שוהל, צו וואַטשען דעם „גלגול“.

דרויסען איז דערווייל געשטאַנען אַן עולם, וואַרטענדיג, יוּאָם עס וועט זיין. א פּאָליסמאַן האָט אָבער דערזעהן דעם עולם און איז גלייך צוגעגאַנגען, מוכן ומזומן מיט זיין קלאָב, צוצוטרייבען דעם עולם.

„הוואַט׳ס מעטהער?“ האָט ער בייז געפרעגט. „איז איט יור האָלידעי?“

„נאָ, איט איז ע גלגול!“ האָבען איהם אידען געענטפערט.

„הוואַט איז איט עניוועי?“ האָט דער פּאָליסמאַן ווידער געפרעגט.

„ע גלגול, ע דער מען!“ האָבען איהם די אידען ערקלעהרט.

„סאָ, איט׳ס ע פיונעראל“, האָט דער פּאָליסמען געזאָגט, בערוהיגענדיג זיך, און איז אַוועק ווייטער.

„נו, א גוי׳שע קאָפּ!“ האָבען די אידען געלאַכט פון דעם פּאָליסמאַן, „מען זאָגט איהם א גלגול, און ער מיינט אז א לויה!“

די אידען שטעהען אַזוי און וואַרטען, ערשט א קריסטליכער באָי האָט פּלוצלונג גענומען לייפען פון שוהל און נאָך איהם דער איירישער שבת־גוי און בארני מיט זיין גאַנצען חדר.

„היר איז איט, יור דעם גלגול!“ האָט דער שבת־גוי גע־שריען צו די אידען, „סטאָפּ הים! אי קאָט הים!“

דער קריסטליכער באָי האָט זיך אָבער ניט געלאָזט כאַפּען פון אידישע הענט, און ער איז אריינגעלאָפען גלייך אין די אָרימס פון דעם פּאָליסמאַן, וועלכער האָט זיך צוריקגעקעהרט, דערהערענדיג די קולות.

דער באָי איז אַרעסטירט געוואָרען און דערנאָך האָט מען

איהם געבראכט צום דזשאַדזש אין פּאָלים-קאָורט. דאָרט האָט ער זיך מודה געווען, אז ער איז דאָס געווען דער „גהאָסט" אין שוהל און אז ער האָט פּשוט געוואָלט האָבען אביסעל „פּאָן" פון דעם „שיני ראביי", דאָס הייסט פון בארני'ן.

---

## וואָס מיט זיין קאָנטשיק האָט געטראָפען

בארני, ווי יעדער גוט-איינגעפונדעוועטער מלמד, „יוזט" געצייג ביים לערנען, אָדער „טולס", ווי ער גלייכט עס צו רופען, ואלו הן: א קאָנטשיק, א סטראַפּ און א טייטעל.

אָהן דיעזע געצייג איז בארני ממש ווי אָהן א האנט. ער קען זיך אָהן זיי גאָר צום טיש ניט זעצען, וואָרום ער האָט דאָך עפּעס צו טאָן מיט א גאנצען באַנטש אמעריקאנער לויפערס.

נעהמט, למשל, זיין טייטעל. דאָס איז א גאנץ געוועהנליכער אינסטרומענט, וועלכער שטאמט פון אן אלטען פען-האלטער. בארני האָט איהם פערשארפט מיט א שפּיץ, און דאָס איז געוואָרען א טייטעל. און ווי וויכטיג דיעזער אינסטרומענט איז, קענט איהר זעהן פון פאָלגענדער ערקלערונג, וואָס בארני האָט ביי א געלעגענהייט מיר איין מאָל געגעבען:

„זייט מיר אדרבא א בריה און לערענט אָהן א טייטעל! דאָס איז דאָך מיין פּאָליסמאַן, וועלכער וואטשט, אז די לויפערס זאָלען ביי מיר ניט אריינ'גנב'ענען א דאָזען שורות. די נייע מעטאָדני-קעס, וועלכע קעהרען ניט פאר'ן חומש און פאר'ן מפטיר, קענען אויסקומען אָהן א טייטעל. אָבער א מלמד, וואָס וויל טאָן מלאכתו באמונה, דאָס הייסט דעליווערען די גודס, מוז האָבען א טייטעל. אָט האָב איך איינמאָל פערלאָרען די טייטעל, האָב איך געיוזט דעם פינגער פאר א טייטעל, אָבער מען איז דאָך מעהר ניט ווי א מענש, האָב איך גראָד אויף יענער מינוט געדאַרפט האָבען דעם פינגער אויף עפּעס אנדערש, האָב איך איהם אויף איין ווייל'ע צוגענומען, האָבען ביי מיר חברה אודאי דריי דאָזען שורות ווי פון די הענט צוגענומען — ואיננו! היינט פרעג איך אייך: קען מען שוין אויסקומען אָהן א טייטעל?"

אָבער נאָך וויכטיגער פון דער טייטעל זיינען די איבעריגע

צוויי אינסטרומענטען: דער קאנטשיק און דער סטראף. און נאך ניט אזוי דער סטראף, ווי דער קאנטשיק, מיט וועלכען בארני טוט גאר אויף וואונדער.

און דער קאנטשיק, מעגט איהר וויסען, איז ניט אבי א קאנטשיק. אן אימפארטירטער פון יוראפ איז ער. בארני האט איהם מיט זיך געבראכט אהער, ווען ער האט פערלאזען זיין כסא המלמדות אין דער אלטער היים און איז געקומען אהער פער־שפרייטען אידישקייט צווישען דעם יונגען דור.

דאס איז א קאנטשיק פון קאנטשיק־לאנד, מיט א געזונ־טער דעמבענער הענטעל און מיט אכצעהן געפלאכטענע לאקשען — ח"י צום לעבען. דער קאנטשיק איז שוין ביי בארני'ן א יאהר צוואנציג אודאי, אויב ניט מעהר, און ער איז שוין געלעגען פאר דער צייט אויף א היבשע ביסעל פלייצעס און אנדערע טיילען פון גוף.

אבער אין איין שעהנעם פריהמארגען איז געקומען א סוף צו דער הערשאפט פון בארני'ס קאנטשיק. און שולדיג איז אין דעם געווען דאס נייע געזעץ, אז מען טאר ניט טראגען אהן אן ערלויבנים קיין שום וואפען.

די געשיכטע איז אזוי געווען:

בארני איז זיך אזוי געגאנגען פארנאכט פון זיין חדר אהיים, און זיינע „טולס" האט ער, ווי אימער, געטראגען מיט זיך, ווארום ער היט זיי, ווי דאס אויג פון זיין קאפ. די טייטעל האט ער געטראגען אין דער אויבערשטער קעשענע; דעם סטראף, נאטיר־ליך, במחילה אויף די הויזען, און דעם קאנטשיק אין קעשענע מיט'ן הענטעל ארויף.

ער געהט אפ איין בלאק — ערשט א פאליסמאן שטעלט איהם אפ.

„הוואט איז איט אין יור פאקעט?" פרעגט איהם דער פא־ליסמאן, און ער האלט שוין דעם קאנטשיק אין איין האנט און בארני'ן מיט דער צווייטער.

„א קאנטשיק, מיסטער פאליסמאן", האט בארני דערשראקען געענטפערט.

„איט'ס ע קלאָב, יו דעם שיני!" האָט דער פּאָליסמאַן גע־שריען, „הוועד איז יור פּערמיט?"

„דיס איז מיין קאַנטשיק..." האָט בארני נעשטאַמעלט, „די לויפערס... אין מיין היברו סקוהל... אי עם היברו טיטשער... מיין קאנטשיק.... פון יוראָפּ..."

„פראָם יוראָפּ?" האָט דער פּאָליסמאַן נאָך העכער געשריען, „אי נאָו.... יו אר ע באָנטש אָף קרימינאַלס פראָם יוראָפּ... סאָם טו דהי סטיישאָן האוז!"

בארני האָט קיין ברירה ניט געהאַט, און ער האָט געמוזט געהן מיט'ן פּאָליסמאַן אין סטיישאָן־הויז.

שפּעטער האָט מען איהם אװעקגעפיהרט אין נאַיט־קאָורט. דער פּאָליסמאַן האָט נעגען איהם געמאַכט א קלאַגע פאר טראָגען „קאָנסילד װעפּאָן" (בעהאַלטענע וואפען), און אװעקגעלעגט פאר'ן מעדזשיסטרייט דעם קאַנטשיק.

דער מעדזשיסטרייט האָט גוט בעטראַכט בארני'ס „וואפען" און האָט געהאַלטען א גאנצע לעקטשור װעגען די „פאָרײן קרי־מינאַלס", וואָס פערפּלייצען גאנץ ניו יאָרק און ברענגען מיט זיך אהער געװעהר א. אז. וו.

בארני האָט זיך פּרובירט פערטײדיגען.

„דיס איז מיין קאַנטשיק", האָט ער געזאָגט, „אי עם בארני די היברו טיטשער, מיסטער דזשאָדזש! היר איז א באָנטש לויפערס, ענד אי טיטש דעם מיט מיין קאַנטשיק... יו קענים העלפּ, מיסטער דזשאָדזש! װען יו אר א טיטשער, יו מאָסט יוז א קאַנטשיק! די לויפערס וויל גיװ מי א ליקינג, לאַיק פרייז־פיי־טערס! אי עם א... א... הויפען מיט באָנס... די קאַנטשיק איז דזשאָסט די הענט ביי א היברו טיטשער... די קאנטשיק איז דזשאָסט לאיק א נידעל ביי א טיילאָר..."

„יע קעננאָט פול מי", האָט דער מעדזשיסטרייט נעזאָגט, „אי נאָו, יו אר ע באָנטש אָוו קרימינאַלס, ענד דהאט'ס אָלל!"

דער מעדזשיסטרייט האָט איהם פערהאַלטען פאר א פערהער ביז מאָרגען. דערוויל האָט ער איהם ארויסגעלאָזען אויף בייל, וועלכע בארני'ס א בעל־הבית האָט צוגעשטעלט.

אויף מאָרגען ביים פערהער האָט בארני'ס לאָיער געזוכט צו

ערקלעהרען דעם מעדזשיסטרייט, אז א קאנטשיק איז נים קיין קלאב, על כן קען מען דאס ניט אריינרעכענען אין דעם כלל פון געוועהר, און ער האט אויך געגעבען צו פערשטעהן, צו וואס מען „יוזט" א קאנטשיק. בעלי בתים פון שוהל, וואו בארני האלט זיין חדר, זיינען געקומען עדות זאגען אויף בארני'ס גוטען כאראקטער. דער מעדזשיסטרייט האט דאן בארני'ן בעפרייט, אבער דעם קאנטשיק האט ער איהם ניט אפגעגעבען צוריק, ערקלערענדיג, אז ער אליין קען ניט ענטשיידען די פראגע, אויב א קאנטשיק איז א וואפע אדער ניט. נאר אויב, זאגט ער, בארני וויל האבען צוריק זיין קאנטשיק, מוז ער אפעלירען צו א העכערען געריכט, וועלכער וועט ענטשיידען דיעזע פראגע.

---

## זיינע תלמידים סטרייקען

האט מען, הייסט עס, בארני דעם מלמד'ס קאנטשיק קאנפיס־קירט לויט דעם נייעם וואפען־געזעץ פון ניו יארק סטייט, און ער האט געמוזט על פי נויט יוזען ביים לערנען דעם סטראפ.

אבער א סטראפ, זאגט בארני, איז גארנישט מיט גארנישט, ממש א צוקערלעקעך פאר די אמעריקאנער לויפערס, וועלכע ער האט זיך אונטערגענומען צו מאכען פאר אידען. אז מען גיט זיי מיט'ן סטראפ, איז גלייך, ווי מען וואלט זיי א גלעט געטאן איבער'ן פלייצע. א קאנטשיק אבער, א ריכטיגער קאנטשיק מיט אכטצעהן געפלאכטענע לאקשען, האט גאר אן אנדער טעם.

און בארני האט בעשלאסען צו מאכען אן אנדער קאנטשיק, און אום ניט צו האבען ווייטער קיין טראבעל מיט א פאליסמאן, אזוי ווי עס האט מיט איהם פאסירט, בעת ער האט געהאט זיין ערשטען יוראפשען קאנטשיק, האט ער בעשלאסען איהם מעהר ניט צו טראגען מיט זיך אהיים, נאר לאזען איהם אין שוהל, וואו זיין חדר איז. מעהר ניט, וואס ער וועט איהם דארפען בעהאלטען אין א גוטען ארט, אום די חברה זאלען איהם ניט צו'גנב'ענען.

בקיצור, עס האט לאנג ניט גענומען, און בארני האט שוין געהאט צוריק א קאנטשיק, אמת, ניט אזא גוטער איינגעפונדעווע־טער, ווי דער ערשטער, אבער א קאנטשיק. בארני האט גאר

אפגעלעבט און ער האט צוריק זיין כח געקראגען, ווארום וואס פאר א בעטרעף האט ער, א שוואכער אידעל, אהן א קאנטשיק, געגען דער חברה לויפערס? אט מיט'ן קאנטשיק פיהלט ער זיך גאר ווי אן אנדער מענש. אן אמת'ער גבור איז ער מיט'ן קאנטשיק.

חברה האבען דערזעהן דעם נייעם קאנטשיק אין בארני'ס הענט, איז זיי אביסעל אומעטיגליך געווארען אויפ'ן הארצען. בארני זעהט עס, און ער טריאומפירט, ווי א גבור מלחמה.

„אהא, לויפערס!" האט ער מיט נצחון געשריען, „איהר זעהט דעם בחור? ער איז צוריק דא! אוים פלעזשור! דער קאנטשיק איז דא!"

און מעשה העלד גיט ער א פאך מיט'ן קאנטשיק אין לופטען, און די לאקשען האבען זיך העלדיש א דרעה געטאן און האבען אזוי ווי א מורא אנגעווארפען אויף די קינדער.

חברה האט אבער גענומען טראכטען און זוכען פלענער, ווי אזוי פטור צו ווערען פון דער הערשאפט פון דעם נייעם קאנטשיק. זיי האבען אפגעהאלטען א מיטינג און האבען בעשלאסען נאכצוטאן דעם ביישפיעל פון די גרויסע — צו סטרייקען.

די הויפט־אישו פון דעם סטרייק איז, נאטירליך, געווען: דער קאנטשיק. אבער אזוי ווי מען האלט שוין ביי א סטרייק, האבען חברה אויסגעזוכט אויך אנדערע קריוודעס און האבען אויסגעאר־בייט א גאנצע רייהע מיט פאדערונגען. די פאדערונגען זיינען געווען:

אפצושאפען דעם קאנטשיק און אנשטאט איהם צו יוזען גאר דעם סטראפ.

אין צייט פון לערנען זאל מען מעגען קייען טשואינג־גאם.

ווען עס רעגענט דרויסען, זאל מען מעגען אין חדר שפיעלען באל, קרעפס און אנדערע זאכען.

ווען צוויי באיעס האבען צווישען זיך א פאיט, זאל דער רבי זיך ניט אריינמישען: איט'ס נאן אף היז ביזנעס.

ווען א באי קומט ניט אין חדר, זאל דער רבי ניט מסר'ן דעם פאפא אדער דער מאמען.

איין באי מעג אפמאכען מיט א צווייטען, ער זאל לערנען אנשטאט איהם, און דער רבי טאר געגען דעם גארנישט האבען.

די באיעס זאלען זיך מעגען בייטען מיט זייער „נעקסט", און דאס איז ניט דעם רבי'ס ביזנעס.

הכלל, אויף מאָרגנן, ווען בארני האָט זיך גענומען צו זיין טייטעל, האָט זיך חברה אויפגעהויבען, אלע ווי איינער, און האָבען אויסגעשריען אין איין קול:

„רבי, מיר סטרייקען!"

און זיי האָבען איהם דערלאַנגט דעם צעטעל מיט די פאָדע־רונגען.

בארני האָט זיך איינפאַך פערלאָרען און ער האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן. ענדליך האָט ער דערפיהלט זיין קאַנטשיק אין האַנט און א פּאַך טוענדיג מיט איהם אין דער לופטען, האָט ער אויסגעשריען:

„איהר וועט זיך געהן זעצען צום טיש לערנען אָדער ניט, איהר לויפערס? אז ניט, זעהט איהר אָט דעם קאַנטשיק?"

„טו העל וויטה דהי קאַנטשיק!" האָט חברה אין איין קול אויסגעשריען.

בארני איז אַן אַנגעצונדענער געוואָרען: סטייטש דעם קאַנטשיק אזוי בעליידיגען!

„איך וועל אייך געבען לויפערס, טו העל מיט'ן קאַנטשיק!" האָט ער זיך צושריען, „איהר וועט באַלד זעהן, וואָס דער קאַנטשיק קען טאָן!"

און בארני האָט שוין געוואָלט בעווייזען זיין מאַכט. חברה אָבער זיינען געווען פלינקער פון איהם און אין דעם אויגענבליק וואָס זיין קאַנטשיק האָט זיך אויפגעהויבען, אום זיך אוועקצולעגען אויף זייערע פּלייצעס, איז שוין פון דעם גאַנצען באַנטש קיין שפור ניט געווען: זיי זיינען שוין אלע געווען אין דרויסען.

בארני האָט דאַן בעהאַלטען דעם קאַנטשיק, און איז אַרויס אין דרויסען צו פיהרען מיט חברה אונטערהאַנדלונגען. דרויסען איז ער שוין געוואָרען פריעדליך געשטימט און ער האָט זיך גענומען בעטען ביי חברה מיט גוטען, זיי זאָלען אריין לערנען.

„נאָטהינג דואינג!" האָבען די הויפּט־פיהרער גענטפערט, פיהלענדיג, אז אין גאַס זיינען זיי די בעלי־בתים.

בארני האָט זיך ווידער גענומען בעטען ביי חברה, צוזאָגענדיג זיי כל הגליקען אין דער וועלט, און קוים מיט צרות האָט ער ביי זיי גע'פועלט, אז זיי זאָלען אריין אין חדר.

דער סטרייק איז אין יענעם טאָג געסעטעלט געוואָרען מיט א

קאמפראמיס. עס איז אפגעמאכט געווארען, אז יעדער באי טאר ניט קריגען מיט'ן קאנטשיק מעהר ווי איין מאל א טאג. די איבעריגע פונקטען האט בארני בשום אופן ניט געוואלט נאכגעבען, נאר די קינדער האבען געזאגט, אז זיי וועלען זיך שוין אליין אן עצה געבען.

---

## ער „עקספליינט" זיינע תלמידים וואס ראש השנה איז

בארני דער מלמד האט געהאלטען פאר זיינע חברה א גאנצען ספיטש, געבענדיג זיי צו פערשטעהן, וואס ראש השנה איז, און דאס איז דער ספיטש:

לויפערס פון יונייטעד סטייטס! אלבעטשע, אז איהר ווייסט ניט, וואס ראש השנה איז? איהר מיינט אודאי, אז דאס איז א פליין האלידעי, א העפי האלידעי? נא טערי! איך וועל אייך דארום עקספליינען, וואס פאר א האלידעי דאס איז.

ראש השנה איז דער דזשואיש ניו־יעיר. באט עס איז א טעריבל דעי, א טאג פון טרייעל און פאנישמענט פאר אלע פיפל. א פיש אין ריווער צאפעלט זיך אפילו.

עס פינדעשט זיך דאס אלטע יאהר און מען דארף סעטלען מיט גאט דעם ביל, אפגעבען איהם א רעפארט פון אלע מעשים, וואס מען האט אפגעטאן א גאנץ יאהר. בלאפען קענט איהר איהם ניט, יו נאו. ער איז ניט בארני דער מלמד, וואס איהר וועט איהם בלאפען, ביקאז ער איז הבוחן ובודק גנזי נסתרות, אזוי ווי א דעטעקטיוו געפינט ער אויס אלעס אין די פינסטערע רומקעלעך. בעהאלטען זיך פון איהם קענט איהר ניט. אלעס איז ביי איהם, ווי אויף א פלייט.

א רעגעלער טרייעל, דזשאסט ווי אין א קאורט, איז ראש השנה אויפ'ן הימעל. לאל עורך דין, גאט אליין איז דער דזשאדזש, לבוחן לבבות ביום דין, ער טרייעט אויס די הערצער אין דעם טאג פון טרייעל. דער שטן איז דער דיסטריקט אטוירני, און דער מלאך מיכאל איז אונזער לאיער.

דער טרייעל געדויערט צעהן טעג — פון ראש השנה ביז נאך יום כפור, און דאן קריעגט עניבאדי א צעטעלע, א רעסיט, הייסט

עס, פון גאָט אליין, און דאָרט איז אָנגעשריבען און געסאינט, וואָס מיט דעם מענשען זאָל געשעהן פאַר'ן נעקסטען יאָהר.

בראש השנה יכתבון,
ראש השנה ווערט פערשריבען
פון זיין נאָמען, פון דעם ליעבען,
וביום צום כפור יחתמון,
און יום כפור ווערט געסאינט
אלע צעטלען, אַל די קאינד:
כמה, האמאָטש,
יעברון, זאָלען געהן
מיט דעם טריין
אהין, פון וואַנען
מען קומט ניט צוריק.
וכמה, און האמאָטש
זאָלען האָבען דאָס גליק
יבראון, געבאָרען צו ווערען:
ווער ביי סעמקע מעהרען
פון הויזקעס א ביגלער
און זאָל זיין אויף צרות,
ווייל מען דאַרף איהם אויף כפרות;
און ווער ביי מיסטער ציגלער,
אַן עושר א גרויסער,
וואו ער וועט לעבען ווי א קיסר.
מי יחיה, ווער זאָל לעבען,
און דער בורא זאָל איהם געבען
אויף פון וואָס צו לעבען.
ומי ימות, ווער זאָל שטארבען,
און לאָזען קינד און ווייב
אָהן א העמד אויפ'ן לייב.
מי בקצו, ווער געפינדעשט
זאָל זיך האָבען זיינע יאָהרען,
ומי לא בקצו,
ווער זאָל פאָהרען
ניט געפינדעשט

פאַר דער צייט
פון דער וועלט:
ווער פון היץ
און ווער פון קעלט,
ווער פון אַ טריין
און ווער פון עראָפּליין,
ווער פון אַן עקספּרעס
זאָל ווערען אַ מת,
און ווער פון אַ קאַר איבערגעפאָהרען
זאָל פינדעשען זיינע יאָהרען;
ווער פון אַ רוף
זאָל פערלידען זיין גוף;
מי באש, ווער פון פייער
זאָל קריגען זיין טויט
אין אַ שאַפּ
צוליעב דעם ברויט;
מי ברעב, ווער נאָר אַ יונגער
זאָל שטאַרבען פון הונגער;
מי ברעש, ווער פון אַן אָטאָמאָביל
וואָס פליהט ווי אַ ווילדער
מיט גרויס געפילדער
און טויטעט פיעל;
מי בחניקה, דערשטיקט
ווער זאָל ווערען
אין טענעמענט־שטיבער
מיט רומקעס ווי גריבער,
אָהן לופט און אָהן ליכט,
און בעזעצט נאָך געדיכט,
אַזש ס'איז ניטאָ
וואו זיך צו קעהרען;
ומי בסקילה, און ווען אַ לויפער
זאָל מיט אַ שטיין
שפּאַלטען דעם קאָפּ,
און ניטאָ וואו צו געהן,
לית דין ולית דיין,

קיין שופט, קיין ריכטער,
צו וועמען צו שרייען.
מי יעני, ווער אויסגעריסען
זאָל זיין אויף דער וועלט,
ומי יעשר, ווער עס זאָל האָבען
פולע פאַקעטס מיט געלט.
מי ישפל, ווער זאָל ליגען
צעהן קלאַפטער אין דר׳ערד
ומי ירום, און ווער עס זאָל
זיין אויפ׳ן פערד.

אַט אזוי באַיעס, ווערט דיסאַידעט ראש השנה אויפ׳ן הימעל, און יעדער דאַרף זעהן טרייען זיין בעסט דורך תשובה ומעשים טובים צו קריגען אַ כתיבה און חתימה טובה אויפ׳ן נייען יאָהר.

תכלה שנה, זאָל זיך פינדעשען דאָס אַלטע יאָהר, וקללותיה און זיין בעד לאָק, תחל שנה, זאָל זיך אָנפאַנגען דאָס נייע יאָהר, וברכותיה, און זיינע פּראָספּעריטי!

לשנה טובה תכתבו ותחתמו — איך ווינש אייך אַ העפּי ניו־יעיר מיט אַ גוטען געסאַינמען רעסיט!

---

## ער לערנט זיי „פּייטען״ כפּרות

דער מנהג פון כפרות שלאָגען האַלט אונזער בארני פאַר איינעם פון די וויכטיגסטע זיילען פון דעם יודענטום, און ער האָט דאַרום אָוועקגעלעגט זיינע גאַנצע קרעפטען פאַר יום־כפור, אום אויסצולערנען זיינע חברה כפרות שלאָגען, אָדער „פּאַיטען״ כפרות, ווי ער רופט דאָס אָן, כדי די אַמעריקאַנער חברה זאָל בעסער פערשטעהן.

פון אויף מאָרגען נאָך ראש־השנה האָט ער אָנגעהויבען צו לערנען זיינע תלמידים „פּאַיטען״ כפרות, און טאָג איין טאָג אויס האָט ער זיי געהאַמערט אין די קעפּ אריין דעם „בני אדם״ מיט׳ן „זה חליפתי״.

„איהר וועט זעהן״, האָט באַרני פערזיכערט זיינע קאַסטימער, „וואָס באַ־רני קען! איך וועל פון אייערע לויפערס מאַכען פּויערסט

קלעם כפּרות־פּאַיטער, אַזש עס וועט זיין אַ פּלעזשור צו קוקען!
איך וועל ביטען אַלע מלמדים פון גרייטער ניו יאָרק!"

ווען איך בין צו איהם אַריין, האָט באַרני עקזאַמענירט די חברה, אום צו וויסען, אויב זיי געדענקען גוט די לעסאָנס, וואָס ער האָט זיי געגעבען אין כפּרות־פּאַיטען.

„וועל, באָיעס", האָט באַרני זיך אָפּגערופען, „וועט איהר שוין וויסען, ווי צו פּאַיטען כפּרות?"

„יעס!" האָט חברה אויסגעשריען, אַלע ווי איינער.

און איינער פון זיי, לואי, האָט זיך געוואָלט אויספיינען פאַר'ן רבי'ן, און ער האָט זיך אָפּגערופען:

„איך קען שוין גוט פּאַיטען די כפּרות. איך נעכטען געטריייט אין דער היים. איך געכאַפּט די ביג רוסטער ביי אונז אין דער היים און געפּאַיט איהם. איך איהם געגעבען אַ גוד ליקינג. מאַמאַ וואָז ענגרי. זי געשריים, פאַרוואָס איך טשעפּע די רוסטער. איך איהר זאָג: רבי געהייסען פּאַיטען די כפּרות... זי מיר זאָגט: גאָו טו העל מיט רבי'ן..."

„לויפער איינער!" האָט באַרני מיט פערדרוס געזאָגט, „איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט פּאַיטען דעם רוסטער. מען דאַרף נאָר מיט איהם פּאַיטען כפּרות, יו נאָ... מען דאַרף איהם בינדען די פיס און אַרומדרעהען איהם אַרום קאָפּ דריי מאָל און אָפּזאָגען „זה חליפתי" דריי מאָל און אונטערוואַרפען איהם דערנאָך אונטער'ן טייבל... איצט ווייסטו שוין?"

„יעס", האָט לואי געענטפערט, „מען דאַרף איהם בינדען די פיס און דרעהען איהם פאַר'ן קאָפּ..."

„אָ, פויער איינער!" האָט איהם באַרני איבערגעהאַקט, „אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרען, וואָס פאַר אַ איד עס קען שוין פון דיר אַרויסקומען! איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ניט דעם רוסטער דאַרף מען דרעהען פאַר'ן קאָפּ, נאָר דיר... איך מיין, מען דאַרף דעם רוסטער דרעהען אַרום דיין קאָפּ, אַרום דיין פויערשען קאָפּ, ער, דער רוסטער, זאָל זיין אַ כפּרה פאַר דיין פויערשען קאָפּ... אַנדערסטענד?"

„יעס", האָט לואי געענטפערט.

„איצט, לויפערס", האָט באַרני געזאָגט, „זאָלט איהר וויסען: מען נעהמט אַ רוסטער און מען בינדט איהם די פיס און מען דרעהט איהם אַרום קאָפּ דריי מאָל און מען זאָגט דריי מאָל: זה חליפתי,

דאָס איז מיין טשענדזש, זה תמורתי, דאָס איז אויך מיין טשענדזש, זה כפּרתי, דאָס איז מיין עקסקיוז, זה התרנגול, אָט דער רוסטער, ילך למיתה, זאָל געהן טו העל, ואני אלך און איך וועל וואַקען, ואכּנס, און וועל אַריינקומען, לחיים טובים ארוכים, צו אַ גוטען לאַנגען לעבען, ולשלום, און צו פריעדען. און אויב מען האָט קיין רוסטער ניט, קען מען פּאַיטען כּפּרות מיט געלד, מיט טשיינזש, און דאַן דאַרף מען זאָגען: אלו המעות, אָט די טשיינזש, ילכו לצדקה, זאָלען געהן פאַר טשאַריטי... יו אַנדערסטענד, לויפערס?"

„יעס, רבי!" האָבען אַלע אין איין קול געענטפערט.

„און איצט", האָט באַרני געזאָגט, „נעהמט אַלע אייערע בייז־באָלס און טרייעט דרעהען אַרום קאָפּ, דזשאַסט ווי עס וואָלט געווען אַ רוסטער... איהר זאָלט זיך מיר גוט איינטרייען... אַלזאָ נעהמט די באָלס און דרעהט אַרום קאָפּ און זאָגט דריי מאָל: זה חליפתי..."

חברה האָט זיך גענומען גלייך צו די באָלס און האָבען מיט שמחה גענומען דרעהען אַרום־די קעפּ און נאָכגעזאָגט דעם רבי'ן.

„איצט וועט איהר שוין געדענקען, ווי מען דאַרף פּאַיטען כּפּרות?" האָט באַרני זיי געפרעגט נאָך דער ריהוירסעל.

„יעס, רבי!" האָבען זיי אויסגעשריען.

„און מיט וועמען דאַרף אַ לירדי שלאָגען כּפּרות?" האָט באַרני זיי געפרעגט.

חברה האָט געשוויגען.

„ווייסט איהר גאַר ניט?" האָט באַרני געפרעגט שוין אביסעל מיט כּעס, „און מאַמאַ וועט ביי אייך פרעגען, און איהר וועט ניט וויסען! איז עס שעהן?"

„אי נאָו, רבי!" האָט טעדי זיך אַרויסגעבאַפּט, „אַ לירדי פּאַיט כּפּרות מיט אַ מאַן... איך געהערט, ווי מאַמאַ איינמאָל געזאָגט צו פּאַפּאַ'ן אין אַ קוואָרעל: איך מיט דיר שלאָגען כּפּרות..."

„שאַראַפּ!" האָט באַרני אויף איהם אַ געשריי געטאָן, „אַז פּאַפּאַ מאַמאַ קריעגען זיך אָדער שלאָגען זיך, טאָר מען קיינעם ניט אויסזאָגען!"

„איך נעווער!" האָט דזשייקי זיך געכוואַסטעט, „ איך זעה פּאַפּאַ מאַמאַ פּאַיטען זיך און איך נעווער זאָג!"

„וועל", האָט באַרני זיך צוריקגעקעהרט צום עניז, „מיט וועמען פּאַיט אַ ליידי כּפּרות?"

חברה האָט ווידער געשוויגען.

„אַלזאָ, איהר ווייסט ניט?" האָט באַרני געזאָגט, „וועל איך אייך זאָגען: מיט אַ טשיקען, און זי דאַרף זאָגען: זאת התרנגולת, אַט די משיקען, תלך למיתה, זאָל געהן טו העל... יו אַנדערסטענד? איהר זאָלט עס זאָגען דער מאַמאַ'ן! וועט איהר שוין וויסען?"

„יעס, רבי!" האָט חברה געענטפערט, „אַ מען פּאַיט אַ רוסטער און אַ ליידי פּאַיט אַ טשיקען..."

„ענד די סמאָל טשילדרען פּאַיטען מיט ספּרינג־טשיקענס!" האָט בעני זיך אַרויסגעכאַפּט, וועלענדיג בעווייזען, אַז ער איז מעהר למדן פאַר זיינע חברים.

„נאָ ספּרינג־טשיקען!" האָט באַרני אַ געשריי געטאָן, „די סעים! עני טשיקען און עני רוסטער איז גוט פאַר כּפּרות־פּאַיטען. איצט לויפערס, געהט אַהיים, און איהר זאָלט ניט פערגעסען דעם לעסאָן, און איהר זאָלט אויך געדענקען, וואָס יום־כּפּור איז! אין ענגליש וועט עס הייסען... עקסקיוז־דעי... יעס... דאָס איז דער טאָג, וואָס מיר בעטען ביי גאָט אַן עקסקיוז פאַר אַלע אונזערע זינד, וואָס מיר טוען אַ גאַנץ יאָהר, יו נאָו... גוד באַי!"

„גוד באַי!" האָט חברה אויסגעשריען מיט פרייד, און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיהר.

איינער פון זיי, טשאַלי, האָט זיך באַלד צוריקגעקעהרט.

„רבי" האָט ער געזאָגט, „אַי פאָרגאָט... מאַמאַ געזאָגט, דאָנ'ט פאָרגעט צו קומען אין אונזער הויז, צו שלאָגען מיט איהר כּפּרות! זי געזאָגט, פּאַפּאַ איז ביזי, זאָל דו קומען מיט איהר שלאָגען כּפּרות".

„אָלע ראַיט!" האָט באַרני געזאָגט, „איך וועל קומען. איך וועל שוין גוט געדענקען. צעהן סענט געהט ניט צו־פוס".

---

## סעמפּעלס פון קהלת

דברי קהלת בן דוד מלך בירושלים, דאָס זיינען די ספּיטשעס פון קהלת, דייוויד'ס זוהן, קינג סאָלאָמאָן אָוו דזשירוזאַלעם, וועלכע

באַרני דער מלמד האָט פּערטייטשט און עקספּליינט פאר זיין באַנטש לויפערס אויף פליין אידיש אויפ'ן אַמעריקאַנער סטאַיל.

הבל הבלים אמר קהלת, עס איז נאָנסענס שבנאָנסענס, זאָגט קהלת, הבל הבלים, נאָנסענס שבנאָנסענס. הכל הבל, אַלץ איז נאָנסענס.

מה יתרון לאדם, וואָס פאר א יוז האָט דער מענש, בכל עמלו שיעמול תחת השמש. פון דעם גאַנצען טראָבעל, וואָס ער האָט אויף דער וועלט?

אמרתי אני בלבי, טראַכט איך מיר, לכה נא אנסכה בשמחה, איך וועל אַקאַרשט אינדזשאָיען זיך, וראה בטוב, און האָבען א גוד טאַים, והנה גם הוא הבל, ערשט דאָס איז אויך נאָנסענס.

ופניתי אני בכל מעשי שעשו ידי, איך האָב בעטראַכט אַלע דזשאָבס, וואָס איך האָב געמאַכט, ובעמל שעמלתי לעשות, און דעם גאַנצען טראָבעל, וואָס איך האָב געהאַט, והנה הכל הבל, ערשט אַלץ איז נאָנסענס, ורעות רוח, און עס איז ווערטה אַן אויסגעבלאָ־זענע עיג, ואין יתרון תחת השמש, עס איז נאָ יוז צו לעבען אויף דער וועלט.

מקום המשפט שמה הרשע, אין די קאָורטס געהען אָן די רעכטע מאָנקי־ביזנעס.

וראיתי אני את כל עמל, און איך האָב געזעהן די אַלע טרייענישען, ואת כל כשרון המעשה, און די אַלע ביזנעס וואָס געהען אָן אויף דער וועלט, כי היא קנאת איש מרעהו, עס איז מעהר ניט, ווי דזשעלאָסי, וואָס איינער פערגינט ניט דעם צווייטען.

שמור רגליך כאשר תלך אל בית אלהים, וואטש דיינע פיס ווען דו געהסט אין שוהל אריין. אויב דו ביסט אין אמעריקא און דו האָסט קיין טיקעט ניט זאָלסטו בעסער זיצען אין דער היים, ביקאָז דער ספּעשעל פּאָליסמאַן קען ביי אָרדער אָוו די טראָסטיעס דיך אַרונטערוואַרפען פון אַלע טרעפּ.

אם עשק רש וגזל משפט וצדק תראה במדינה, אז דו וועסט זעהן סופּאָז אין קאָלאָמבוס'עם קאָונטרי, ווי מען סאָקט דעם אָרימאַן און מען מאַכט מאָנקי־ביזנעס ביי א טרייעל, אל תתמה על החפץ, זאָלסטו ניט סורפּרייזט ווערן פון דעם, כי גבוה מעל גבוה שומר, איין פּאָליטישען שטעהט איבער'ן צווייטען און וואַטשט, אז אזוי

זאָל זיין און ניט אנדערש, וגבוהים עליהם, און איבער די פּאָליטי־שענס זיינען דאָ נאָך העכערע פּאָליטישענס.

כי בצל החכמה בצל הכסף, האָט מען די מאָני, איז מען שוין אויך סמאַרט.

כל אשר תמצא ידך לעשות בכחך עשה, עניטהינג, וואָס דו קענסט אפּאָרדען צו טאָן, טו, און קעהר ניט פאר קיין זאך.

בעצלתים, אז מען איז לעיזי, ימך המקרה, וועט וויך ווערען דער סילינג.

שומר רוח לא יזרע, א פארמער, וואָס וואַטשט צופיעל דעם ווינט, וועט נעווער פערזעען זיין פעלד, ורואה בעבים לא יקצר, און אז ער קוקט צופיעל אויף די וואָלקענס, וועט ער נעווער שניידען: רק ער וועט מורא האָבען. און די סעים איז מיט אלע ביזנעס. אלזאָ, טעיק א טשענס, ווי קאָלאָמבוס זאָגט.

כי אם שנים הרבה יחיה האדם, וויפיעל יאָהרען דער מענש זאָל ניט לעבען, בכלם ישמח, אינדזשאָיעט ער זיך פון אלע יאָהרען, ויזכור ימי החשך, ער דערמאָהנט אפילו צו גוטען די פינסטערע יאָהרען, בעת ער האָט זיך גרינערהייט געפלאָגט און געשלעפּט א פושקאַרט אָדער געטריבען די מאַשינקע און געוואוינט ערגעץ וואו אויפ׳ן טאָפּ פלאָר.

שמח בחור בילדותך, אינדזשאָיע זיך כל זמן דו ביסט א באָי, ביקאָז די יאָהרען שטעהען ניט אויף איין פּליים, און וואָס דו קעטשסט ניט אריין בעפאָר דו האָסט חתונה און טראָבעל, איז פערפאלען!

והגיעו שנים, ביקאָז עס וועלען נאָך אָנקומען די יאָהרען, אשר תאמר און לי חפץ בהם, וואָס דו וועסט זאָגען: „איך האָב קיין יוז ניט פון זיי".

ביום, עס וועט אָנקומען א טאָג, שיזועו שומרי הבית, עס וועלען אָנהויבען צו טרעמבלען די וואַטשערס פון הויז, דאָס הייסט די פיס, וועלכע טראָגען אויף זיך דעם מענשען׳ס באָדי; והתעותו אנשי החיל, און עס וועלען זיך ספּאָילען די סאָלדזשערס, וועלכע האָבען אלע דזשאָבס געמאַכט, דאָס מיינט די הענט; ובטלו הטוחנות, און עס וועלען זיך ספּאָילען אויך די מאָלערס, די ציינער ציינט עס, כי מעטו, ביקאָז זיי וועלען ווערען וועניגער;

וחשכו הרואות בארובות, און די קוקערס פון די ווינדעס, דאָס מיינט די אויגען וועלען פינסטער ווערען.

ותפר האביונה, און פאַר ליידים וועסטו שוין מעהר ניט קעהרעצן, כי הולך האדם אל בית עולמו, וואָרום דו וועסט שוין נעהמען טראַכטען פון דער סעמעטערי...

הכל הבלים, אי, עס איז נאָנסענס שבנאָנסענס, אמר הקוהלת, זאָגט קהלת, און באַרני זאָגט עס אויך, הכל הבל, אַלץ איז נאָנ־סענס. באָט די נשמה קען מען ניט אַרויסשפּייען, און יעדער דאַרף טרייען זיין בעסט צו מאַכען אַ לעבען.

סוף דבר, דאַטסאָלל!

---

## משה רבינו קומט איהם צו חלום

„שמחת תורה“, זאָגט באַרני דער מלמד „איז אַ ספּעשעל מלמד׳ישער יום־טוב. אויף יוניע־לשון וועט עס הייסען: דער מלמד׳ישער לייבאָר־דעי. ביקאָז אויב עס דאַרף זיך נאָך ווער אינדזשאָיען מיט דער תורה, זיינען עס מיר, מלמדים. וואָס אָן ערך, וואָלטען אַזעלכע שלימאַזעלס, ווי מיר, געטאָן אָהן דער תורה? פון וואַנען וואָלטען מיר געמאַכט אַ לעבען ביי קאָלאָמ־בוס׳ען אין דער מדינה, ווען ניט די תורה? סיידען אַ פּושקאַרט שלעפּען, אָדער אַן אַפּרייטאָר ווערען!“

הכלל, שמחת תורה איז ביי באַרני׳ן דער גרעסטער יום טוב, און אין דיעזען טאָג פערגעסט ער זיך ניט בשעת חדוה צו טרינקען איין כוס לכבוד משה רבינו, וועלכער האָט זיך פאַסטאַרעט פאַר׳ן פאָלק ישראל און געקראָגען פאַר איהם די תורה, און אַ צווייטען כוס לכבוד דעם מלאך, וועלכער גיט דעם קינד אַ שנעל איבער דער נאָז, איידער עס געהט אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט, אום עס זאָל פערגעסען די גאַנצע תורה, וואָס עס האָט געלערנט ביי זיין מאַמען אין בויך.

„וואָרום, וואָס טוט מען, אז דער מלאך גיט ניט קיין שנעל דעם לויפער אין נאָז“, זאָגט באַרני „און דער לויפער ווערט געבאָ־רען אַ פאַרטיגער למדן מיט אַ פאַרטיגען בר־מצוה־ספּיטש מיט אַ מפטיר מיט אַלע זיבען זאַכען? היינט צו וואָס וועט מען אונז,

מלמדים, דארפען? און פון וואנען וועלען מיר א לעבען מאכען? ניט אנדערש, אז יענער מלאך מוז זיין דער מלמדי׳שער שר אין הימעל, דאס הייסט, אונזער פאטראָנייזער..."

היינטיגען שמחת־תורה וועט בארני טרינקען נאָר דעם איין כוס לכבוד דעם מלאך, דעם שנעלער. לכבוד משה רבינו אבער וועט ער שוין ניט טרינקען, ניט חלילה דערפאר, ווייל משה רבינו האָט ביי איהם מיט עפעס פערזינדיגט, נאָר ווייל משה רבינו אליין איז איהם מוחל דעם כבוד. נאָכמעהר: משה רבינו האָט איהם טאקי אָנגעזאָגט מיט׳ן הארבען וואָרט, לאמר, אזוי צו זאָגען:

„בארני! איך וויל מיט דיר קיין ביזנעס האָבען!"

די געשיכטע איז אזוי געווען, און איך גיב אייך זי דאָ איבער וואָרט פאר וואָרט, ווי בארני האָט מיר זי דערצעהלט:

הושענא רבה ביי נאכט האָב איך, בארני, איינגעדרעמעלט ביים תיקון. עס חלום׳ט זיך מיר: עס איז שוין שמחת תורה, און איך, בארני, טאנץ אין שול מיט א ספר־תורה אין האנט און זינג אונטער:

„משה שמח בשמחת־תורה! בארני שמח בשמחת־תורה!"

ערשט, ווי פון הימעל אראָפּגעפאלען: משה רבינו מיט די שטראהלען־הערנער שטעהט פאר מיר און קוקט אויף מיר עפעס מיט אזא בייזקייט, דזשאסט ווי איך וואָלט חוטא בעגל געווען.

— ביסטו דאָס בארני? — פרעגט ער מיך.

— יעס, סער! — ענטפער איך מיט שטאָלץ.

אז ער הויבט דאָס אויף מיר אויף א קול און נעהמט דאָס אויף מיר שרייען בזה הלשון:

— דו פארטאטש! דו שוסטער....

— עקסקיוז מיר, רעווערענד משה! — האָב איך געקראָגען מוט איהם איבערצוהאקען די רייד — איך בין ניט קיין שוה־מייקער. איך בין א היברו טיטשער און אונטערריכט פון אלף־בית ביז בר מצוה אויפ׳ן אמעריקען סטייל.

— שוייג, דו פארטאטש! — האָט ער אויף מיר ווידער גענומען שרייען, — דו וואגסט נאָך צו רעדען? דו מאכסט דאָך א תל פון מיין תורה! דו צוקאליעטשעסט דאָך זי מיט דיינע טייטשען!

— עקסקיוז מיר, מיסטער משה! — האָב איך ווידער געזאָגט

— איך ספּאָיל ניט אייער תורה... זייט אַ בריה און פּרופּט איהר לערנען מיט די אמעריקאַנער לויפערס! איהר ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ לויפערס זיי זיינען! נאָך ערגער ווי דער דור המדבר, וועלכער האָט אייך פערשאַפט אַזוי פיעל טראָבעל. אַ שטיק האַרץ עס איך מיר אויס פון זיי... איך וועל באַלד אין קאָנסאַמפּשאַן אריין פון זיי...

— אָבער ווער בעט אייך אין גאַנצען מאַכען ביזנעס פון מיין תורה? — האָט ער געפרעגט שוין אביסעל רוהיגער.

— גאָט איז מיט אייך, רעווערענד משה! — האָב איך זיך אָפּגערופען — וואָס הייסט ווער בעט אונז? מען דאַרף דאָך מאַכען עפּעס אַ לעבען! אַ ווייב מיט קינדער...

— טאָ געהט פּעדלען מיט באַנאַנעס, געהט ווערט אַן אפּריי־טאָר, אָבער מיין תורה לאָזט צו־רוה! — האָט משה אויסגעשריען — וואָס מיינט איהר, אַז איך האָב וועלטען איינגעריסען, פערציג טעג און פערציג נעכט אויפ׳ן באַרג געווען, ניט געגעסען און ניט געטרונקען, און דאָס אַלץ נאָר פון אייערטוועגען, אַז איהר זאָלט חוכא וטלולא מאַכען פון מיין תורה?

— באָט, רעווערענד משה, — האָב איך זיך גענומען בעטען, — בין איך דען איינער? גיט אַ קוק וויפיעל מלמדים, רבנים און נאָך אידען מאַכען אַ לעבען פון אייער תורה!

— איך וויל מיט אייך קיין ביזנעס ניט האָבען! גיט מיר צוריק מיין תורה און איך וועל זי אוועקטראָגען צוריק אויפ׳ן באַרג סיני! זי האָט צו מיר טענות, די תורה, וואָס איך האָב אייך זי געגעבען! גיט מיר אהער די תורה!

און ער האָט ארויסגעכאַפּט ביי מיר פון די הענט די ספר תורה, און איז פערשוואונדען געוואָרען.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך דערזעהן, אַז דער תיקון מיינער ליעגט אויף דר׳ערד.

— נו, ווי געפעהלט אייך אזא חלום? — האָט באַרני געענ־דיגט זיין געשיכטע — איך טריי מיין בעסט און פערשפּרייט די תורה צווישען די היגע לויפערס, און ער, משה, איז נאָך אין כעס אויף מיר! באָט וואָס קען איך העלפען, אַז מען דאַרף מאַכען אַ לעבען?

# אַ גאַנצע לעקטשור אין פּליין אידיש וועגן ימים

ווייסט איהר, וואָס אַ ים איז? „אַלבעטשע“, אַז ניט! אייער רבי האָט אייך אַמאָל געמוזט טייטשען: „ים“ — אַ ים. ווי אַנדערש? הײַנט פון וואַנען זאָלט איהר וויסען?

אָט איהר האָט געדאַרפט אַריינגעהן צו באַרני דעם מלמד אין חדר און הערען, ווי ער האָט עקספּליינט זיינע לויפערס אין פּליין אידיש, וואָס אַ ים איז, וואָלט איהר ערשט דאַן געוואוסט, וואָס אַ ים איז.

ער האָט גענומען, זאָג איך אייך, דעם ים און איהם צוקייעט און אריינגעלעגט די חברה אין מויל אריין. אַ גאַנצע לעקטשור איז עס געווען.

די סדרה „בראשית“ האָט אונזער באַרני'ן געגעבען אַ געלעגענהייט צו פּאָפּולאַריזירען פאַר זיינע תלמידים דעם ים, ניט ערגער פון אירגענד וועלכען בעל־דרשן און בעל־דברן און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון אונזער געבענטשטער איסט סאַיד. אַלזאָ, וועל איך אייך דאָ איבערגעבען זיין לעקטשור וועגן ימים, און ווייסט טאַקי, וואָס אַ ים איז, און ווערט אינטעליגענטע מענשען.

„ויאמר אלהים, און גאָט האָט געזאָגט — האָט באַרני געקנעלט מיט זיינע תלמידים — יקוו המים, זאָלען זיך צונויפקאָלעקטען די וואַסערן, מתחת השמים פון דאַון־סטעז פון הימעל, אל מקום אחד, אין איין פּלעיז, ותראה היבשה, און עס זאָל זיך זעהן די טריקעניש, ויהי כן, און עס איז געווען אַזוי. ויקרא אלהים ליבשה, און גאָט האָט אַ נאָמען געגעבען די טריקעניש, אַרץ, פּלעין ערד, ולמקוה המים, און די קאָלעקשאָן פון די וואַסערן, קרא, האָט ער אַ נאָמען געגעבען ימים...“

און דאָ, ביי דיעזען וואָרט איז, נעביך, באַרני געבליבען שטעהן אין אַ פערלעגענהייט, ניט ווייסענדיג, ווי מען טייטשט עס אָפּ אַזוי, אַז די אַמעריקאַנער לויפערס זאָלען וויסען, וואָס דאָס איז. איי, ער איז דאָך עפּיס ניט דאָס ערשטע יאָהר אין אַמעריקאַ, האָט ער דאָך געקענט טייטשען, ווי פאַר אַ יאָהרען? נאָר איז ער דען מחויב צו געדענקען, ווי ער האָט פאַר אַ יאָהרען געטייטשט אַ ים?

„ימים... ימים....“ האָט באַרני געקנייטשט זיין שטערן.

„וואַרט אַ סעקאַנד... ווי זאָל איך דאָס עקספּליינען אויף פּליין אידיש? אויפ'ן אַמעריקאַנער סטאַיל מיין איך..."

און רוקענדיג זיין שפּיץ בערדיל צום מויל, האָט ער גענומען אַרומגעהן איבער דער שוהל, וואו זיין חדר געפינט זיך, טיעף פערזונקען אין זיינע מחשבות. באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און זיין פּנים האָט ווי אויפגעבליצט. ער איז צוגעלאָפען האַסטיג צום טיש, און האָט מיט פרייד אויסגעשריען:

„וועל, באָיעס! ווייסט איהר וואָס ים איז?"

„שור!" האָבען אַלע געענטפערט אין איין קול.

„וועל, וואָס איז אַ ים? זאָג מיר דו, אדרבא, סעמי!"

„אַ ים איז אַ ים", האָט סעמי געענטפערט, „אי נאָו..."

„כאַ! כאַ!" האָט זיך באַרני צולאַכט. „אַזוי האָט עס דיר דיין פריהערדיגער טיטשער געטייטשט? אַן עברית בעברית־ניק מסתמא?"

דער אינגעל איז צוערשט צוטומעלט געוואָרען, אָבער באַלד האָט ער געקראַגען מוטה און זיך אָפּגערופען:

„אַ ים איז, וואו מען נעהמט אַ סווים, לאַיק אין קוני איילאַנד".

„קען מען דאָך אין ריווער אויך נעהמען אַ סווים!" האָט באַרני אויסגעשריען מיט נצחון.

„וועל, וואו סטימשיפּס געהען", האָט סעמי געטריט ווייטער.

„אין אַ ריווער קען אויך געהן אַ סטימשיפּ", האָט באַרני ווידער געזאָגט מיט נצחון.

„אי גיוו איט אַפּ!" האָט סעמי זיך אונטערגעגעבען.

„וועל", האָט באַרני מיושב'דיג זיך אָפּגערופען, „איך וועל אייך עקספּליינען, וואָס אַ ים איז, און איהר זאָלט מיר געדענקען... וועל, ליסן, באָיעס... אַ ים איז... וואָס וואַסער איז—ווייסט איהר?"

„שור", האָבען די באָיעס געענטפערט.

„אַלזאָ, אַ ים איז וואַסער, וואַסער פון סינק, פּלעינע וואַסער, מיט וועלכע מען וואַשט זיך איין, פון וועלכע מען מאַכט טי, קאָפּע. באָט אַ ים איז ניט קיין קאָפּע, יו נאָו. באָט עס איז געזאַלצען, ניט די קאָפּע, נאָר די וואַסער פון ים. עס איז דזשאָסט ווי איהר זאָלט נעהמען אַ גלעס וואַסער, און אריינשיטען אהין זאַלץ, אָט דאָס איז אַ ים, יו נאָו... וועל, ווייסט איהר שוין?"

„שור!" האָבען די באָיעס אויסגעשריען.

„וועל“, האָט באַרני געזאָגט, „טאָ זאָג זשע מיר איצט, דו אייבי, וואָס איז אַ ים?“

„אַ גלעס וואָטער וויטה סאָלט!“ האָט אייבי אויסגעשריען.

„אַ, איהר פויערשע קעפּ!“ האָט באַרני אויסגעשריען מיט פערדרוס, „מען עקספּליינט אייך, מען עקספּליינט אייך, און עס איז נאָ יוז.... וועל, מיר וועלען צוריק אָנהויבען פון דעם ים. וואָס־זשע איז דאָרט פאַר אַ וואַסער אין ים?“

„וואַסער אָהן קאָפּע!“ האָט טשאַלי אויסגעשריען.

„וואַרט, איהר פויערשע קעפּ! איך וועל אייך נאָך אמאָל עקספּליינען. פריהער פון אַלץ לאָמיר זאָגען, אַז דער ים איז כמעט אַן אָזערע, אַ ביסעל אַן אָזערע.... איצט ווייסט איהר שוין? זאָג מיר, דזשייקי, וואָס אַ ים איז?“

„אַ ליטל אָזערע!“ האָט דזשייקי זיך אָפּגערופען.

„פויערשע קאָפּ!“ האָט באַרני אַ געשריי געטאָן, „אַלץ ווייסטו נאָך ניט? ליסן, איך וועל נאָך אמאָל עקספּליינען: אַ ים איז כמעט אַן אָזערע, סופּאָז... און וואָס אַן אָזערע איז, ווייסט איהר?“

חברה האָט געשוויגען.

„אַן אָזערע איז אויף פיין אידיש אַ לעיק“, האָט באַרני ווידער גענומען עקספּליינען„ איהר האָט געזעהן אַן אָזערע? נאָ? באָט אַ גרוב האָט איהר געזעהן? אַז עס געהט אַ רעגען, געהט אָן אין גרוב וואַסער. אַלזאָ, לאָמיר זאָגען, סופּאָז, אַז אַן אָזערע איז אַ גרוב מיט וואַסער, באָט עס איז אַן אָזערע, ניט קיין גרוב מיט וואַסער. אַן אָזערע איז אַ פערמאַכטע וואַסער, דזשאָסט ווי איהר גיסט אריין אין אַ טאָפּ וואַסער און מאַכט עס צו מיט אַ קאָווער? איהר האָט געזעהן, ווי די מאַמע טוט עס, בעת זי קאָכט דינער? באָט אַ ים איז ניט קיין פערמאַכטע וואַסער. ער איז קאָנעקטעט מיט נאָך ימים, באָט אַן אָזערע איז ניט קאָנעקטעט מיט נאָך אָזערעס, און זי שטעהט סעפּערעט, איינע אַליין... אָל עלאָן...“

„אָל עלאָן, אָל עלאָן...“ האָבען עטליכע באָיעס גענומען אונ־טערזינגען מיט אַן אומעטיגען ניגון. באַרני האָט זיי אָבער באַלד געסטאָפּט, און גענומען ווייטער עקספּליינען:

„אַלזאָ, וואו. האַלטען מיר? יעס... אַ ים איז דזשאָסט ווי אַן אָזערע, באָט עס איז ניט קיין אָזערע, אַן אָזערע איז אַ טאָפּ מיט

וואסער געקאָווערט מיט א קאָווער, באַט עס איז אַן אַזערע, א לעיק אויף פליין אידיש, א גרוב מיט וואסער... ווערט איהר שוין איצט געדענקען? וועט איהר וויסען שוין, וואס א ים איז? זאָג, בעני!"

„א גרוב מיט וואסער!" האָט בעני אויסגעשריען.

דאָ איז שוין בארני ארויס פון די כלים, און ער האָט גענומען שרייען:

„איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז א ים איז ניט קיין אַזערע, ניט קיין גרוב מיט וואסער, ניט קיין טאָפּ מיט וואסער, ניט קיין וואסער, ניט קיין ים... א ים איז א ים, ענד דאַטסאָל!"

און אזוי איז געבליבען עד היום הזה: א ים איז א ים.

---

## א סדרה פּאָליטיקס

בארני דער מלמד האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים די סדרה „נח".

ער האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע „סטאָרי", ווי אזוי גאָט איז אין כעס געוואָרען אויף די מענשען פארוואס זיי זיינען געוואָרען בעד באָיעס, לויפערס און גענגסטערס; פאַרוואָס די וועלט איז פול געוואָרען מיט זינד, און ער האָט בעשלאָסען צו געבען דער זינדיגער וועלט א לעסאָן — צו ברענגען א מבול.

„באַט עס איז געווען איינער נח — האָט בארני פאָרטגעזעצט זיין „סטאָרי" — א גוד באָי איז ער געווען, און גאָט האָט דיסיידעט צו סעיווען איהם און זיין פעמילי פון דעם מבול. האָט ער איהם געהייסען מאכען א תבה, א באָקס, יו נאָ... תחתיים, שניים ושלישים, מיט א פויסט פלאָר, סעקאָנד פלאָר און טוירד פלאָר... דריי פלאָרס, הייסט עס, זאָל זיין די באָקס. צהר תעשה לתיבה, און א ווינדע זאָל ער מאכען צו דער באָקס. און ער, נח, זאָל אהין אריין מיט זיין האָל פעמילי, און נעהמען מיט זיך צו זיבען פּיסעס פון אלע קלינע בעשעפעניסען און צו צוויי פּיסעס פון אלע ניט קלינע בעשעפעניסען. דאָס הייסט דזשאָסט פּאַר א סעמפּעל זאָל ער נעהמען, כדי נאָך דעם ווי דער מבול וועט חרב מאכען די וועלט, זאָלען קענען געבאָרען ווערען אנדערע בעשעפעניסען.

„און אזוי איז געווען. נח איז אריין אין באקס מיט זיין גאנצע פאמיליע מיט די אלע לעבעדיגע סעמפעלס, וארובות השמים נפתחו, ענד די ווינדעס פון הימעל האבען זיך געעפענט, און עס איז אוועק א מבול, און נח האט זיך געקעטשט א שווים אין זיין באקס.

„ווען דער מבול האט געסטאפט און נח איז ארויס פון באקס, האט ער געטראכט, צו וואס פאר א ביזנעס זאל ער זיך געהמען, אז פון אלעס איז געווארען א תל. ויטע כרם, איז ער געווארען א סאלון־קיפער — דער ערשטער סאלון־קיפער אויף דער וועלט. אבער אזוי ווי קיין קאסטימער זיינען ניט געווען אויף דער וועלט, ביקאז די אלע זיינען דאך דערטרונקען געווארען, ניט פון ביער אדער פון וויסקי, באט פון מבול, און קיין נייע קאסטימער זיינען נאך ניט געבארען געווארען — וישת מן היין וישכר, האט נח אליין גענומען א דרינק, און ער איז שיכור געווארען. באט ער האט געהאט אן אייניקעל א לויפער, האט ער איהם אפגעטאן א טריק... ענד דאטסאל!"

אט אזוי האט בארני געלערנט מיט זיינע תלמידים די סדרה „נח". און איצט וועל איך אייך דערצעהלען, ווי אנדערע רביים, פאליטישענס, ווי זיי הייסען דא, האבען געלערנט מיט בארני'ן אליין אן אנדער סדרה, די סדרה פאליטיקס, ווייל עס געהט דאך עפיס צו אן עלעקשאן, און אונזער בארני, יו נאו, איז א „ציטיזנער".

א גאנצען „באנטש" מיט סירקולארס, ליפלעטס און נאך אזעלכע אויפקלעהרענדע קאמפיין־ליטעראטור האט בארני ערהאלטען. יעדער קאנדידאט האט בעוויזען מיט אותות ומופתים, מיט א פיקטשור אלס עדות, אז אזא גוטען פריינד האט נאך בארני ניט געהאט, און ווען ער, בארני, עלעקטעט איהם, וועט ער, בארני, שוין זעהן וואס עס וועט זיין.

די סירקולארס, וועלכע בארני האט ערהאלטען, האבען אפעלירט דירעקט צו דער גאנצער מלמדים־קלאס פון גרייטער ניו יארק. יעדע פארטיי האט צוגעזאגט דער מלמדים־קלאס כל הגליקען אין דער וועלט.

איין סירקולאר האט זיך געלעזען אזוי:

„די מלמדים־קלאס, וועלכע בילדעט א בעדייטענדע מאכט אין גרייטער ניו יארק, איז אימער פערנאכלעסיגט געווארען פון אונזערע לעדזשיסלייטארס. את חטאי אני מזכיר, איך אדמיטע מיין גילט,

אַז איך האָב אויך ניט געוואוסט, דאָס עס זיינען דאָ אַזוי פיעל מלמדים אין ניו יאָרק, וועלכע טוען פיעל פאר'ן יודענטום.

„אלזאָ, איך פראָמיז, אַז ווען איהר וועט מיך רי־עלעקטען, וועל איך אין לעדזשיסלייטשור טרייען מיין בעסט פאר די מלמדים פון גרייטער ניו יאָרק. איך וועל אינטראָדיוסען בילס אין לעד־זשיסלייטשור צום וואהל און בעסטען פון די מלמדים. איך בין אימער געווען א פריינד פון אָרימע, פון פעדלערס און פון ארביי־טער. איך בין אַ פריינד פון אידען און פון יודענטום. איך האָב אימער געגעבען דאָניישאָנס צו היברו קאָנגרעגיישאָנס, איך האָב פיעל אידישע פריינד. איך בין געווען אַ גאַסט ביי פיעלע אידישע ענטערטיינמענטס, חתונות, ברית'ן, און פיונעראַלס בעזאָנדערס. מיין רעקאָרד צייגט, אַז זייט איך בין אין פּאָליטיקס, האָב איך אַטענדעט איבער 100 היברו פיונעראלס און ספּיטשעס געהאַלטען. און איך פּראָמיז צו ווייזען מיין רעספּעקט אויך צו די מלמדים.

„וואוט פאר'ן אמת־אידישען פריינד טימאָטי קאָנינגהעם, איהר וועט זיין נאָמען געפינען אין קאַלום אונטער'ן סטאַר, לקיים מה שנאמר, אַזוי ווי אין פּסוק שטעהט: בכוכבי השמים לרוב, אין הימעל איז דאָ פּלענטי שטערען, אָבער אויף דער ערד איז דאָ נאָר איין שטערן, פאר וועלכען איהר קענט וואוטען, דאָס איז דער שטערן פון דער דעמאָקראַטיק פּארטי!"

א צווייטער סירקולאַר איז אויך געווען צוגעפּעפּערט מיט תורה, וואָס זאָל שמעקען די מלמדים, און אָט וואָס דאָרט איז געשטאַנען:

„אחדות, סאָלידאַריטעט, איז אַ גרויסע מדה ביי אידען, דאַרום אַפּעלירען מיר צו אייך, מלמדים פון גרייטער ניו יאָרק, צו וואוטען פאר אייערע פריינד, וואָס האַלטען פאר אחדות, פאר'ן פיוזשען טיקעט הייסט עס.

„והחוט המשולש לא במהרה ינתק, א טריפּל קאַטען קען מען ניט אַזוי שנעל איבעררייסען. אַזוי זאָגט די אידישע תורה, וועלכע איהר, מלמדים, האַלט אין די הענט. טוט אַלזאָ, ווי די תורה הייסט אייך, און וואוט פאר'ן חוט המשולש, פאר'ן פיוזשען טיקעט.

„וואוט אין קאַלום אונטער'ן אָדלער, לקיים מה שנאמר, ווי אין פּסוק שטעהט, כנשר על גוזליו ירחף, אַזוי ווי אַן אָדלער פּראָטעקטעט זיינע בייבים, אַזוי פּראָטעקטעט די רעפּאָבליקאַן

פארטי די סיטיזענס. איהר זייט אינטיטלד צו די סעים פראָ־טעקשאָן, ווען איהר וועט אויך וואוטען אונטער'ן מזל מאזנים, אין קאָלום מיט דער וואָגשאָל".

א דריטער סירקולאר האָט אפעלירט דירעקט צום קלאסען־בעוואוסטזיין פון די מלמדים, און ער האָט אזוי געזאָגט:

„די סאָשעליסט פארטי איז אימער געגען דער פאנאטישער רעליגיאָן, בעזאָנדערס געגען דער אידישער, וועלכע איז א רעליגיאָן פון פינסטערנים. רעליגיאָן און סאָציאליזם קענען ניט געהן האנט אין האנט.

„באָט איצט איז עלעקשאָן, היינט פארוואָס זאָלט איהר, מלמדים־קלאסע פערשאכערען אייער וואוט צו די בודלער־פאר־טייען? מיר זיינען געגען לערנען מיט קינדער די אידישע תורה, באָט איהר, מלמדים, זייט א פראָדוקט פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, איהר דארפט מאכען א לעבען, און אלס טרייע יוניאָן־לייט, וועלכע זיינען פעראייניגט אין די יונייטעד היברו טיטשערס אוו גרעיטער ניו יאָרק, מוזט איהר וואוטען פאר אייער פארטיי, וועלכע פערטרעט די אינטערעסען פון אלע ארבייטער בכלל און פון די מלמדים בפרט.

„מלמדים, לאָזט זיך ניט בלאָפען פון די בודעל־פארטייען. וואוט פאר'ן עמוד האש, די האנט מיט'ן פאקעל, דער עמוד האש, וואָס איז געווען א שליח פון גאָט ברוך הוא צו וויזען די אידען דעם וועג פון מצרים קיין ארץ־ישראל, פון שקלאפעריי צו פרייהייט".

אָט אזוי האָט מען געלערנט מיט בארני'ן די סדרה פאליטיקס.

---

## „וואַטסי מערע מיט חנוכה?"

איהר מעגט הערען, ווי בארני דער מלמד האָט עקספליינט זיינע תלמידים וואָס חנוכה איז.

„מאי חנוכה? וואַטסי מערע מיט חנוכה?" האָט בארני אנגעהויבען מיט א גמרא ניגון, „ועל, באָיעס, ווייסט איהר, וואָס חנוכה איז?"

„נאָו!" האָט דער גאנצער חדר גענענטפערט.

„אַט דאָס איז אַן ענטפּער, לויפערס?„ האָט בארני אויף זיי בייז אַ קוק געטאָן, „אַזאַ ענטפער האָב איך דאָך אויך געקענט געבען, און אפילו עני איירישער לויפער האָט אויך געקענט זאָגען נאָ".

דער חדר האָט הפנים זיך ווייניג אָפּגעגעסען דאָס הארץ פון בארני'ס מוסר און האָט זיך רוהיג געקייעט די טשואינג גאָם.

„וועל, ווייסט איהר ניט?" האָט בארני נאָך אמאָל געפרעגט, „וועל, וועל איך אייך עקספּליינען, אַז אייערע אמעריקאנישע לויפערשע קעפּ זאָלען פערשטעהן... וועל. קאָם היער, אייבי.... דאָנטשו נאָ, וואָס חנוכה איז?"

„נאָו", האָט אייבי געזאָגט, „אי פאָרגאָט".

„ליסן, אייבי", האָט בארני געלאָסען געזאָגט, „האָסטו געזעהן, ווי דיין פּאָפּאַ האָט אָנגעצונדען קענדעלס?

„נאָו", האָט אייבי געענטפערט, „מיין פּאָפּאַ צינדט ניט קענדעלס. מאַמאַ צינדט עוורי פריידעי איוונינג, באַט פּאָפּאַ קומט אהיים, שרייט ער אויף איהר און זאָגט, זי זאָל סטאָפּען די נאָנסענס, ביקאָז פּאָפּאַ זאָגט, ער איז אַ סאָשעליסט ענד ער קערט ניט פאַר דער גאַנצער דזשואיש רעלידזשען, באָט פאָר קדיש און בר־מצוה".

„און דיין פּאָפּאַ, טשאַלי, צינדט קענדעלס?" האָט בארני אַ צווייטען געפרעגט.

„לעסט יעיר", האָט טשאַלי געענטפערט, „געדענק איך, גרענד־פּאַ געקומען און געצינדט קענדעלס. ער געשריען אויף פּאָפּאַ, אַז ער איז אַ גוי און טאָר ניט זיין קיין פרעזידענט אין שוהל."

„וועל", האָט בארני געזאָגט, „פאַרוואָס אָבער האָט דיין גרענדפּאַ געצונדען די קענדעלס?"

„אי דאָנ'ט נאָו", האָט טשאַלי געענטפערט, „גרענדפּאַ טוט אַ האָלאָט פאָני טהינגס. ער איז אַ סטריקט רעלידזשעס אָלד מען פון די אָלד סטאַיל. מיין פּאָפּאַ איז אַ דזשו פון די ניו סטאַיל".

„און דו, טשאַלי", האָט בארני געזאָגט, „ביסט מסתמא אַ דזשו פון די לעיטעסט סטאַיל, און דערפאַר ווייסטו ניט, פאַרוואָס מען צינדט קענדלס. באָט עסען גלייכסטו? ווייסטו אין וואָס פאַר אַ דזשואיש האָלידעי מען עסט לאַטקעס, פּען־קעיקס מיין איך?"

„באַקוועהיט־קעיקס, אָדער פּאָטייטאָ פּען־קייקס?“ האָט טשאַלי געפרעגט.

„עני פּען־קעיקס, לאַטקעס!“ האָט בארני געזאָגט שוין אביסעל מיט כעס.

„איך גלייך באַקוועהיט קעיקס“, האָט טשאַלי געזאָגט, פּער־געסענדיג זיך אָן דעם גאַנצען ענין.

„גאָ טו העל מיט דיינע באַקוועהיט קעיקס צוזאַמען!“ האָט בארני אויסגעשריען מיט כעס, „איך פרעג דאָך דיך וועגען חנוכה, און ער דערצעהלט מיר, אַז ער גלייכט באַקוועהיט קעיקס!“

„אי נאָו, רבי, וואָס חנוכה איז!“ האָט לואי זיך אָפּגערופען מיט שמחה, „חנוכה איז אַ האָלידעי, וואָס מען שפּיעלט אַ פּינאָקעל. אי רימעמבער, מאַמאַ האָט געשריען אויף פּאַפּאַ'ן, וואָס ער מאַכט אַ פּינאָקעל, האָט ער געזאָגט, אַז עס איז חנוכה און עס איז אַ מצוה צו מאַכען אַ פּינאָקעל. נאָט געהייסען, ער געזאָגט, שפּיעלען חנוכה אין קאַרדס“.

„וועל“, האָט בארני געזאָגט, שוין אביסעל בערוהיגט, „דאָט'ס ראַיט, חנוכה שפּיעלט מען אין קאַרדס, באָט דאָס איז נאָך ניט אָלעס. מאַי חנוכה? וואַטסי מערע מיט חנוכה? דאָס ווייסט איהר ניט! באָט וואָס קריסטמאַס איז ווייסט איהר, לויפערס?“

„שור!“ האָט דער גאַנצער חדר אויסגעשריען.

„אהא!“ האָט בארני אויסגעשריען מיט נצחון, „געקעטשט! איהר ווייסט, וואָס קריסטמאַס איז? ווער האָט עס אייך געזאָגט?“

„עווריבאָדי נאָוז!“ האָט סעמי געזאָגט, „קריסטמאַס איז אַ ליגעל האָלידעי, אַ נאַיס האָלידעי. פּאַפּאַ מיר געפּראָמיסט צו געבען אַ נאַיס קריסטמאַס פּרעזענט“.

בארני האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געזאָגט:

„וועל, דאָס איז די סעים. חנוכה איז די דזשואיש קריסטמעס, יו נאָ... באָט די סטאָרי איז אַ דיפערענט, און איך וועל אייך איצט דערצעהלען, פאַרוואָס מען צינדט קענדלס אום חנוכה“.

דאָ האָט בארני אַ גלעט געטאָן זיין בערדעל און פאָרטגעזעצט:

„וועל, די דזשואיש פּיפּל האָט אַמאָל געהאַט אַ בית־המקדש, אַ טעמפּעל. זיינע געקומען איירישע לויפערס און האָבען געמאַכט דעם טעמפּל ניט קלין. זיי האָבען פון טעמפּל געוואָלט מאַכען אַ טשוירטש...“

„אָ, דזשי!" האָט טשאַלי אויסגעשריען, „גאָד דעם איירישׁ לאָופּערס! איך זיי געבען אַ גוד ליקינג!

באַרני האָט צופּריעדען אַ קלאַפּ געטאָן טשאַלי'ן איבער'ן פּלייצע.

„גוד באַי, גוד באַי, טשאַלי!" האָט ער געזאָגט, „באַט זיי ניט עקסאַיטעט. יענע איירישע לוּיפּערס זיינען שוין לאַנג ניטאָ, מען האָט זיי דאַן געגעבען אַ גוד ליקינג, און איצט מאַכען מיר דערפאַר פון זייערע טשווירטשעס שוהלען, יו נאָ.... זאָלען זיי וויסען, ווי צו טאָטשען אידען! באַט ליסן די סטאָרי.... אַלזאָ, האָבען די איירישע לוּיפּערס מיט זייער ליעדער מעק'אַנטיוכוס געמאַכט פון טעמפּל אַ טשוירטש. אַ רעגעלען פּאַגראָם געמאַכט. די אידען האָבען אָבער געהאַט מיט זיי אַ פּאַיט און געמאַכט זיי צו מופּען פון טעמפּל. דאַן האָבען די אידען גענומען קלינען דעם טעמפּל און זיי האָבען געוואָלט אָנצינדען דעם נר תּמיד, די סטעדי קענדל, וואָס האָט געברענט אין טעמפּל, האָבען זיי געזוכט אויל, און זיי האָבען געפונען אַ קליינעם פּיטשעריל מיט אביסעל אויל, וואָס האָט גע־קענט ברענען נאָר איין נאַכט. וואָס טוט גאָט? האָט די ביסעל אויל געברענט גאַנצע אַכט טעג. און דערפאַר ברענען מיר אַכט טעג חנוכה־קענדעלס. יו סי? אָט דאָס איז, לוּיפּערס, דער נס פון חנוכה, יו נאָ... ראַקעפעלער מיט זיין אויל־טראָסט, דאַרפט איהר וויסען, איז נאָך דעמאָלט ניט געווען. איצט, ווייסט איהר שוין, לוּיפּערס, פאַרוואָס חנוכה איז אַ האָלידעי? אַ־נו, זאָג דו דזשייקי!"

דזשייקי האָט איבערגעקעהרט די טשואינג־גאָם אין זיין מויל פון איין באַק אויף דער צווייטער, און ער האָט זיך אָפּגערופען:

„ביקאָס די דזשוס האָבען געהאַט אַ ביג פאַיט מיט די איריש, און די איריש האָבען אונטערגעצונדען די דזשואיש טשוירטש מיט אויל און די טשוירטש האָט געברענט אַכט טעג".

„ביזט אַ פויערשע קאָפּ!" האָט באַרני אויסגעשריען, און ער האָט געטרייעט צו פרעגען ביי אַ צווייטען. אָבער דער צווייטער האָט אויך ניט צופּרידען געשטעלט באַרני'ן מיט זיין ענטפער. דאָסזעלבע איז געווען מיט'ן דריטען, מיט'ן פערטען, מיט'ן פינפ־טען א. אז. וו.; פּיעלע, האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָבען גאָרניט

געהערט די גאַנצע געשיכטע, וואָרים זיי האָבען בעת מעשה גע־
שפּיעלט אין „דאַים" הינטער באַרני'ס פּלייצע.

---

# אַ קידנעפּינג בלבול

ווענינ איז נאָך אונזער באַרני'ן זיין היברו סקול, האָט ער נאָך, דאַרפט איהר וויסען, אויך פּריוועט לעסאָנס אויף זיין קאָפּ, וואָרום, ערשטענס, דאַרף מען דאָך זעהן וואָס מעהר לויפערס צו מאַכען פאַר אידען (אַזוי פערזיכערט אייך באַרני אַליין), און צווייטענס, קען ער פון דער היברו סקול אַליין ניט מאַכען קיין לעבען.

און דאַרום, ווי ער ווערט נאָר פּאַרטיג מיט דער סקול, אַזוי לאָזט ער זיך אַוועק מיט זיין טייטעל איבער די טענעמענט־הייזער, צו פערשפּרייטען דאָס יודענטום צווישען די אמעריקאַנער לייפערס.

באַרני איז מיט די פּריוועט לעסאָנס ניט שטאַרק צופרידען, כאָטש ער קריגט ביי אַן אַנדער מיסעס אַ טריט אַ גלעזעל טיי.

אויף די פּריוועט לעסאָנס מוז באַרני קומען אָהן דעם קאַנטשיק און זיין אַ נכנע צו דער מיסעס און איהר בן'אָקעל, וועלכען ער האָט זיך אונטערגענומען צו מגדל זיין למפטיר, לבר־מצוה־ספּיטש ולקדיש אויף 120 יאָהר אַרום. אַנשטאָט דעם קאַנטשיק מוז באַרני געברויכען גוטע ריידעלעך און בעטען זיך ביי דעם לויפער, ער זאָל איהם טאָן אַ טובה און לערנען.

פרעגט שוין ניט: ער האָט שוין גענוג צרות. און דאָ לסוף האָט ער געהאַט גאָר אַ פיינעם טראָבעל אויף אַ פּריוועט לעסאָן, און ער איז שיער אַ לעבעדיגער אַרויס מיט די ביינער.

די געשיכטע איז אַזוי געוועזן:

ער קומט צוגעהן אויף אַ פּריוועט לעסאָן, און דער תכשיט, ווי געוועהנליך, איז ניטאָ אין דער היים.

„וואו איז דזשייקי?" פרעגט באַרני ביי דער מיסעס.

„וואו זאָל זיין דזשייקי?" ענטפערט די מיסעס, „אין סטריט מסתמא!"

און באַרני טוט ווי אימער, און געהט צוריק אַראָפּ פון טאָפּ פלאָר, צו זוכען אין סטריט דזשייקי'ן. דזשייקי אַהין, דזשייקי אַהער — ניטאָ דזשייקי! און באַרני לויפט אַרום אַ פּאָר בלאָקס

זוכען דעם תכשיט. א דאנק גאָט: דזשייקי איז דאָ! ער האָט געשפּיעלט מיט נאָך אינגלעך אין באָל.

זאָגט בארני:

„קום, דזשייקי, אפּסטערז לערנען!"

וויל ניט דזשייקי מסתמא.

נעהמט זיך ביי איהם בארני בעטען רחמים ותחנונים:

„פּליעז, דזשייקעלע! קום אפּסטערז לערנען! איך וועל מיט דיר ניט לערנען קיין האָלאָט!"

אָבער דזשייקי וויל אין גאנצען ניט לערנען, און ער שפּיעלט ווייטער.

געהט צו בארני נעהנטער צום תכשיט, און נעהמט איהם שלעפּען פאר'ן ארבעל. אָבער דזשייקי הייסט איהם מופען ווייטער, אויב ער וויל קיין „בלעק אי" ניט קריגען. און די קינדער שרייען נאָך אונטער:

„טעט הים, דזשייק!"

נעהמט זיך בארני צום לעצטען מיטעל, וואָס ער ווענדעט אָן אימער ביי אזוינע פאלען, און ער נעהמט ארויס א פּעני און ווייזט עס דזשייקי'ן.

„זעהסט, דזשייקי? א פּעני! נא דיר א פּעני אויף קענדי, און קום לערנען!"

און אין הארצען טראכט בארני בעת מעשה:

„ווען דו, לויפער, ביסט ביי מיר אין היברו סקול, וואָלט איך דיר שוין געגעבען פּענים! מיט'ן קאנטשיק וואָלט איך דיר געגעבען!"

דערזעהענדיג א פּעני, ווערט שוין דזשייקי ווייכער און ער לאָזט זיך איבעררעדען. בארני, נאטירליך, לאָזט נאָך דערווייל די פּעני ניט פון האנט, משום מעשה שהיה, ווייל ער האָט איין מאָל, טאקי דעם זעלבען דזשייקי'ן געגעבען א פּעני, איידער ער איז מיט איהם ארויף אפּסטערז, און דזשייקי האָט צוגענומען די פּעני — ואיננו, און דער יאָט איז ניט געוואָרען. פון דאן אָן גיט שוין בארני די פּעני, בעת דער תכשיט זיצט שוין מיט איהם ביים טיש.

אלזאָ, בארני האָט שוין געהאלטען ביי סעטלען מיט דזשייקי'ן, האָבען אָבער די איבעריגע אינגלעך, מיט וועלכע דזשייקי האָט געשפּיעלט, געמאכט פּלוצלינג א געשריי:

„פּאָלים! קידנעפּער!"

און באַלד איז שוואַרץ געוואָרען די גאַס פון מענשען, און די אינגלעך האָבען גענומען דערצעהלען, ווי דער איד (דאָס הייסט באַרני) האָט געגעבען דזשייקי'ן אַ פּעני און ער וויל איהם קידנעפּען. דזשייקי האָט זיך געלאָזט לויפען, און באַרני נאָך איהם, און נאָך זיי דער גאַנצער עולם מיט קולות:

„פּאָלים! קידנעפּער! לינטשט איהם!"

באַרני וואָלט געקראָגען קלעפּ פון דעם ווילד'ען אויפגערעגטען עולם, וויפיעל עס וואָלט אין איהם נאָר אריין. אָבער דאָ איז, ווי אימער, דער פּאָליסמאַן מיט'ן קלאָב געקומען, ווי אַ מלאך מושיע, און האָט גערעטעט באַרני'ן פון די הענט פון זיינע פערפאָלגער, אום צו פיהרען איהם אין סטיישאַן־הויז.

באַרני, פיהלענדיג שוין זיכער ביים פּאָליסמאַן אין די הענט, פּרובירט זיך בעטען:

„פּליעז, מיסטער פּאָליסמאַן! איך אַ פּור דזשו! אַ היברו טיטשער! איך עקספּליין יו..."

און ער האָט גענומען אויף זיין געבראָכענעם ענגליש דערצעהלען דעם פּאָליסמאַן, וואָס די געשיכטע איז. דערזעהענדיג דזשייקי'ן ביי דער זייט, האָט איהם באַרני גענומען בעטען:

„פּליעז, דזשייקעלע, עקספּליין דעם מיסטער פּאָליסמאַן!"

דזשייקי האָט אויסגעשטשירעט זיינע ציינער און זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

„איט'ס ע פאַני סטאָרי! האָט דזשייקי געזאָגט.

דאָ איז דערוויילע אַ באַי אַרויפגעלאָפען צו דזשייקי'ס מאַמע מיט קולות:

„מיסעס האָפּקע! אייער דזשייקי'ן האָט מען געוואָלט קידנעפּען!"

און מרס. האָפּקע איז אַרונטערגעלאָפען ניט טויט ניט לעבעדיג ראַטעווען איהר דזשייקי'ן.

„לאָזט מיך!" האָט זי געשריען, „מיין דזשייקעלע געקידנעפּט! וואו איז ער?"

„אָט איז ער דאָרטען דער קידנעפּער!" האָט מען איהר פון עולם נאָכגעשריען. „אָט דאָרטען האַלט איהם דער פּאָליסמאַן!"

„לאָזט מיך צו איהם, צום באַנדיט!" האָט מרס. האָפּקע גע־

שריען. „איך וועל איהם לינטשען, די אויגען ארויסנעהמען וועל איך איהם!“

זי האָט דערויאָגט דעם פּאָליסמאַן, און האָט דערלאַנגט דעם פּריזאָנער, ד. ה. בארני'ן פון הינטען מיט'ן קולאַק איבער'ן קאָפּ. דער פּאָליסמאַן און בארני האָבען זיך אומגעקעהרט זעהן פון וואַנען דער קלאַפּ קומט עס.

„דאָס זייט איהר נאַר, מיסטער בארני?“ האָט מרס. האָפּקע ערשטוינט געפרעגט.

„שור, איך!“ האָט בארני מיט פרייד געענטפערט, ניט ווי־סענדיג, אז ער האָט דעם קלאַפּ פון איהר געקראָגען. „איהר זעהט דאָך, וואָס פאַר א טראָבעל איך האָב. דער פּאָליסמאַן האָט מיר אַקאָרשט געגעבען איבער'ן קאָפּ אויך. העלפּט מיר! זיי זאָגען, אז איך האָב געקידנעפּט דזשייקי'ן!“

מרס. האָפּקע האָט דאן געגעבען דעם פּאָליסמאַן צו פערשטעהן, וואָס דאָס איז, און דזשייקי האָט עס אויך בעשטעטיגט, און בארני איז בעפרייט געוואָרען.

---

## געכאַפּט מיט די „גודס“

איהר ווייסט דאָך, אז אונזער בארני דער מלמד איז חלילה ניט קיין גנב און ניט קיין שמוגלער. ער איז א איד, קאָטאָרי וועל־כער מאַכט א לעבען אין אמעריקא פון דעם ביסעל אידישקייט, וואָס איז אונז פערבליבען פון אונזער אמאָליגער גאַנצער גדולה. ער האָרעוועט, נעביך, שווער און ביטער אויף זיין פּעני, פּונקט ווי דער אפּרייטער אָדער דער פּושקאַרט פּעדלער און האָט גענוג צרות פון די לויפערס, טאַטעס און מאַמעס, קרובים און אנדערע גוטע און פרומע לייט.

אָבער קיין גנב איז ער ניט? קיין שמוגלער אויך ניט? דאָך האָט מען איהם געכאַפּט מיט די „גודס“. הערט אויף משיקאַוועס א געשיכטע:

געטראָפען האָט עס אויף איינעם פון די פּריוועט היברו לעסאָנס, וואָס בארני גיט נאָך זיין שווערער ארבייט מיט'ן קאַנטשיק און טייטעל אין זיין היברו סקול.

דעם לעסאָן האָט באַרני געגעבען מרס. פּיפּטשיק'ס בן'אָק סעמקע בשתיקה פון מר. פּיפּטשיק, וועלכער איז אַ פערברענטער אַנאַרכיסטישער ריעל־עסטייטניק, און ער וואָלט איבערגעקעהרט גאַנץ ניו יאָרק מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, ווען ער וואָלט חלילה געוואוסט, אַז זיין סעמקע'ס קאָפּ ווערט אָנגעשטאָפּט מיט פינסטערקייט, ווי ער רופט אָן די אידישקייט.

מרס. פּיפּטשיק איז חלילה ניט קיין אידענע פון אַלטען דור. אדרבא, זי האַלט זיך פאַר אַ העכסט פּראָגרעסיווע ווייבעל, און זי איז זעהר און זעהר דאַנקבאַר דעם פּראָגרעס, וועלכער האָט זי צוזאַמענגעפיהרט מיידעלוויז מיט מר. פּיפּטשיק אויף אַ פּראָגרע־סיווער עקסקוירשאָן שיף און געשמידט זיי מיט די קייטען פון ליעבע. אָבער פּראָגרעס אהין, פּראָגרעס אהער — דאָס פּינטעלע איד לאָזט מרס. פּיפּטשיק ניט צו רוה, און זי כאַפּט אריין צו ביסלעך אידישקייט, ווען דער מאַן זעהט ניט: שלאָגט כפּרות, בענטשט אתרוג, פאַסט יום כפּור א. ד. גל.; זי עסט אפילו פּסח מצה אויך. איי, וואָס זאָגט מר. פּיפּטשיק אויף דעם? זאָגט אָבער מרס. פּיפּטשיק, אַז זי גלייכט זעהר מצה, אַז פון איהרטוועגען וואָלט אַ גאַנץ יאָהר קיין ברויט ניט געמעגט זיין אויף דער וועלט. און וויבאַלד, אַז זי עסט ניט קיין מצה פון גאָט'ס וועגען, אַרט עס ניט זעהר שטאַרק מר. פּיפּטשיק.

הכלל, מרס. פּיפּטשיק זוכט אריינצושמוגלען אידישקייט אין איהר הויז אויף ווי ווייט זי קען, און זוכט אויך פון איהר סעמקען צו מאַכען אַ שטיקעל איד, און באַרני קנעלט מיט איהם אויף וואָס די וועלט שטעהט.

נאַטירליך, קומט באַרני צו געהן מיט זיין טייטעל יעדען טאָג צו מרס. פּיפּטשיק, בעת מר. פּיפּטשיק איז אין דער היים ניטאָ.

ביז אהער איז אַלעס געגאַנגען כשורה. פאַר יעדען לעסאָן האָט סעמקע געקראָגען פון זיין מאַמען אַ פעני, אום ער זאָל ניט אויס־זאָגען זיין טאַטען, אַז אַ היברו טיטשער גיט איהם לעסאָנס. און מר. פּיפּטשיק האָט טאַקי ניט געוואוסט, ביז ער איז איינמאָל אָנגעקומען פּלוצלונג און האָט געטראָפען באַרני'ן ביי דער ארבייט. הימעל עפען זיך!

„וואָס איז דאָס?“ האָט מר. פּיפּטשיק אַ געשריי געטאָן, און

האָט גענומען וואַרפען פרעגענדע אויגען דאָס אויף זיין ווייב, דאָס אויף באַרני׳ן און דאָס אויף סעמקע׳ן.

קיינער פון זיי האָט קיין מויל ניט געקענט עפענען.

„גאָר פינסטערנים פערשפּרייטען ביי מיר אין הויז!“ האָט מר. פּיפּטשיק געטופּעט מיט די פיס.

ענדליך האָט באַרני געקראָגען מוט און האָט גענומען ריידען:

„איהר דאַרפט ניט שרייען, מר. פּיפּטשיק! אַזוי פיעל הונ־דערטער זאָל איך האָבען, וויפיעל אַנאַרכיסטישע און צאַצעליסטישע קינדער עס לערנען ביי מיר!“

„שאַראַפּ, פינסטערלינג!“ האָט מר. פּיפּטשיק אַ געשריי גע־טאָן אויף באַרני׳ן, „אייך קען איך ניט, און מיט אייך האָב איך קיין ביזנעס ניט!“

און דאָ האָט זיך מר. פּיפּטשיק געווענדעט צו זיין ווייב:

„אַזוי היטסטו דאָס די שבועה, וואָס דו האָסט מיר געגעבען פאַר דער חתונה, צו אַרבייטעןביידע צוזאַמען פאַר׳ן פּראָגרעס און פאַר׳ן פרייען געדאַנק? ווי אַזוי האָסטו דאָס געקענט וואַגען צו דינגען אַ מלמד, אַנצושטאָפּען אונזער סעמקעס מוח מיט פינסטער־נים און מיט אַבערגלויבען? וואָס שווייגסטו, פעררעטהעריִן?“

„פאַרוואָס שיקט מר. צימערינג זיין בּאָי אין חדר?“ האָט מרס. פּיפּטשיק גע׳טענה׳ט, „ער איז אַזאַ טרייער אַנאַרכיסט ווי דו!“

„און איך וויל ניט!“ האָט מר. פּיפּטשיק אַ געשריי געטאָן. „נידער מיט די מלמדים! נידער מיט דער רעליגיאָן!“

באַרני האָט גענומען זיין סידור אונטער׳ן פּאַכווע און האָט אריינגעלייגט דאָס טייטעל אין קעשענע.

„אַלזאָ, איז ווי בלייבט מיט מיר?“ האָט ער געפרעגט, „זאָל איך שוין מעהר ניט קומען?“

„ניין! איך וויל קיין פינסטערנים ניט אין מיין הויז! איך וויל ניט, אַז מיין סעמקע זאָל וויסען פון פינסטערנים!“ האָט מר. פּיפּטשיק געשריען.

סעמקע האָט דערזעהן, אַז ער וועט פערלירען יעדען טאָג די פּעני, וואָס זיין מאַמע גיט איהם פאַר׳ן לערנען, האָט ער זיך גענומען בעטען ביי זיין פאָטער:

„דאָנ׳ט, פּאַפּאַ! אַי וואָנט די רבי!“

„נו, זעהסט?“ האָט מר. פּיפּטשיק געזאָגט צו זיין ווייב,

„איהר האָט דאָך שוין פערקריפּעלט דאָס קינד, אז דאָס וויל פון דער בלאָטע ניט ארויס! ניין, סעמקע! גענוג! וועסט שוין מעהר ניט לערנען!"

„באָט דו מיר געבען די פּעני, פּאַפּאַ?" האָט סעמקע געפרעגט.

„וואָס פאַר א פּעני?" האָט מר. פּיפּטשיק געפרעגט.

סעמקע האָט איהם באַלד געגעבען צו פערשטעהן, וואָס פאַר א פּעני דאָס איז, און מר. פּיפּטשיק האָט איהם צוגעזאָגט צו געבען יעדען טאָג א פּעני פאַר ניט לערנען.

סעמקע איז געווען העכסט צופרידען מיט'ן בייט, און בארני האָט שוין געהאַט מיט איין פּריוועט לעסאָן ווייניגער.

---

# א סטאַטיסטיקער בעזוכט איהם

בארני דער מלמד האָט געהאַט ביי זיך אין חדר א גאַסט — א סטאַטיסטיקער.

דאָס איז געווען א דזשענטלמען, ערשט פון דעם באַרבער'ס טשער, אין ברילען. אריינקומענדיג אין דער שוהל, וואו בארני'ס חדר געפינט זיך, האָט ער זיך העפליך פערנייגט, זיך אוועקגעזעצט, האָט ארויסגענומען א פּאָונטעין־פּען מיט א בויגען פּאַפּיער, און האָט זיך רעקאָמענדירט בזה הלשון:

„איך בין פון דער „סאָסייעטי צו פּראָמאָוטען די דזשואיש עדיוקיישאָן".

בארני האָט אויף איהם א קוק געטאָן פערדעכטיגט.

„וואָס איז דאָס פאַר א סאָסייעטי?" האָט ער געפרעגט דעם אורח.

„מיר ווילען אויסבעסערען די דזשואיש עדיוקיישאָן", האָט דער דזשענטעלמען געענטפערט.

„וואָס הייסט, איהר ווילט אויסבעסערען? ווער בעט עס אייך?" האָט בארני געפרעגט.

„וועל", האָט דער דזשענטעלמען געענטפערט מיט א שמייכעל, „מיר פיהלען עס, אלס אונזער פליכט, צו טאָן עפּעס פאַר דער קאָמינג דזשענערייישאָן. דאָ הערשט אַן אנארכיע אין דער דזשואיש

עדיוקיישאַן, און אונזער סאָסייעטי וויל עס אַלעס אינוועסטיגייטען און מאַכען אַ טאָלק."

באַרני האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען.

„עפּעס אַ מאָדנע סאָסייעטי!" האָט ער זיך אָפּגערופען, „גיט איהר בענעפיט אויך?"

„ניין, אונזער סאָסייעטי איז ניט פאַר בענעפיט."

„טו וואָס פאַר אַ יוז האָט מען פון אַזאַ סאָסייעטי? נאָ סער, איך ווער ניט קיין מעמבער ביי אייך! ווייס איך וואָס: גלאַט ספּענדען געלד!"

„איך בין ניט געקומען בעטען אייך פאַר אַ מעמבער..."

„איז וואָס זשע ווילט איהר פון מיר?"

„מיר זאַמלען סטאַטיסטיק איבער אידישע ערציהונג."

„וואָס איז דאָס?"

„סטאַטיסטיק, ציפערן..."

„געלד מיינט איהר? דאָניישאָנס? פאַר אַ תלמוד תורה?"

„ניין. אינפאָרמיישאַן."

„איך בין דאָך עפּעס דאַנקען גאָט ניט קיין גרינער, און איך קען קיין איין וואָרט ניט פערשטעהן."

„מיר מאַכען אַן אינוועסטיגיישאַן פון אַלע חדרים, היברו סקולס, תלמוד תורות, זיינען מיר געקומען צו אייך אויך."

„הייסט עס, אַז איהר זייט אַ דעטעקטיוו?" האָט שוין באַרני אביסעל דערשראָקען געפרעגט.

„ניין, איהר וועט שוין זעהן. איך וועל אייך שטעלען פראַגען, און איהר וועט זיין אַזוי גוט מיר ענטפערען, און איך וועל דאָ פערשרייבען אַלעס, וואָס איהר וועט מיר ענטפערען."

באַרני האָט אויף איהם נאָך פערדעכטיגער אַ קוק געטאָן, און אַ שאָקעל טוענדיג מיט'ן קאָפּ האָט ער זיך אָפּגערופען:

„נאָ סערי! באַרני'ן קענט איהר ניט אריינשלעפען אין טראַבעל! דאָס איז עפּעס ניט קיין גלאַטע ביזנעס. איך זעה! באַרני איז ניט קיין גרינער. ער ווייס שוין אַלע קאָלומבוס'עס טריקס. איך זעה דאָך, אַז איהר זייט אַ דעטעקטיוו, און איהר ווילט מיך אין טראָבעל אריינשלעפען. נאָ סערי! באַרני לאָזט זיך ניט! איך שווייג!"

„איהר פערשטעהט מיך ניט. איך בין ניט קיין דעטעקטיוו.

אונזער סאָסייעטי וויל ברענגען אָרדער אין די דזשואיש עדיוקיישאָן, אין די חדרים, אין די תלמוד תורות, און זעהן, אַז די טיטשערס זאָלען וויסען זייער פּראָפּעסיאָן.“

„ווילט איהר, הייסט עס, אַז די מלמדים זאָלען געהן צו אייך אין חדר! א שעהנע מעשה, כלעבען! יאיצא קורי אוטשאַט, ווי דער פּויער זאָגט ביי אונז. איהר פערשטעהט עס, וואָס דאָס מיינט? די עיגס ווילען טיטשען די טשיקענס. מילא, אַז איהר ווילט, שטעלט די פראַגען. בארני וועט עניווע צו אייך אין חדר ניט געהן.“

דער דזשענטעלמען האָט זיך גענומען צו די פראַגען:

אייער נאָמען?“

„מיין נאָמען? בארני דער היברו טיטשער פון גרייטער ניו יאָרק, אונטערריכטעט פון אלף בית ביז בר־מצוה. ניט אויך פּרייוועט לעסאָנס צו מעסיגע פּרייזען.“

„וואַרט, וואַרט! כאַפּט ניט! דאָס וועל איך בעזונדער פרעגען.“

„וואָס איז אייער ספּעשעלטי?“

„מיין ספּעשעלטי? קדיש, בר־מצוה־ספּיטשעס און מפטיר.“

„איך מיין: וואָס לערנט איהר? פליינע עברי, חומש, דקדוק, היברו גרעמער, איי מין...“

„איך לערען אלעס, ביי וואָס איך קען נאָר מאכען א פּאָר סענט. איך האָב א ווייב מיט קינדער און איך מוז מאכען א לעבען. עניטינג, וואָס מען דאַרף נאָר, לערען איך. אויב איהר ווילט, קען איך אייך ציינען א סעמפעל, ווי איך לערען.“

„נאָו, איך וויל אייך ניט עקזאַמענירען! איך וויל נאָר אינ־פאָרמיישאָן, אַלזאָ, איהר לערענט אַלעס?“

„אלעס, וואָס א איד דאַרף וויסען, פון אלף־בית ביז בר־מצוה, און קדיש אויך.“

„וויפיעל תלמידים האָט איהר?“

„תלמידים? דער רוח זאָל זיי וויסען! וואַרט, איך וועל אייך באלד זאָגען: דזשייקי — ניט איינס; אייבי — ניט צוויי; לואי — ניט דריי... איד וויים? שרייבט צוויי דאָזענס.“

„וויפיעל שטונדען לערענט איהר?“

„שטונדען? ווער לערענט דאָס אויף דער שטונדע? איך קוק ניט אויפ׳ן זייגער.“

„וואָס איז דער פּרייז פאַר אַ תּלמיד?"

„ביי מיר איז ניטאָ קיין וואָן פּרייז. אַלעס איז צו מעסיגע פּרייזען, און איך בעריים חלילה קיינעם ניט. איהר קענט פרעגען עני קאַסטאַמער מיינעם."

„וויפיעל מאכט איהר אַ וואָך?"

„איך וויים? ביי 15 דאָלאַר אַ וואָך, דענק איך, אַלעס צוזאַמען, דאָס הייסט שוין מיט אַ יאָהרצייט, אז עס מאַכט זיך."

„דער יאָהרצייט האָט צו מיר ניט. איך מיין נאָר, פון אייערע מלמדות אַליין."

„אָבער פון די מלמדות אַליין קען מען קיין לעבען ניט מאַכען, מען מוז כאַפּען אַ זייטיגען קוואָדער".

„מיט וואָס פאַר אַ מעטאָדע לערנט איהר?"

„וואָס מיינט איהר מעטאָדע?"

„איך מיין: עברית בזשארגאָן, עברית בעברית אָדער עברית באנגלית?"

„איהר מיינט, ווי טייטש איך? טו פרעגט זשע אַזוי! אַלזאָ, איך לערן אויפ'ן אַמעריקאַנער סטייל".

„איהר איבערזעצט אין ענגליש, הייסט עס?"

„עס איז ניט דזשאַסט ענגליש, באַט ע ליטל ביט ענגליש, מיקסד. איך וועל אייך צייגען אַ סעמפּעל: הוליכי את הילד הזה, נעהם די בייבי, והיניקהו לי, און סאַק מיר איהם אָן, ואני אתן את שׂכרך, און איך וועל דיר געבען די ווייגדזשעס. וועל, האַדו יו לייק איט? איהר קענט אַנדערש ניט. די לויפערס פערשטעהען ניט. די עברית בעברית איז גאָר ארויסגעוואָרפען פאַר זיי. איך האָב איינמאָל געטרייעט מיט איינעם. אַ קאַסטימער האָט מיך געבעטען, איך זאָל מיט זיין לויפער לערנען עברית בעברית: „אשה אַ אשה", זאָג איך צו איהם, צום לויפער מיין איך: „ליסן, דזשייק! דו זעהסט אָט דעם טייבל? זה שלחן. וועסט געדענקען זה שלחן". זאָגט ער איבער: „זה שלחן". פרעג איך איהם דערנאָך: „מה זה?" קוקט ער מיר אָן און וויים ניט, וואָס צו ענטפערען. ער האָט גאָר ניט פערשטאַנען, וואָס איך פרעג איהם. ווייז איך איהם אָן גוט מיט'ן פינגער אויפ'ן טיש, און פרעג איהם: „איך פרעג דאָך דיך, פויערשער קאָפּ, מה זה?" ענטפערט ער: אַ טייבעל!" זאָג איך איהם: „נאָ, דזשייק! זה שלחן!" זאָגט ער: „זה שלחן!" פרעג

איך איהם איבער: „מה זה?" ענטפערט ער: „זה שלחן." איז דאך גוט, הא? וויל איך איהם טרייען אויף פליין מאמע־לשון און פרעג איהם: „דזשייקי, ווי איז א טייבעל אין היברו?" ענטפערט ער: „זה שלחן!" זאג איך איהם: „שלחן אליין איז א טייבעל, און זה מיינט דאס". האט ער צו מיר טענות, אז איך האב איהם געזאגט, אז „זה שלחן" איז א טייבעל. פרעג איך אייך: איז ניט בעסער פליינע אידיש? האט איהר עפעס נאך וואס צו פרעגען?"

„נאו, דהאט'ס אל! גוד באי!"

„נו, און וועגען מיין טייטעל און וועגען מיין קאנטשיק אינ־טערעסירט אייך גאר ניט צו וויסען?"

„נאו!"

„א שעהנע סאסייעטי! און ווי וועט איהר דאס אויסבעסערען די עדיוקיישאן אהן א קאנטשיק? איך וואלט וועלען זעהן, ווי איהר וועט אויסקומען מיט א דאזען לויפערס אהן א קאנטשיק? נא סערי! א קאנטשיק מוז מען האבען!"

---

# א „ספליט" אין דער סאסייעטי „אנשי קובעבע ולאקריץ"

וויסט איהר כאטש, אז בארני דער מלמד איז א מעמבער פון דער סאסייעטי „אנשי קובעבע ולאקריץ"? אלזא, אויב איהר וויסט ניט, זאלט איהר עס וויסען, און אגב זאלט איהר אויך וויסען, אז קובעבע און לאקריץ זיינען שוין ניט קיין פאר קליידער. עס איז געקומען צו א ספליט איבער א מחלוקת, וואס האט געדויערט א שעהנע פאר מאנאטען. עס האט זיך געטאן אויף טיש און אויף בענק, אויף טייבעלס און אויף בענטשעס, ווי בארני וואלט פער־טיטשט, און עס האט שוין געהאלטען ביי פעטש אויך.

און אלץ צוליעב בארני'ן.

בארני איז, אמת, ניט קיין קובעבער לאנדסמאן און אויך ניט קיין לאקריצער לאנדסמאן. ער איז גאר א געבארענער א פיפקע־וויטשער און א נכתב איז ער א טראלאלאיעווקער און ער בעלאנגט טאקע דערפאר אי צו דער פיפקעוויטשער סאסייעטי אי צו דער

טראַלאַלאַיעווקער סאָסייעטי, אויסער וואָס ער איז נאָך אַ מעמבער אויך פון אַ גאַליציאַנער פעראיין, כאָטש ער האָט קיינמאָל גאַליציען אין די אויגען ניט געזעהן, נאָר ער טענה׳ט, אַז ער איז יאָ אַ שטי־קעל גאַליציאַנער, ווייל ער האָט געוואוינט אַ יאָהר צייט אין גאַליציאַנער קווארטאַל און ביי איהם האָט געלערענט אַמאָל אַ אינגעל פון אַ טאַטען אַ גאַליציאַנער און פון אַ מאַמען אַ ליט־וועטשקע. אויסער דעם בעלאַנגט ער נאָך צו צוויי לאָדזשען. אויף וואָס ער דאַרף האָבען אַזוי פיעל סאָסייעטים? ער דאַרף קאָסטי־מער, אָדער פּאַטראָנייזער, ווי מען רופט עס אין די סאָסייעטים.

ווי זשע קומט ער צו די „אנשי קובעבע ולאַקריץ״? נאָר מיט קובעבע איז ער אַ שטיקעל מחותן, ווייל זיין ווייב׳ס אַ שוועסטער האָט חתונה געהאַט אין קובעבע. און אין לאַקריץ, זאָגט ער, האָט מען איהם אַמאָל דורכגעפיהרט מיט׳ן עטאַפּ, בעת מען האָט איהם אין קראָפּנישאָק געכאַפּט אָהן אַ פּאַספּאָרט. אגב־אורחא: ער בע־לאַנגט דאָ אויך צו די קראָפּנישקער.

אַ גאַנצע צייט האָט באַרני געלעבט בשלום מיט די „אנשי קובעבע ולאַקריץ״, און ער איז ביי זיי געווען דער סאָסייעטי מלמד, אַזוי צו זאָגען, און יעדער מעמבער האָט געוואוסט, אַז מען דאַרף געבען באַרני׳ן אַ „שאָו״, אַזוי ווי מען גיט דעם סאָסייעטי באַרבער און אַנדערע לאַנדסלייט אַ „שאָו״.

ויהי היום, איז אָנגעקומען אַ גרינער לאַקריצער לאַנדסמאַן, אויך אַ מלמד, און ער האָט געקראָגען אַ צד ביי די „אנשי קובעבע ולאַקריץ״. אַזוי ווי יענער מלמד (טשאַרלי הייסט ער) איז אַן אמת׳ער לאַקריצער לאַנדסמאַן, טאַקי אַ געבאָרענער אַ לאַקריצער, זיינען די לאַקריצער פאַר איהם געוואָרען זעהר בעגייסטערט, און זיי האָבען בעשלאָסען, אַז טשאַרלי, דער אמת׳ער לאַקריצער לאַנדס־מאַן, איז מעהר ראוי צו אַ „שאָו״ איידער באַרני, דער געבלאָפטער לאַקריצער לאַנדסמאַן.

און די לאַקריצער האָבען שוין זיך גענומען צו דער ארבייט, צו מאַכען אַ קנעלונג פאַר זייער לאַנדסמאַן טשאַרלי. באַרני, נאַטיר־ליך, האָט ניט געשוויגען, און ער האָט געמאַכט אַ געוואַלד אויפ׳ן מיטינג. די קובעבער האָבען געהאַלטען מיט איהם, ווייל באַרני, וועמעס ווייב׳ס שוועסטער האָט חתונה געהאַט אין קובעבע, איז זיי מעהר לאַנדסמאַן, איידער דער לאַקריצער טשאַרלי.

הכלל, די בארני־טשארלי־פראגע איז געווארען די ברענעדיג־סטע טאגעספראגע, און די סאסייעטי האט זיך צושפאלטען אויף „בארני׳איסטען" און „טשארלי׳איסטען".

„ביי די „בארניאיסטען" איז עס אזוי ניט געגאנגען אום בארני׳ן, ווי אום זייער כבוד, און זיי האבען בעשלאסען ניט צו לאזען זיך בעזיעגען פון די „טשארליאיסטען", מעג עס אפילו קומען צו קאורט.

„אן אינדזשאקשאן לאמיר ארויסנעהמען געגען די לאקריצער, וועלכער זאל זיי פערוועהרען צו פאטראנייזען אן אנדער מלמד, אויסער בארני׳ן" האבען געשריען די קובעבער.

„און מיר וועלען ארויסנעהמען אן אינדזשאנקשאן געגען די קובעבער, וואס זאל זיי פערוועהרען צו פאטראנייזען אן אנדער מלמד, אויסער טשארלי׳ן!" האבען געשריען צוריק די לאקריצער. „מיר זיינען אין קאורט אזעלכע יחסנים, ווי די קובעבער!"

און אזוי האט מען דעבאטירט און געקריעגט זיך אויף די מי־טינגען, און מען האט אלץ צו קיין טאלק ניט געקענט קומען. איין מאל האט, אמת, שוין געהאלטען שיער ביי א פשרה, נעמליך, אז בארני און טשארלי זאלען ווערען פארטנערס. אזא פשרה האט מען איין מאל געמאכט מיט צוויי בארבערס פון דער סאסייעטי, וועלכע האבען זיך אויך ניט געקענט צוטיילען מיט׳ן פאטראנידזש פון דער סאסייעטי. בארני אבער האט ניט געוואלט הערען פון אזא פשרה.

„מאכען פארטנער מיט א גרינהארן!" האט ער געשריען, „נא סערי! איך טייטש אויף׳ן אמעריקאנער סטייל, און ער ווייס אפילו ניט, וואס א „טייבעל" און א „טשער" איז! נא סערי! ער וועט מיר נאך ספאילען מיינע ביזנעס!"

די „בארני׳איסטען" האבען געגעבען גערעכט בארני׳ן, און די מלחמה האט זיך נאך מעהר צופלאקערט, ביז איינער א לאקרי־צער האט אויף א מיטינג גענומען דאס ווארט און געהאלטען א ספיטש, אפעלירענדיג צום פאטריאטיזם פון די לאקריצער.

„ברידער לאקריצער!" האט ער געזאגט, „לאקריץ איז אלע מאל אליין בעשטאנען איהר שטעדטעל. זי האט אלע מאל געהאט איהר אייגענעם רב, איהר אייגענעם שוחט, איהר אייגענעם שבת־גוי, איהר אייגענעם מרחץ און אלע אנדערע זאכען, וואס א אידיש

שטעדטעל דארף האבען. מיר זיינען קיינמאל ניט אנגעקומען צו דער לאסקע פון פרעמדע, אויסער אין דער צייט פון דער כאלערע, דערצעהלט מען, בעת מען האט געדארפט מאכען א חתונה אויפ'ן בית־עולם, אום צו סטאפען די כאלערע, האט מען ביי אונז אין שטעדטעל ניט געקענט געפינען קיין חתן פאר ציפע די געלעהמטע און מען האט געמוזט אויסשרייבען פון קובעבע יאשקע דעם בלינ־דען פאר א חתן פאר איהר.

„זייט דאן, ווערטהע ברידער, איז לאקריץ געווארען פער־שקלאפט ביי קובעבע, און עד היום קענען מיר זיך זיי ניט אויס־צאהלען. באט עס מוז דאך קומען א סוף. אמעריקא, האט מיר מיין באי דערצעהלט, איז אויך געווען אמאל פערשקלאפט צו די ענג־לענדער, און איצט איז זי א פרייע מדינה. פרעג איך אייך, ברידער, פארוואס זאלען מיר, לאקריצער, ניט טאן, ווי אמעריקא האט געטאן, און בעפרייען זיך פון דעם יאך פון קובעבע? דא איז א פרייע מדינה.

„אלזא, ווערטהע ברידער! איצט איז געקומען די צייט, אז מיר זאלען עס טאן און די לאקריצער לאנדסלייט זאלען ווערען אינ־דעפענדענט און מאכען א סאסייעטי פאר זיך און פאטראנייזען אונזערע אייגענע לאנדסלייט. א ספליט, ווערטהע ברידער, לאמיר מאכען! הורריי פאר אנשי לאקריץ!“

און די לאקריצער האבען זיך אפגעשפאלטען פון דער סאסיי־עטי „אנשי קובעבע ולאקריץ“, און זיי האבען שוין איצט אן אייגענע סאסייעטי: „אנשי לאקריץ“.

---

## א צווייטע קוני־לעמיל געשיכטע

בארני דער מלמד האט ערפאהרען, אז ער איז שוין מעהר ניט קיין בן־יחיד ביי קאלומבוס'ען; ניט, אז עס זיינען דא נאך היברו טיטשערס אין אמעריקא — דאס ווייסט שוין בארני פון לאנג — נאר, אז עס איז דא טאקי נאך א היברו טיטשער, א בארני מלמד, מיט'ן זעלבען נאמען, ווי ער.

און דוקא ניט ערגעץ וואו אין טעקסעס אדער קאליפארניען האט בארני ענטדעקט דעם צווייטען בארני, נאר טאקי אין ניו

יאָרק גופא, עפּעס מעהר ווי אַ שטונדע רייזע פון באַרני׳ס חדר — טאַקע אין סאַמע בראָנזוויל.

ער האָט אויך איין גאַס בעמערקט אַ סיין מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„די בעסטע היברו סקול אין יונייטעד סטייטס, אונטער דער מענעדזשמענט פון דעם גרויסען היברו טיטשער, פּראָפעסאָר באַרני דער מלמד. אונטעררי͏כט פון אלף־בית ביז בר־מצוה. היברו לעסאָנס געגעבען אין האָלסייל ענד ריטייל. אויך פּרייוועט לעסאָנס צו הויזע. ספּעשעל גאַראַנטי פאַר מפטיר און בר־מצוה. לעסאָנס אין קדיש וויִיל יו וועיט. אלעס צו מעסיגע פּרייזען. קומט אריין און איבערצייגט זיך."

איבערלעזענדיג דיזען סאַין, איז באַרני געבליבען שטעהן, ווי אַ פערגליווערטער: איז ער אין בראָנזוויל, אָדער ביי זיך אין הארלעם לעבען זיין חדר? ער האָט זיך ארומגעקוקט: ניין, ס׳איז בראָנזוויל און ניט הארלעם! איי, ווי קומט אהער באַרני דער מלמד? ווייס ער טאַקי ניט. אָדער אפשר איז ער ניט באַרני? און ער האָט אַ קוק געטאָן אין זיין קעשענע, אויב עס ליגט דאָרט דער קאַנטשיק! הייסט דאָך, אַז ער איז פאַרט באַרני. היינט ווען ער איז באַרני דער מלמד, ווי קומט אהער אין בראָנזוויל אַ באַרני מלמד?

נאָר טראַכט אהין, טראַכט אהער — דער סאַין זאָגט, אַז באַרני דער מלמד איז אין בראָנזוויל, און אונזער אלטער בעקאַנ־טער, באַרני דער מלמד פון הארלעם, האָט בעשלאָסען אריינצוגעהן אין דער היברו סקול, און זעהן, וואָס פאַר אַ באַרני דער מלמד זיצט דאָרט.

און באַרני דער מלמד פון הארלעם איז אריין אין דער היברו סקול פון באַרני דעם מלמד פון בראָנזוויל — און ער האָט דערזעהן אַ אידען זיצענדיג ביים טיש מיט אַ טייטעל אין איין האַנט און מיט אַ סטראַפּ אין דער צווייטער, און ער לערענט תורה מיט אַמע־ריקאַנער לויפערס, און טאַקי אזוי ווי ער, באַרני, אויפ׳ן אַמערי־קאַנער סטייל.

באַרני דער מלמד פון הארלעם איז געוואָרען אש להבה: כ׳טייטש, אי זיין פּעטענט צוגענומען, אי זיין נאָמען? וואָס אַמע־

ריקא גנב קען! און ער האט גלייך געפרעגט דעם בראנזווילער בארני:

„ווער זייט איהר, מיסטער?"

„איהר זעהט דאך, אז א היברו טיטשער!" האט דער בראנזווילער בארני געענטפערט.

„טאקי בארני דער מלמד?" האט דער הארלעמער בארני געפרעגט.

„וואס דען? אודאי בארני דער מלמד! ביי אונז אין בראנזוויל נעהען קיין בלאפס ניט אן! איך בין דער רעגעלער בארני דער מלמד, פארטין קערעט, אהן בלאפס, און איך מאך די ריכטיגע דזשאבס."

בארני'ן האט דאס שוין זעהר שטארק פערדראסען: אזא חוצפה! ער האט איינגעהאלטען דעם כעס אין זיך, און ער האט גענומען זיין בראנזווילער „גלגול" אויף א קראס־עקזאמינייישאן אויף א גאנץ רוהיגען אופן.

„אויב איהר זייט בארני דער מלמד, היינט ווער איז דאס בארני דער מלמד פון הארלעם?" האט ער איהם געפרעגט.

„איך וויים!" האט יענער תמ'עוואטע געענטפערט, „קנאפ פייקערס זיינען דא אין אמעריקא?"

אזוי? הייסט עס, אז דער אמת'ער בארני איז א פייקער? בארני האט שוין מעהר ניט געקענט אויסהאלטען. זיין געדולד האט איהם נעפלאצט, און ער האט אויסגעשריען:

„אויב אזוי, זאלט איהר וויסען, אז איך בין דער אמת'ער בארני דער מלמד, און איהר זייט דער פייקער!"

דער בראנזווילער איז אויך אין כעס געווארען, און אויפהוי־בענדיג זיך האט ער אויך א געשריי געטאן:

„סעי, מיסטער, איהר זאלט מיט מיר ניט פראווען קיין מאנקי־ביזנעס! גערארע היר ענד דאצאל!"

„איך וועל אויף אייך אנגעבען אין קאורט", האט אונזער בארני געשריען, „איך וועל אייך קלאגען פאר דעמעדזשעס פאר יוזען א פרעמדען נאמען פאר אן אדווערטייזמענט!"

און בארני האט מיט כעס א קלאפ געטאן מיט דער טיר און איז אוועק.

איהם האט זיך אבער פארט געוואלט וויסען, ווי אזוי עס קומט

אַ באַרני מלמד אין בראָנזוויל. לעבען דעם חדר האָט ער דערזעהן אַ סטענד. באַרני האָט בעשלאָסען ארומצופרעגען דעם סטענדקיפּער וועגען זיין בראָנזווילער „גלגול“. ער איז צוגעגאַנגען קויפען פּאַר אַ פּעני סאָדאַ־וואַסער, און פון איין טרונק ביז׳ן צווייטען איז ער מיט איהם דערוויייל אריין אין אַ שמועס.

אָנגעהויבען האָט באַרני פון ביזנעס, ביז ער איז ארויפגעקו־מען אויף דער היברו סקול.

„עפּעס אַ גוטער מלמד אָט דער, וואָס לעבען אייך?“ האָט באַרני געפרעגט דעם סטענד־קיפּער.

„ווער? מיסטער פיינקוכען?“ האָט דער סטענד־קיפּער גע־פרעגט.

„באַרני דער מלמד“, האָט באַרני געענטפערט.

„ער הייסט גאָר ניט באַרני!“ האָט דער סטענד־קיפּער געזאָגט, „מיסטער פיינקוכען הייסט ער.“

„אָבער דער סאַין?“

„אין אַמעריקאַ אויך מיר אַ דאגה אַ סאַין? דער סאַין הענגט שוין דאָ אודאי אַ יאָהר דריי, און מלמדים האָבען זיך דאָ געביטען שוין אודאי פינף, אויב ניט מעהר. און אָט דער מיסטער פיינקוכען האָט דאָס ניט לאַנג אָפּגעקויפט דעם חדר פּאַר אַ פינף־און־צוואַנציגער ביי דעם פריהערדיגען מלמד, און ער האלט איהם שוין אויך ביי פערקויפען. ער וויל בעסער קויפען אַ ראוט פון פרייוועט־לעסאָנס.“

„אָבער ווי קומט אהער באַרני אויפ׳ן סאַין, פרעג איך דאָך אייך?“

„איי, איהר זייט דאָך גאָר אַ גרינער!“ האָט דער סטענד־קיפּער געזאָגט מיט אַ שמייכעל. „איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז סאַינס קריגט מען דאָ אין אַמעריקאַ, יו נאָ... עס קאָכט מיט באַרני׳ן, נעהמט מען און מען מאַכט אַ סאַין מיט באַרני׳ס נאָמען.“

און באַרני האָט אויסגעטרונקען זיין סאָדאַ־וואַסער און איז אוועקגעפאָהרען מיט אַ רוהיגען הארצען אהיים, וויסענדיג, אַז אין אַמעריקאַ איז דאָ נאָר איין באַרני דער מלמד, און דאָס איז ער. אַלע אַנדערע זיינען פייקערס און בלאָפערס.

# ער קריגט אַן אַסיסטענט

באַרני דער מלמד האָט שוין אַן אַסיסטענט, ניט ווייל דער טרייד האָט זיך ביי איהם פערגרעסערט און ער קען זיך אַליין ניט ספּראַווען מיט די לויפערס, נאָר ווייל ער האָט געוואָלט געבען אַ שאַו זיינעם אַ קאָזין, וועלכער איז דאָ ניט לאַנג געקומען אין קאָלומבוס׳עס מדינה מאַכען אַ לעבען.

זיין גרינער קאָזין האָט אין דער היים געהייסען שלום, און ער האָט געהאַלטען אַ קרעמעל, און זיך געגוג געפּלאָגט מיט זיין ווייב און קינדער. איז ער געקומען קיין אַמעריקאַ, וואו באַרני האָט איהם אויפגענומען מיט אָפענע אָרימס און איהם געקרוינט מיט׳ן נאָמען סעם.

וואָס זאָל טאָן אַ גרינער איד אַ קרעמער אין אַמעריקאַ, וועל־כער איז נאָך דערצו אַ שטיקעל חלוש און האָט קיין פּעני ניט ביים לייב און זעעל? האָט צו איהם באַרני געזאָגט בזה הלשון:

„דו ביסט דאָך עפּעס אַמאָל אין חדר געגאַנגען, און געדענקסט, דאַכט זיך, לערנען, טאָ נעהם זיך צו מלמדות, און דו וועסט שוין מאַכען אַ לעבען. ביי קאָלומבוס׳ען, נישקשה, ווערט מען ניט פער־פאַלען.“

סעם האָט זיך אַן דיעזען פּלאַן גלייך אָנגעכאַפּט.

„אַ מלמד? אַ גאַנצער בעטרעף! איך האָב נאָך מיין תורה ניט פערגעסען, און איך האָף, אַז מיינע לומדות וועט קלעקען פאַר די אידען פון גאַנץ אַמעריקאַ“, האָט סעם מיט גדלות בעמערקט.

„כאַפּ זשע ניט, סעם!“ האָט איהם באַרני אָפּגעקיהלט אביסעל, „מיט לומדות אַליין קען מען דאָ קיין מלמד ניט ווערען, פונקט ווי אַ היימישער שניידער קען דאָ קיין שניידער ניט זיין. מען דאַרף האָבען עקספּיריענץ אויך. אָהן עקספּיריענץ וועסטו ניט מאַכען קיין סאַקסעס. דאָ, יו נאָ, איז ילד אַ בייבי, ניט קיין קינד. איך וועל דיך אָקאָרשט אריינגעהמען צו מיר אין היברו סקול פאַר אַן אַסיסטענט, און דו וועסט זיך ביסלעכווייז איינטרייען אין דעם טרייד, און דאַן וועסטו שוין קענען געהן פאַר זיך אין ביזנעס, און עפענען אַ חדר, אַ היברו סקול, ווי מען רופט עס דאָ, יו נאָ... דו מוזט זיך אויסגרינען, יו נאָ...“

און באַרני האָט איהם אריינגענומען אין זיין היברו סקול.

די ערשטע וואָך האָט איהם בארני גאָר ניט געלאָזט צו־שטעקען זיך צום טייטעל. ער האָט איהם געהייסען נאָר זיצען און וואַטשען, ווי ער לערענט, און אריינגעהמען אלע טייטשען אין קאָפּ, און אום ער זאָל זיי בעסער געדענקען, האָט איהם בארני געהייסען איבערשרייבען זיי אויף פּאַפּיר און איינ'חזר'ען זיי.

סעם האָט, נעבעך, גוט געשוויצט די ערשטע וואָך, חזר'נדיג די אלע טייטשען, וואָס ער האָט געהערט פון בארני'ס מויל. דאַן האָט ער געהאַט צרות ביים עקזאַמינייש אַן, ווארום בארני פלעגט איהם יעדען טאָג עקזאַמענירען, און איהם פלעגט אלע ווייל אויס־קומען צו הערען פון בארני'ן דעם נאָמען „גרינהאָרן".

פון דער צווייטער וואָך אָן האָט איהם שוין בארני ביסלעכ־ווייז צוגעלאָזען צום טייטעל. סעם פלעגט פערנעהמען בארני'ס טשער, און בארני פלעגט שטעהן איבער איהם און וואַטשען, ווי ער לערענט. איידער ער פלעגט פערנעהמען דעם טשער, פלעגט איהם בארני ווארנען:

„זעה, דו זאָלסט ניט ספּאָילען, און זעה אויך, צו וואַטשען די לויפערס, זיי זאָלען ביי דיר א פּסוק ניט צו'גנב'ענען, ביקאָז זיי זיינען געפעהרליכע לויפערס, און פון אונטער די הענט ווערט ביי זיי ניט א פּסוק."

בארני פלעגט אָבער באַלד צוריק אָפּנעהמען דאָס טייטעל ביי סעם'ען. ער האָט געדאַרפט נאָר דערהערען, ווי סעם טייטשט אָפּ „לך מעלי" — אוועק פון מיר! און בארני האָט אויף איהם א געשריי געטאָן:

„דו גרינהאָרן איינער! דאָ אין אמעריקא איז ניטאָ קיין אוועק פון מיר, נאָר געראַרי היר, יו נאָ... גיב מיר שוין דאָס טייטעל. דו ביסט נאָך גאָר גרין, ווי א לולב. אָט זעה, ווי איך וועל לערנען!"

און בארני האָט גענומען דאָס טייטעל און ביי איהם איז שוין געגאַנגען, ווי געשמירט. סעם האָט דערווייל גע'חזר'ט: „לך מעלי, געראַרי היר."

א ווייל שפּעטער גיט איהם בארני צוריק דאָס טייטעל, און סעם נעהמט מיט א קלאַפּענדען הארצען לערנען די קינדער. אָבער עס קומט צו „בחפזון", און סעם טייטשט „מיט איילענים". באַלד ביי איהם בארני צוריק ארויס דאָס טייטעל מיט א געשריי:

„ווייטער, גרינהאָרן? דאָ איז קיין איילענים ניטאָ! דאָ איז „האַרי אַפּ“, יו נאָ... איך זעה שוין, אַז פון דיר וועט שוין קיין רעגעלער אַמעריקען היברו טיטשער ניט אַרויסקומען. דו וועסט שוין מוזען ווערען אַ פּעדלער. דאָס איז די בעסטע זאַך פאַר דיר!“

סעם'ען ווערט קאַלעמוטנע אויפ'ן האַרצען, אָבער באַרני איז ניט קיין גזלן, און ער גיט איהם נאָך האָפנונג:

„וועל, איך וועל טרייען מיט דיר נאָך אַ וואָך! ביי קאָלומ־בוס'ען, יו נאָ, געהט עס ניט מיט די היימישע טיטשען. איהם דאַרפסטו פערטייטשען אויף פּליין מאַמע־לשון. וואַטש, ווי איך וועל לערנען, און דו האַלט דערוויילע דעם סטראַפּ, און שלאָג, ווען איך וועל דיר הייסען. ביי קאָלומבוס'ען, יו נאָ, מוז מען האַרעווען אויף צו מאַכען אַ לעבען. קיין ליידיגגעהער קריגט ביי איהם קיין שאָו ניט“.

סעם האָט זיך אָבער ביסלעכווייז איינגעטרייעט אין די אַמע־ריקאַנער טייטשען, און באַרני קוועלט גאָר פון איהם אָן. אמת, צו באַרני'ן קומט ער נאָך ניט, און עס וועט נאָך נעהמען לאַנג, ביז ער וועט ווערען אַ רעגעלער היברו טיטשער, ווי באַרני דער מלמד (אַזוי זאָגט באַרני אַליין), אָבער עס האַלט שוין אויף אַ דרך, און סעם האָט שוין פון זיך אַליין געטראָפען, אַז שבת שירה הייסט ביי קאָלומבוס'ען: „שבת סאָנג“.

„דו ביסט אָלרייט, סעם!“ האָט צו איהם באַרני געזאָגט, און ער האָט איהם געהייזט אויף זיינע ווייגעס אַ קוואָדער אַ וואָך, ד. ה. אַז סעם נעהמט שוין ביי באַרני'ן צוויי דאָלאַר מיט אַ קוואָדער אַ וואָך.

---

## דאַט'ס אָל באַרני מלמד!

באַרני דער מלמד איז שוין מיט מזל געוואָרען אוים היברו טיטשער, און ער וועט שוין מעהר ניט פּיטערען קאָלאָמבוס'עס צאָן קדשים אויף די פּאַשע פון אידישקייט און מגדל זיין זיי למפטיר, לבר־מצוה־ספּיטשעס, לקידוש ולקדיש.

זיין היברו סקול וועט אָבער בלייבען נאָך אין גרייטער ניו יאָרק אויף דעם זעלבען פּלאַץ אין דער האַרלעמער שוהלכעל, אַלס קוואַל פון ברכה פאַר'ן אַמעריקאַנער יודענטום. און אויף דער היברו

סקול וועט נאָך העגגען דער זעלבער סאַין, וואָס איז מכריז ומודיע וועגען די גרויסקייט פון „פּראָפעסאָר בארני דער היברו טיטשער".

אָבער אין דער היברו סקול וועט זיצען מיט'ן קאַנטשיק און טייטעל אַן אנדער מלמד, וועלכער האָט ביי בארני'ן אָפּגעקויפט דעם חדר מיט'ן ראוט פון די פּרייוועט לעסאָנס צוזאַמען. ווי רופט מען יענעם מלמד? אַ דאגה אייך אַ גרויסע! אבי דער נייער מלמד וועט טראָגען בארני'ס נאָמען און וועט געהן אין בארני'ס וועגען צו מאַכען פון אַמעריקאַנער לויפערס „פיסעס אידען" און לערנען זיי אויפ'ן אַמעריקאַנער סטאַיל מיט בארני'ס טייטשען אויף פליין אַמעריקען אידיש.

און סעם, בארני'ס גרינער קאַזין און אַסיסטענט? וועל, ער איז שוין אויך בעזאָרגט. ער איז שוין ניט קיין גרינער, וואָרים ניט אומזיסט איז ער געווען בארני'ס אַסיסטענט און האָט געהאַט אַ געלעגענהייט אויסצולערנען זיך דעם היברו־טיטשער־טרייד. ער איז שוין אינדעפּענדענט. האָט שוין זיין אייגענע היברו סקול מיט אַ ראוט פון פּרייוועט לעסאָנס, און דוקא אין בראָנזוויל. אויף זיין סאַין האָט ער זיך אדווערטייזט, אלס „פּראָפעסאָר סעם, געוועזע־נער אַסיסטענט פון פּראָפעסאָר בארני". ער ווייס שוין די ביזנעס, יו נאָ, און ער מיט קאָלאָמבוס'ען זיינען שוין גאָר ווי אנדערע צוויי.

און בארני אליין? וועל, וועגען איהם זאָלט איהר שוין גאָר ניט דאגה'ן. בארני קען ביי קאָלאָמבוס'ען ניט פערפאַלען ווערען. ער קען איהם אויסגעבונדען מיט אלע זיינע טריקס.

וואָס זשע טוט ער אָבער פּאַרט? ער האָט זיך געפונען אַן אנדער פּרנסה, אויסער מלמדות. קודם כל, מעגט איהר וויסען, אז ער האָט די כלי־קודש־עריי ניט געסעקט אין גאַנצען און דעם טיטעל „רעוורענד" האָט ער ניט אויפגעגעבען. ער איז אַ מסדר־קדושין, אַ יאָהרצייט־פּראַווער, אַן אל־מלא־רחמים מאַכער און נאָך אַזעלכע אידישע דזשאָבס. אלזאָ, ער וועט בלייבען ביי די אלע פּרנסות אויך אויף ווייטער.

ועל כולם אָבער, וועט בארני זיין אַ לעטער־שרייבער. דאָס וועט זיין זיין הויפּט־טרייד, און ער האָט שוין אויפגעהאַנגען אַ סאַין, לאמר אזוי צו זאָגען:

„פּראָפעסאָר בארני, דער בעוואוסטער לעטער־שרייבער. שרייבט לעטערס צו מעסיגע פּרייזען אויף פליינעם אַמעריקען

אידיש, מיט גראַמען און אָהן גראַמען, פון חתנים צו כלות און פון כלות צו חתנים, פון עלטערען צו קינדער און פון קינדער צו עלטערען, פון ווייבער צו מענער, וואָס זיינען אוועק אויפ'ן ראוט, און פון מענער צו ווייבער, וואָס זיינען אוועק אין דער קאָנטרי, פון ווייבער צו אַנטלאָפענע מענער, און פון מענער צו אַנטלאָפענע ווייבער, און בכלל לעטערס על כל צרה שלא תבא, וואָס פאַר א טראָבעל עס זאָל זיך ניט מאַכען. קומט צו מיר, און איך וועל אייך אַלעמען צופריעדען שטעלען. סודות געהאַלטען סטריקטלי קאָנפי־דענשעל."

בארני האָט זיך אין דער היים א בעזונדער רומקע, וואוהין ער נעהמט אריין די קאָסטימער נאָכ'ן נעקסט, פערשפאַרט זיך, און שרייבט... זיין ווייב, מרת בארניכע, איז אמת געוואָרען אביסעל „דזשעלעס", און ווי זי דערזעהט נאָר, אַז בארני פערשפאַרט זיך אין רומקע מיט א פרויענצימער, ווערט זי גאָר אַן אָנגעצונדענע. פערשיידענע מחשבות נעהמען איהר דאַן קריכען אין קאָפּ: ווער וויים וואָס איהר בארני טוט דאָרט? דעם אמת זאָגענדיג, ווייסט איהר דאָך, אַז בארני איז שוין עפּעס ניט קיין יונגער צוציק און ער טראַכט וועגען א לעבען מאַכען און ניט וועגען כל המיני נאַריש־קייטען. אָבער געהט טענה'ט מיט א אידענע! זי איז „דזשעלעס", און טראַכט זיך: א קשיא אויף אמעריקא!

* * *

אוים בארני מלמד! נאָר זיין תורה לעבט: איהר וועט זי אין יעדען ווינקעלע געפינען אין קאָלומבוס'עס מדינה...